STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00125

BRENENDIKE LIKHT

Bella Chagall

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Dr. Bernard & Irene Metrick
in memory of
Minnie Metrick Pronin & Anna Perlman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בעלאַ שאַגאַל

ברענענדיקע ליכט

ציַיכענונגען פון
מאַרק שאַגאַל

פאָלקס-פאַרלאַג
ביים אידישן פראַטערנאַלן פאָלקס-אָרדן
ניו-יאָרק, 1945

BRENENDICKE LICHT

By BELLA CHAGALL

Drawings by

MARC CHAGALL

Copyright, 1945

Published by
Book League of the Jewish Peoples Fraternal Order, IWO
80 Fifth Avenue, New York 11, N. Y.

Printed in the U.S.A.

209

בעלאַ שאַגאַל (בעלאַטשקאַ) איז געבאָרן געוואָרן דעם 15טן דעצעמבער, 1895, אין וויטעבסק, אין אַ פּאַרמעגלעך הויז פון ליובאַוויטשער חסידים.

איר פאָטער — ר׳ שמואל נח ראָזענפעלד, די מוטער — אַלטע (פון דער היים — לעוואַנט).

בעלאַ איז געווען די אינגסטע פון זיבן קינדער. זי האָט געענדיקט די וויטעבסקער פרויען־גימנאַזיע. אין 1912 איז זי אַנגעקומען אין מאָסקווער אוני־ווערסיטעט אויפן היסטאָריש־ליטעראַטור־פילאָסאָ־פישן פאַקולטעט. ביים פאַרענדיקן האָט זי אָנ־געשריבן צוויי דיסערטאַציעס: 1) „די באַפרייאונג פון רוסישע פויערים״, און 2) „דאָסטאָיעווסקי״.

אין אירע סטודענטן־יאָרן האָט זי אויך מיט־געאַרבעט אין דער מאָסקווער צייטונג „אוטראָ ראָסיאי״.

אין 1914 קומט מאַרק שאַגאַל אַהיים פון פּאַריז קיין וויטעבסק. מאַרק און בעלאַ, פריינט פון דער פריסטער יוגנט, האָבן חתונה געהאַט אין וויטעבסק דעם 25טן יולי, 1915.

אין 1922 באַזעצט זיך די פאַמיליע שאַגאַל אין פּאַריז. בעלאַ איבערזעצט און רעדאַגירט אין פראַנ־צויזיש שאַגאַלס אויטאָביאָגראַפיע „מיין לעבן״.

בעלאַס רייזע קיין ארץ־ישראל אין 1931, איר רייזע קיין ווילנע אין 1935 — דאָס אידישע לעבן ווירקט אויף איר אַזוי, אַז זי נעמט שרייבן אידיש.

בעלאַ איז געשטאָרבן דעם 2טן סעפּטעמבער, 1944, אין דעם זומער־אָרט „קרענבעררי לעיק״, אין די אַדיראָנדאַק־בערג, ניו־יאָרק.

ב ר ע נ ע נ ד י ק ע ל י כ ט

ירושה

א מאָדנע זאַך, מיר האָט זיך פאַרוואָלט שרייבן. און שרייבן גאָר אויף מיין שטאַמלדיק מאַמע־לשון, וואָס אויף אים, זינט איך האָב פאַרלאָזן מיין טאַטע־מאַמע היים, איז מיר כמעט נישט אויסגעקומען צו רעדן.

אַזוי ווייט ווי מיינע קינדער־יאָרן האָבן זיך אָפּגערוקט פון מיר, אַזוי נעענטער און נעענטער האָבן זיי זיך מיטאַמאָל צו מיר צוגערוקט, ווי זיי אַליין וואָלטן מיר אָטעמען אין מויל אַריין.

איך זע זיך אַזוי קלאָר, — אַ גראָבינקע, אַ קליין מיידעלע, וואָס לויפט אַרום איבער דער שטוב, שטופנדיק זיך פון איין טיר אין דער אַנדערער, באַהאַלט זיך, ווי אַ פאַרדרייט ווערעמל, מיט די פיס אַרויף אויף אונדזערע ברייטע אונטערפענצטער.

דער טאַטע, די מאַמע, די ביידע באָבעס, דער שיינער זיידע, אייגענע און פרעמדע משפחות, באַלעבאַטים און קבצנים, חתונות און לוויות, אונדזערע גאַסן און גערטנער, — אַלץ שווימט פאַר מיינע אויגן, ווי די טיפע וואַסערן פון אונדזער דווינע.

מיין אַלטע היים איז שוין מער נישטאָ. אַלץ איז פאַר־שוואונדן און אַפילו — טויט.

דער טאַטע, זאָל זיין אַ גוטער בעטער פאַר אונדז, איז גע־שטאָרבן. די מאַמע לעבט — און גאָט ווייסט, צי זי לעבט נאָך — אין אַ גאָר, פאַר איר, פרעמדער גויאישער שטאָט.

די קינדער — צעשפּרייט איבער דער און יענער וועלט, וואו — ווער.

אָבער יעדער, ווי אַ שטיקל תכריכים פון דעם טאַטן, האָט מיטגענומען, אַנשטאָט די פאַרשוואונדענע ירושה, דעם אָטעם פון די עלטערנס הויז.

איך וויקל פֿאַנאַנדער מיין שטיקל ירושה, און צו דער נאָז הייבט זיך גלייך אויף דער ריח פֿון מיין אַלטער היים.

אין די אויערן נעמען קלינגען די געשרייען פֿון דער קראָם און דעם רבינס ניגונים פֿון די יום-טובדיקע טעג. פֿון יעדער לאָך שטעקט אַרויס אַ שאָטן, און ווי איך ריר אים נאָר אָן, פֿאַר־שלעפֿט ער מיך, ווי אין אַ כאַראַוואַד, מיט אַנדערע שאָטנס.

זיי שטופּן זיך, גיבן מיר אַ שטויס אין די פּלייצעס, טאַפּן מיך אָן פֿאַר די הענט, פֿאַר די פּיס, ביז אַלע צוזאַמען פֿאַלן זיי אויף מיר אָן, ווי אַ מחנה זשומענדיקע פֿליגן אין אַ היציקן טאָג.

איך ווייס נישט, וואו אַהינצוטאָן זיך פֿון זיי. האָט זיך מיר איין מאָל טאַקע זייער פֿאַרוואָלט אַרויסרייסן פֿון דער פֿינצטער־קייט אַ טאָג, אַ שעה, אַ מאָמענט פֿון דער פֿאַרשוואונדענער היים.

אָבער ווי לעבט מען אויף אָט דעם מאָמענט?

גאָט מיינער, ס'איז דאָך אַזוי שווער אַרויסצוציען פֿון די אויסגעדאַרטע זכרונות אַ שטיקל פֿון אַמאָליקן לעבן! און ווי, אַז זיי לעשן זיך גאָר אויס, מיינע מאָגערע זכרונות, און שטאַרבן אַפֿילו אײַנגאַנצן אָפּ מיט מיר אינאיינעם?

פֿאַרווילט זיך מיר זיי אָפּראַטעווען.

דערמאָן איך זיך, אַז דו, מיין געטרייער פֿריינט, האָסט מיך אָפּטמאָל גוטמוטיק געבעטן דערציילן דיר מיין לעבן פֿון דער צייט, ווען דו האָסט מיך נאָך נישט געקענט.

שרייב איך עס טאַקע פֿאַר דיר.

אונדזער שטאָט איז דיר נאָך טייערער, ווי מיר. און דו, מיט דיין פֿולן האַרץ, וועסט שוין פֿאַרשטיין אַפֿילו דאָס, וואָס מיר וועט נישט געלינגען צו דערציילן.

אָבער איין זאַך פּייניקט מיך — מיין זים טעכטערל, וואָס האָט פֿאַרבראַכט (אמת, אַלס איין-יאָריק קינד) נאָר איין איינצל יאָר פֿון איר לעבן אין מיין טאַטע-מאַמעס היים, וועט זי מיך פֿאַרשטיין? לאָמיר האָפֿן, אַז יאָ.

סענט־דיע, פֿראַנקרייך, 1939.

דער הויף

בײַטאָג, נאָכן וואַרעמעס, בלײַבט די שטוב אַליין. אַלע צעגייען זיך.

אַ גרויסע שטוב, און קיינער איז נישטאָ.

כאַטש נעם און לאָז אַרײַן די ציג פֿון הויף, צי די הינער פֿונעם פּאַפּליטש.

בלויז פֿון קיך הערט זיך אַ קלאַפּערײַ פֿון טעלערס, וואָס מע וואַשט דאָרטן איבער.

— ׳סט אויסגעקערט דאָס עס־צימער?

ס׳קול פֿון קיך שטופּט אַרויס סאַשען מיט אַ לאַנגער באַרשט אין האַנט.

— וואָס טוסטו דאָ? — פֿאַלט זי אויף מיר אָן.

— גאָרנישט! — ענטפֿער איך, ווי אַלע מאָל.

— גיי אַוועק, כ׳דאַרף אויסקערן די שטוב.

— ווער לאָזט דיר נישט? קער!

זי קערט אויס דעם דיל, און מיטן מיסט קערט זי אויס די לעצטע קולות, וואָס האָבן זיך געהערט אין צימער. דאָס עס־צימער קילט זיך אָפּ.

די ווענט ווערן מיטאַמאָל אַלט, זיי קריכן אין די אויגן מיט זייער אָפּגעבליכט פּאַפּיר. דער ליידיקער טיש בלײַבט שטיין, ווי אַן איבעריקער אין מיטן צימער.

ס׳דוכט זיך, איך אַליין בין דאָ אויך אַן איבעריקע.

וואוהין זאָל איך זיך אַהינטאָן?

בלאָנדזשע איך איבער דער שטוב.

איך קום אַרײַן אין שלאָף־צימער. די בעטלעך, צוגעבעטע, שטייען ווי פֿאַרשלאָסענע.

— ווער וועט זיך אויף זיי אָנידערלייגן אינמיטן טאָג?

דעם טאַטנס־מאַמעס הויכע בעטן שרעקן אָפּ מיט זייער בלישטשענדיקן ניקל.

די ניקלנע שטענגלעך פון פאַרנט, פון הינטן, די גראָבע קוגלען היטן זיי, ווי סאָלדאַטן אויף אַ וואַך.

גייט מען צו נעענטער צו זיי, שיסט אוים דער ניקל מיט זיין גלאַנץ. איך גיב אין אים אַ קוק — מיין צורה איז צעקרימט, מיין נאָז צעשפּאָלטן.

איך לויף פון אים אַוועק און שטוים זיך אָן אָן אַ פאַר־מאַכטער טיר.

איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז ס׳איז דאָ אַ זאַל.

די טיר — שטענדיק צוגעמאַכט. כ׳האָב אַפילו פאַר אים מורא. זייט מיין ברודערס חתונה, ווען צוליב די מחותנים האָט מען איבערגעביטן די אַלטע „ווינער" שטולן אויף ניי ווייך מעבל, — איז דער זאַל פרעמד געוואָרן, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעטיילט פון אונדזער דירה.

אין זאַל איז פינצטער, אויף דער קאַנאַפּע ליגט אַ געדיכטער מאָך — אַ דיקער גרינער פּליוש.

זעצט מען זיך אויף זיי אַנידער, זאָל דאָס זיין בלויז די קאַץ, גיבן זייערע שטאָלענע פּרוזשינעס אַ קרעכץ, ווי זיי וואָלטן שטענדיק זיין קראַנק און נישט קאָנען אַריבערטראָגן, אַז ווער עס איז זאָל זיי אַ קוועטש טאָן.

דער טעפּיך — אויך אַ גרינער, ווי ס׳וואָלט וואַקסן גראָז אויף אים. און די פאַר ראָזע בלומען, אויסגעשטעפּטע אין מיטן טעפּיך, שטופּן יעדערן פון זיך אָפּ, ווי ס׳וואָלט אויף אים שטיין אַ שאָטן פון עמעצנס פּיס, וואָס לאָזט קיינעם נישט אַרויפטרעטן אויף אים.

אַפילו דער הויכער, לאַנגער שפּיגל איז אויך געוואָרן גרין. טעג און נעכט שפּיגלט זיך אין אים אָפּ דער גרינער מעבל־גאַרניטור.

אַן אַלטע פּאַלמע שטייט עלנט לעבן פענצטער און טריקנט זיך פון אומעט אין דער גרינער לופט.

ס'פענצטער — שטענדיק פארמאַכט, פאַרהאַנגען, זעט די פּאַלמע קיינמאָל נישט די זון.

אַנשטאָט דער זון, לויכטן איר אַ פּאָר בראָנזענע קאַנדעליאַברעס, וואָס שטייען אין די ווינקלען אויף הויכע טישלעך. פון די קאַנדעליאַברעס שטעקן אַרויס קורצע, ווייסע ליכט, וואָס מע צינדט זיי קיינמאָל נישט אָן. פונעם באַלקן הענגט אַראָפּ אַ „ליוסטרע" אויך פון בראָנז, בלויז די צוגעטשעפּעטע שטענגלעך פון ווייסן קרישטאָל מאַכן זי לעבעדיק.

ביינאַכט מיינט די פּאַלמע, עס לויכט איר וואָס פונעם באַלקן-הימל און אַז פון די קרישטאָל-הענגלעך בלישטשען שטערנדלעך אַראָפּ.

איז זי שטאַרקער פון אייזן, ווען זי האַלט אוים אַ טאָג נאָך אַ טאָג, חדשים, יאָרן.

קיינער פאַרהאַלט זיך נישט אין זאַל. איטלעכער לויפט נאָר אים דורך, ווי אַ בריק, וואָס פירט פון איין צימער צום אַנדערן.

אמת, דער טאַטע דאַוונט דאָרטן אין דער פרי אין טלית און תפילין. מסתמא מיינט ער, ער איז אַרוים דאַוונען אויף אַ גרינעם פעלד.

און ווען ער גייט אַהין אַריין אין מיטן טאָג אויפזוכן אַ ספר אינעם ספרים-אַלמער, גיט ער אויף דעם מעבל אַפילו נישט קיין קוק.

דער ספרים-אַלמער איז דאָס איינציקע אַלט מעבל, וואָס איז איבערגעבליבן אין זאַל. ער איז געבליבן שטיין, וואו ער איז אַלעמאָל געשטאַנען, אין אַ ווינקל לעבן טיר.

אַוודאי דערפאַר, וואָס אַן אַנגעפּאַקטער מיט ספרים, האָט מען אים נישט געקאָנט רירן פון אָרט.

פאַרטיפט אין זיינע ספרים, שטייט שטיל דער אַלמער, ווי ער וואָלט נישט האָבן קיין שייכות צו דעם גאַנצן לעבן פון דער שטוב.

איך גיי צו אים צו ווי צו אַן אַלטן קרוב, גיב אים אַ טאַפּ,

זיינע קורצע פיסלעך צעקרעכצן זיך. זיי איז שווער אויסצוהאַלטן אויף זיך דעם גאַנצן ספרים-אַלמער.

איך גיב אַ קוק אין זיינע גלעזערנע טירן.

אַ פּאָליצע אויף אַ פּאָליצע. יעדע, ווי אַ קלויז פאַר זיך.

דאָ, אין שוואַרצע טאָוולען, האַרט איינס לעבן דעם אַנדערן, שטייען מיטן רוקן צום גלאָז הויכע, דאַרע גמרות, ווי אַלטע אידן, אויסגעשטעלטע ביי אַ וואַנט צו שמונה-עשרה.

אויף אַן אַנדער פּאָליצע בלאָזן זיך דיקע חומשים און מחזורים, סידורים, תהילימס. קרבן-מנחהס זיינען אַזוי פיל אָנ־געוואָרפן אויף די גאָר נידעריקסטע פּאָליצעס, אַז מע הערט, כמעט, פון דאָרטן אַ מורמל.

מיר דוכט, די אַלע ספרים האָבן זיך צערודערט, וואָס איך קוק אויף זיי. איך לויף אַוועק, זיי שרייען מיר נאָך אין רוקן, ווי מיין אַלטער זיידע האָט געשריען אויף דער מאַמען, פאַרוואָס מען לערנט מיך רוסיש, פאַרוואָס נעמט מען נישט בעסער אַ גוטן מלמד, וואָס זאָל מיך לערנען אידיש.

— אוי! — דערמאָן איך זיך. — ס׳דאַרף טאַקע באַלד קומען מיין קליינטשיקער רבי, מיט וועלכן איך וועל אַנטשלאָפן אויפן אלף-בית.

איך מוז זיך ראַטעווען פון אים.

— וואוהין לויפסטו, ווי אַ משוגענע, באַשקע? — שטעלט מיך אָפּ סאַשע.

— וואָס איז דיר פאַר אַ דאגה? — וואַרף איך איר אָפּ. — ערגעץ נישט!

איך לויף אויפן הויף אַרוים.

דער גאַניק, כאָטש פון אייזן, בויגט זיך אונטער די פיס. די שפּאַלטן — דין און שיטער. אין די לעכער פאַרשטעקן זיך די קאָרקעס.

דער מויער — הויך. פון אונטן, פון אויבן לויפן טרעפּ אַרויף, אַראָפּ. איינס שלענגלט זיך איבער דעם אַנדערן.

די פֿאַרענטשעס האַלטן זיי אונטער, ווי מיט קייטן.

די סאַמע אויבערשטע טרעפּ לויפֿן אַרויף צו דעם גלעזערנעם בוידעם, וואו עס וואוינט אַ פֿאָטאָגראַף.

די נידעריקסטע טרעפּ גליטשן זיך אַרונטער, שטעלן זיך אָפּ, כמעט, אין מיטן הויף.

דאָרטן, אונטער דעם גאַר־אונטערשטן שטאַפּל, בין איך ביי זיך. דאָ שפּיל איך זיך. דאָ איז מיין קראָם. דאָ טריקענען זיך מיינע באַבקעס פֿון נאַסן זאַמד. עס ליגן בלעכענע שאַכטלעך פֿון אונטער קילקעס, אָנגעשאָטן מיט גרויפּן, מיט האָבער, מיט אַלערליי שטיינדלעך, שערבלעך, שטיקלעך פֿאַרביקע גלאָז. אַלץ, וואָס איך געפֿין אויפֿן הויף און וואָס איך באַהאַלט פֿון אַ פֿרעמדן פּוס, ער זאָל עס נישט צעטרעטן.

דער הויף — קליין, פּירעקיק, ווי אַ קאַסטן איינגעמויערט אין הויכע ווענט. עס וואוינט דאָרטן אַ וועלט מיט מענטשן. די זון קומט אַהער נישט צו. פֿון אויבן לויכט אַ שטיקל הימל. פֿון די ווענט פֿאַלן שאָטנס ליכט אַראָפּ.

רונד אַרום — פֿענצטער, טירן פֿון דעם גרויסן האָטעל „בראַזי“. יעדער פֿענצטער — אַ באַזונדערע דירה. פֿון יעדן שטעקט אַרויס אַן אַנדער קאָפּ. און יעדן טאָג אַן אַנדערער. ווי נאָר עס קומט צופֿאָרן אַ נייער מענטש, לאָזט זיך אַראָפּ דער פֿאָרהאַנג פֿון דעם פֿענצטער.

— דו זעסט, פּאַנעטשקע, נייע געסט געקומען! — ווייזט מיר אויף דעם פֿאַרהאַנגענעם פֿענצטער דער בעקער, וואָס איז אַרויס זיך אָפּקילן אויפֿן הויף. — מסתמא, ערשט פֿון באַן, רוען זיי זיך אויס. וועסט נישט ליאַרעמען, מיידעלע אויפֿן הויף, האָ? — גיט ער מיר אַ זאָג, טוט אַ שלונג פֿרישע לופֿט און גייט שטיל צוריק אין קיך אַריין.

איך ליאַרעם?

איך האָב נישט געהאַט קיין צייט אים עס פֿרעגן. ער וואָלט

מיר כאַטש זאָגן, פאַרוואָס זיינען אַלע מיד, די וואָס קומען צו פאָרן? די באַן לויפט דאָך, נישט זיי.

דער אַלטער בעקער וויסט, אַז איך האָב מורא פאַר אים. מורא פאַר זיין מיט מעל פאַרשאָטענער צורה, פאַר זיין הויך, ווייס היטל און ווייסן באַלאַכאָן.

איך ליאַרעם?

איך זיץ דאָך רואיק אויף די טרעפּ. עס ליאַרעמט געגוג אַן מיר אויפן הויף.

די באַדינער פון האָטעל טראָגן זיך דאָרטן, ווי מייז אַרום. אַהין, אַהער, איינער גייט אַרויס, דער אַנדערער אַריין. דער שלעפּט וואָס, יענער לייגט וואָס אַן, ליידיקט אויס.

אידענעס פון גאַס קומען פאַרקויפן אייער, הינער, סמעטענע. ווערט אַ הו־האַ.

די הינער קוואָקטשען. די קאַץ קריכט אונטער די פיס, זוכט וואָס אַ נאַש טאָן.

דער הונט לויפט אַריין, די צונג אויסגעצויגן, דער עק פאַר־ריסן. דערשרעקט דעם האָן, וואָס רייסט זיך פון די הענט. די קאַץ באַהאַלט זיך אין אַ ווינקל.

דער הונט לויפט אַרום איבערן גאַנצן הויף, שמעקט אומעטום אויס, ווי ער וואָלט דאָ געווען דער הויפּט־אָנגעשטעל־טער, וואָס דאַרף אָפּגעבן וועגן אַלץ אַ חשבון דעם באַלעבאָס. די באַדינער שטופּן, זידלען זיך.

— קויף דעם האָן! — בעט זיך ביי זיי די טרעגערין.

— גיי מיט דיין האָן צו אַלדע שוואַרצע יאָר! ער איז עלטער פאַר תרחן!

— גאָט איז מיט דיר! זאָלן אָפּדאַרן מיינע הענט און פיס, ווען איך נאַר דיך אויס!

— טראָג זיך פון דאַנען אַוועק, אַלטע מכשפה! הערסט, וואָס מע זאָגט דיר? אַניט . . .

די אַלטע אידענע אינאײנעם מיטן האָן אין האַנט, ווערן אַנטשוויגן.

זי בלײבט וואַרטן. אפשר וועט בײ דעם גוי אָפּגײן דער כעס. אַט איז ער איצט אָנגעפאַלן אויף אַן אַנדערן.

— וואוהין קריכסטו, „טשאָרט״ דו אײנער? ס׳ט מיר אַרײנגעקאַטעוועט דעם פּעסל גלײך אין בלאָטע אַרײן!

— ווער, וואָס? ס׳ט זיך, אַוודאי, אָנגעטרונקען, הינטישע מאָרדע דײנע. טשעפּעסט זיך צו יעדן. וואַרט, איך וועל דיך...

— הײ, פּיאָטר, סטעפּאַן! — שרײט מען צו זײ פון דער קיך אַרויס. — פאַרברענט זאָלט איר בײדע ווערן! איר׳ט שוין אָפּגעשײלט די בולבע? די קעכין וואַרט...

די בײדע גוײם זיך פאַנאַנדערגענומען, לויפן צוריק אַוועק.

— פּיאָטר, נעם דעם האָן מיט זיך! — לויפט זײ נאָך די טרעגערין. — ווײז אים דאָרטן אויפן קיך! לאָז אים נאָר אַ בראָט טאָן, וועט איר זען, איר וועט לעקן די פינגער!

קײנער הערט זי נישט. זי שרײט אױס איר האַרץ.

מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, שפּאַרט זי צוריק דעם האָן אין קערבל אַרײן.

— גלאַ—אַשע . . . ע . . . ע, וואו ביסטו . . . או? — ציט זיך פלוצים אויס פון אַ פענצטער אַ לאַנגער רוף, ווי אַ סווישטש פון אַ פײפל.

— גלאַ—אַשע . . . ע, קום אהער! וואו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן? די באַרינױע פון נומער אײנס רופט דיך . . .

בלויז די וועשערקעס פון האָטעל, וואָס פלעטן וועש בײ די אָפענע פענצטער, זידלען זיך נישט. זײ זינגען, ווי די היץ פון זײערע אײזנס וואָלט צעוואַרעמען זײער האַרץ. אַמאָל דוכט זיך, זײ שלוכצן. זײער טרויעריקער ניגון ציט זיך, ציט זיך, ווי עס ווערט נישט קלענער דער באַרג וועש, וואָס מע וואַרפט זײ אָן צו פלעטן.

מיט אַמאָל לויפן אין הויף אַרײן דעם באַלעבאָס׳ צווײ יונגע

טעכטער. זיי קוויטשען פון געלעכטער.

איך גיב אַ שפּרונג צו זיי, שפּרינג גלייך אָפּ.

די מיידלעך שפּריצן, ווי מיט בלוט זיי קנאַקן מיט די ציין פּריש־אָפּגעקאַכטע רויטע ראַקעס.

— וואָס טוט איר ? פּע !

עס דוכט זיך מיר, זיי שלינגען בלוטיקע מייז אַראָפּ.

— איוואַן ! — גיבן זיי ביידע אַ געשריי אין דעם אָפֿענעם שטאַל אַריין. — פיר אַרויס די פערד, מיר ווען באַלד פאָרן שפּאַצירן !

אינעם שטאַל צעהירזשען זיך צוויי הויכע פערד, ווי מע וואָלט זיי רופן.

זייערע שוואַרצע פעטע רוקנס גלאַנצן, ווי אויסגעשמירטע מיט וואַקס. טרערעלעך שוויים קייקלען זיך איבער זייער פעל. צעפּאַרעטע, בריקען זיי זיך מיט די פיס, טרייסלען מיט די וויעס. ווי בלינדע, זוכן זיי דעם זאַק האָבער, וואָס דער קוטשער האָט אויפגעהאַנגען אויף דער וואַנט.

זיי קריכן מיטן קאָפּ אין זאַק אַריין און ווערן דאָרט אַנט־שלאָפן. בלויז דער לאַנגער האַלדז אָטעמט, בויגט זיך, ווי אַן אויסגעצויגענער טראָמפּייט.

דעם קוטשערס האָר און שטיוול גלאַנצן אויך פון פעטס. ער שטייט לעבן די פערד, גלעט זיי.

— איוואַן ! — רוף איך זיך צו אים אָן — ביסט דאָך ערשט געקומען צו פאָרן פון שטאָט ?

— „סלוזשבאַ ניע דרוזשבאַ״, אַ, מיין פערד ? — גיט איוואַן דעם פערד אַ שטאַרקן טאָפּ אָן אַ זייט.

די ביידע פערד שטעקן אַרויס פונעם זאַק אַן אויג און גיבן אַ וואָרף אַ קוק אויפן קוטשער : וואָס לאָזט ער זיי נישט עסן ? זיי לאָזן אוים דעם כעס אויף די פליגן, וועלכע זיי פאַרשמייסן מיט די עקן.

זייערע צעהיצטע פיס שטייען נישט איין. די קני בויגן זיך

אונטער, גלײַכן זיך אוים. די קאַפּיטעס קראַצן דעם באָדן, ווילן אויספּרואוון, וואָס ליגט אונטער זײַערע פים.

אָט ערשט זיך געטראָגן איבער דער שטאָט, אין איין פלינק אויג דורכגעלאָפן אַ גאַס נאָך אַ גאַס, און דאָ, אין שטאַל, ווי זיי גיבן זיך נאָר אַ ריר פון אָרט, שלענגלט זיך נאָך זיי אַ שווערע אײַזערנע קייט, מיט וועלכער זיי זײַנען צוגעבונדן צו דער באַלקע.

— הרררר... — צעהירזשען זיי זיך אין מיטן עסן.

— ממו... ממו... — דערהערט זיי די בהמה פון איר שטאַל און הויבט אָן מוקען.

איך קאָן זיך נישט אײַנהאַלטן. כ׳לויף צו איר צו.

די פערדס שטאַל איז כאָטש אָפן, זיי האָבן שטענדיק פרישע לופט. די בהמה אָבער איז פאַרשפּאַרט, ווי אַ גנבטע אין אַ תפיסה.

אַ שיינע, רויטע בהמה, און מע שעמט זיך מיט איר. איר שטאַל איז פינצטער, קויטיק, ליגט אויפן עק הויף, לעבן דעם מיסט־קאַסטן. די ווענטלעך דין. דער קלענסטער ווינט בלאָזט זיי אַדורך. עס שפּריצט אַרײַן דער רעגן דורך די לעכלעך.

אַ גרוים לאָך פון טיר דינט איר פאַר אַ פענצטערל. דורך אים קוק איך זי אָן.

זי ליגט אָן כוחות, אײַנגעזונקען מיטן בויך און פים אינעם קויטיקן שטרוי. אַ ראַיע פליגן בייסן זי.

די בהמה רירט זיך נישט פון אָרט, ווי זי וואָלט זײַן אַ קופּע מיסט.

איז זי טאַקע אַזאַ פויליאַטשקע?

זי הערט דאָך דעם זשומען פון די פליגן און זעלטן, נישט־ווילנדיק, גיט זי אַ הויב איר דינעם, לאַנגן עק, וואָס איז געוואָרן האַרט פון קויט און שמייסט מיט אים די פליגן אָפּ. פון איר גאַנצן גוף לעבט בלויז איר קאָפּ.

דאָ, איין אויער גיט זיך אַ הויב, דאָ אַן אַנדערער לאָזט

זיך אַראָפּ.

די בהמה כאַפּט אויף יעדן געוויש, וואָס לאָזט זיך הערן פונעם הויף. אין איר שטילן אומעט פאַר אַ גאַנצן טאָג, צעקייט זי לאַנגזאַם יעדן קלאַנג באַזונדער.

איר נאַסע מאָרדע — אַ פאַרוויינטע. די אויגן — אָנגעגאָסן מיט טרערן, וואָס בלייבן שטיין אין אירע ווייסלעך. נאָר ווען־ניט־ווען קייקלט זיך אַ טרער איבער איר לאַנגער נאָז אַראָפּ. איך קאָן נישט אויסהאַלטן איר קוק. ווי אַ שווערער שטיין ליגט ער זיך אויפן האַרצן, ווי איך וואָלט זיין שולדיק, וואָס זי איז פאַרשפאַרט.

— ממו... ממו... — פליסטער איך אין דעם פינצטערן לאָך אַריין.

— ממו... ממו... — ענטפערט זי מיר שווער און לאַנג, און קוקט שוין אויף מיר מיט אַ שטילער פרייד, וואָס עמעצער האָט זיך דערמאָנט אָן איר.

זי ווייסט אָבער, נישט איך וועל זי באַפרייען, נישט איך וועל איר עפענען דאָס טירל פונעם שטאַל.

לאָזט זי ווייטער אומעטיק אַראָפּ דעם קאָפּ און בלייבט ליגן, ביז עס קומט די צייט פון מעלקן.

ווי נאָר זי דערהערט דעם ריח פון קלייען, וואָס מע פאַרגיסט מיט זודיק וואַסער, קלייבט זי גלייך צונויף איר הענגענדיקן בויך, אירע פיס, אירע אייטער און שטעלט זיך אַוועק ביי דער טיר.

זי שטייט, סאָפּעט מיטן נאָז און וואַרט. הערט זיך צו צו יעדן טראָט.

זי הערט, ווי סאָשע בראָקט אַריין אין איר קאַדקע גראָבע שטיקער בורעקעס מיט לאַנגע בלעטער, געקאָכטע בולבע, מערן. זי הערט, ווי די דינסט גיסט־צו זודיק וואַסער, מישט אויס די „פּאַילע", אַז זי, די בהמה, זאָל זיך נישט אָפּבריען. עס קריכט איר שוין די צונג אַרויס. מיט די הערנער קלאַפּט זי אָן דער טיר.

און ווי נאָר סאָשע עפנט אויף די שטאָל, לויפט די בהמה אַרויס, אַ פלינקע, אַ לעבעדיקע, טופעט מיט די פיס, דרייט מיט די זייטן.

שטיקער פאַרטריקנטע קויט פאַלן פון איר אַראָפּ.

זי קוקט אויף קיינעם נישט. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, גייט זי דורך דעם הויף, ווי זי זאָל זיין אויף אַלעמען אין כעס. נאָר ווען זי גייט פאַרביי די דראָזשקע, וואָס שטייט אויסגע־שפּאַנט אין מיטן הויף, גיט די בהמה זי צופעליק אַ שטופּ. דאָס וויל זי אַ שטאָך טאָן די פערד, מיט וועלכע מע צאַצקעט זיך פיל מער, ווי מיט איר.

זי פאַרקריכט אין איר פּאָילע ביזן האַלדז אַריין, זופּט דאָס וואַסער, קייט דאָס גרינס. פון איר מויל רינט און פליוכעט. די באַקן הויבן זיך אַרויף, אַראָפּ. דער בויך פּאַקט זיך אָן, ווי אַ פּולער בלאָז־זאַק. צום סוף, נאָך אַ הונגעריקע, לעקט זי אויס די פּוסטע קאַדקע מיט איר מוראַדיקן צונג.

גייט צו איר דעמאָלט צו די דינסט און גיט איר אַ טאָפּ אין בויך.

די בהמה טשוכעט זיך אויס פון סאָשעס וואַרעמער האַנט און לאָזט זיך מעלקן.

— וואַרט, באַשוטקע, גיי נישט אַוועק, — זאָגט צו מיר סאָשע, — ס'ט באַלד אויסטרינקען אַ גלאָז „סיראַדאָי“.

סאָשע ווייס, אַז איך קאָן ניט הערן, ווי עס קוויטשען דער בהמהס אייטערס, ווי עס שפּריצט פון זיי די מילך, וואָס לויפט אָן, ווי אַן אָנגעזייפטע, מיט אַ שוים אין עמער אַריין. מיר דוכט זיך, די מילך שמעקט מיט שוויים.

— ניין, סאָשע, כ'האָב קיין צייט נישט! אָט גייט שוין דער רבי. כ'דאַרף זיך לערנען!

— נעם כאָטש אַ פּאָר טראָפּנס!

— מאָרגן, וועל איך נעמען!...

לויף איך מיט אַ געלעכטער פון איר אַוועק.

די באָד

ביי מיר הויבט זיך אָן שבת פון דאָנערשטיק פאַרנאַכט.

שפּעט אין אָוונט לויפט די מאַמע שנעל פון קראָם אַרויס, ווי זי וואָלט וועלן מיט גוואַלט זיך אָפּרייסן פון וואָכעדיקן טומל.

שוין פון הינטער דער קראָם הערט מען ווי זי שרייט:

„באַשקע, וואו ביסטו? — מיר גייען אין באָד. סאַשע, פאַרטיק די וועש? גיכער, גיכער, איך האָב קיין צייט נישט!"

די דינסט וויקלט שנעל איין דאָס פּעקל וועש, בינדט עס אַרום מיט אַזאַ גראָבן שטריקל, אַז דאָס פּאַפּיר ווערט צעפּלאַצט. זי טוט מיר אָן דעם מאַנטל, די קאַלאָשן, פאַרציט מיר דעם באַשליק. איך קאָן נישט אַן אָטעם טאָן.

— נאַריטשקע, וויין נישט, — ווישט זי מיר אָפּ די אָנ-

געלאָפענע טרערן. — ס'איז דאָך אַ פּראָסט אויף דער גאַס. מער וועט מיר נישט פעלן, דו זאָלסט זיך נאָך, חלילה, פאַרקילן!

כמעט גנבדיקערהייט לויפן מיר מיט דער מאַמען אַרויס פונעם „פּאַראַדנעם כאָד" פון דער דירה, ווי עס וואָלט שוין געווען שבת. און די קראָם איז פאַרשלאָסן. ווייל די מאַמע וואָלט זיך געשעמט דורכגיין די קראָם מיטן פּעקל וועש אונטערן אָרעם, כאָטש דאָס פּעקל איז געווען איינגעוויקלט אין געל פּאַפּיר.

די קראָם איז דאָך פול מיט מאַנסבילן און, ווער ווייסט, מ'קאָן זי דאָרט ווידער פאַרהאַלטן. מיר האָבן זיך געאיילט. ערשטנס, איז שוין שפּעט. די מאַמע האָט שוין אַזוי אויך אָפּגעוואַרט ביז דער לעצטער רגע. ביי דער טיר וואַרט אַוודאי אויף אונדז דער שליטן, וואָס דאַרף אונדז אָפּפירן אין באָד.

דער פורמאַן, אַלעמאָל דער זעלבער (ער פלעגט סיי־ווי־סיי שטיין אַנטקעגן אונדזער הויז), האָט שוין געוואַוסט, אַז יעדן דאָנערשטיק פאַרנאַכט, כמעט אין דער זעלבער שעה, פירט ער די מאַמע אין באָד.

דער קאַלטער שנייאיקער אָוונט וויקלט אונדז גלייך ווי אין אַ פאַרפראָרענעם ליילעך אַריין. אין שליטל, אָן איבערגעדעקטע מיט דער אויסגעקראָכענער פעלץ־דעקע, דערפיל איך דורך דער מאַמעס האַנט, מיט וועלכער זי האַלט מיך אונטער, איך זאָל זיך, חלילה, נישט אַראָפּגליטשן, אַז די מאַמע האָט שוין פאַרגעסן די קראָם, דעם הו־האַ, פון וועלכן זי איז ערשט אַרויס. זי טראָגט זיך אָפּ מיט דעם שליטן צוזאַמען, ערגעץ־וואו אין דער ריינער לופט, ווי זי וואָלט שוין אָנהויבן ציטערן פון די אַלע הייליקע פסוקים, וואָס זי דאַרף זאָגן, ביז אם־ירצה־השם, עס קומט אָן דער שבת.

מיר זיינען לאַנג נישט געפאָרן. דער פורמאַן פירט אונדז דורך אַ פאַרקירצטן וועג, איבערן פינצטערן ברעג פון קליין טייכל, וויטבע, ביי וועלכן ס'איז געשטאַנען די יידישע באָד.

אונדזער שליטן רייסט שטיל דורך די שימערירנדיקע לופט. פון הויכן ברעג טייכל ווינקען ציטערנדיקע פייערלעך. דאָס

לויכט דער קליינער מאַרק־פּלאַץ „פּאַדלאַ״, וואָס ליגט דאָרט אין דער הויך.

איך קען גוט דעם מאַרק. כ׳קען זיינע קרעמער, זיינע קרעמלעך, באַגראָבענע אין דער ערד, און באַזונדערס — די מילך־קראָמען.

איידער מ׳גייט אַראָפּ די שטיינערנע טרעפּ, צו די מילך־קראָמען, האָט מען געדאַרפט רופן דעם רבונו של עולם צו הילף, — אַזוי נאַס און גליטשיק זיינען זיי געווען. און קאַלט איז דאָרטן ווי אין אַ גרוב.

פון די גרויע ווענט רינט וואַסער. איין־איינציק קליין לעמפּל מיט אַ פאַררויכערטער גלאָז, באַלייכט דעם גאַנצן קעלער. זיין קליין פייערל דערגייט קוים צו די הופקעס געלע פּוטער, צו דער ברייטער שיסל מיט סמעטענע, און נאָך ווייניקער צו דעם ווינקל, פון וואַנען עס פינטלען, ווי קינדערשע קעפּלעך, האַרטע שפּיציקע גאָמל־קעז.

נאָר די הויכע וואָג זעט מען קלאָר אָן. זי הענגט ווי אַ טראָן־שטול אין מיטן קעלער. אירע אייזערנע קייטן וויגן זיך אין דער לופטן, ווי צוויי לאַנגע שוואַרצע צעפּ, און אירע ביידע מעסערנע שאָלן האַלטן שטאָלץ אונטער אַ פּיצל שטיקל סחורה, ווי זיי וואָלטן אויפגעהאַלטן די גערעכטיקייט אַליין.

די קרעמערקעס, אין דיקע, פאַרשמאַלצענע בגדים, דרייען זיך אַרום איבערן קעלער. מיט זייערע שפּיץ־פינגער, וואָס שטעקן פון די פאַרקירצטע הענטשקעס אַרויס, גיבן זיי אַ כאַפּ, אַ רים אַ שטיקל פּוטער, גיסן אָן קריגלעך מילך, וואַרפן זיך מיט טוואָרע, ווי מיט קייקלעך שניי.

און בשעת מעשה שרייען זיי, ווי עמעצער וואָלט זיי גע־שלאָגן פון הינטן. אוודאי דערוואַרעמען זיי זיך אַזוי.

פון צייט צו צייט שטעכט דורך דעם אָנגעאָטעמטן קעלער אַ גראָב וואָרט. קללות, ווי פייער־צינגלעך, פליען אַרויס, צינדן אָן איין קרעמל נאָך אַן אַנדערן.

— אַ כאָלערע זאָל זי כאַפּן, וואָס פאַר אַ פאַרסמטע סחורה זי האָט !...

— אַ קלאָג צו מיינע יאָרן, ווען איך זאָג אַ ליגן ! אַ . . . !

די קרעמערקעס צעקוויטשען זיך, ווי שווארצע מייז אין די לעכער. קללות צעבלאָזן זיך צוזאַמען מיט די טעפּ הייסע קוילן, אויף וועלכע עס זיצן אין דרויסן קורצינקע אידענעס, וואָס באַהאַלטן אונטער זייערע פאַטשיילעס קאַשאָלקעס מיט אָפּגעבאַקטן באָב.

די קרעמערקעס זידלען זיך אַזוי וואַרעם און געשמאַק, אַז ס׳ווערט שוין כמעט פריילעך אין פינצטערן גרוב.

אָט די אַלע געשרייען באַגלייטן אונדז פון דער ווייטנס, ביז וואַנען מיר פאָרן מיט דער מאַמען אין באָד.

דער ווינט פאַרוואָרפט צו אונדז אַ קללה, טרייסלט מיט איר אויף דער לופט. דער שיטנדיקער שניי וואַרפט אַראָפּ די קללה אויף דער ערד.

און אָט זיינען מיר שוין אָנגעקומען.

— קומט, אם ירצה השם, אין אַ פּאָר שעה אַרום ! — זאָגט אָן די מאַמע דעם פורמאַן, כאָטש ער ווייסט עס שוין פון יאָרן לאַנג.

אין הילצערנעם פירהויז שטויסן מיר זיך אָן אָן דער פאַרקויפערין פון די בילעטן, — אָן איינגעוויקלטע, ווי אַ פּאַק סחורה, גיט זי זיך צוערשט נישט אַ ריר פון אָרט. מען זעט נאָר איר שפּיץ נאָז און שטיקלעך פינגער. לעבן די בילעטן וואַלגערט זיך אַ פאַרפראָרענער עפּל, אַ באַר. אַ ביסל בלויער קוואַס, — בלוי, אַוודאי, פון פראָסט, — בולקעט אין אַ פלאַש.

די קאַסירשע, ווי זי וואָלט זיך אָנגענומען מיט אונדזער וואַרעמען אָטעם, נעמט לאַנגזאַם פאַנאַנדער איר האַלב-פאַרפראָרענעם מויל און גיט אונדז אָפּ אַ קאַלטן שמייכל.

— „ס׳איז טאַקע קאַלט צו זיצן אַ גאַנצן טאָג ! — הויבט זי אָן ביסלעכווייז אָפּצולעבן. — דער ווינט בלאָזט פון אַלע

זייטן. נאָך אַ ביסל קאָן מען גאָר פֿאַרפֿראָרן ווערן, ביז מ׳דער־וואַרט זיך אויף אַ לעבעדיקן מענטש!״

די מאַמע האַלט זי אונטער מיט אַ שמייכל און נעמט ביי איר אַן עפּל, צי אַ באַר, פֿאַר מיר.

מיר גיבן אַ שטופּ דאָס טירל אין דער סאַמע באָד. דער ליאַרעם פֿון דער אויפגעהויבענער קליאַמקע, וועקט אויף אַ פּאָר נאַקעטע ווייבער, איבערגעדעקטע מיט פֿאַטשיילעס.

ווי דערשראָקענע פֿליגן, גיבן זיי זיך אַ רים פֿון זייערע בענקלעך און צעזשומען זיך אַרום אונדז.

„גוט נ׳אָוונט אייך, גוט נ׳אָוונט, אַלטינקע! אַזוי שפּעט! וואָס מאַכט איר, אַלטע? אַלע קינדערלעך געזונט? וואָס מאַכסטו, באַשינקע?״ — טאַפּן מיך אָן די ווייבער פֿון אַלע זייטן. — „אַ, אָן עין־הרע, דו וואַקסט דאָך ווי אויף הויוון!״

זיי האָבן זיך דערוואַרעמט. זיי האָבן נישט אומזיסט געוואַרט.

פֿון זייערע פּלייצעס פֿאַלן אַראָפּ די פֿאַטשיילעס, ווי שוואַרצע פֿליגלען. עס גיט מיר אַ בליץ דאָס ווייסקייט פֿון די קערפּערס. ס׳ווערט ריינער, ליכטיקער אַרום.

אין הייסן פֿאָר־באָד, צעמישט מיט דער אַריינגעלאָפֿענער קאַלטער לופֿט פֿון דרויסן, דערקען איך קוים די בעדערקעס, כאָטש זיי זיינען געווען שטענדיק די זעלביקע.

מיר האָט זיך געדוכט, אַז מיט יעדן דאָנערשטיק ווערן זיי אַלץ עלטער און מיאוסער.

די אינגערע, פֿון וועלכער ס׳האָט נאָך געשמעקט מיט איר פֿאַרשימלטער פֿאַטשיילע, כאַפּט מיך גלייך אין אירע ביינער־דיקע הענט.

— ס׳איז קאַלט, אמת? נו, אָפּגעשפּיליעט דאָס קליידל? האָסט אָן אַנדערס מיט זיך? נו, וועלן מיר עס אַריינוואַרפֿן אין קאַסטן. נו, צי אוים דאָס פּיסל, נו! — נוקעט זי מיר, ווי צו אַ פֿערדל.



און איידער איך קוק מיך נאָך אַרום, שפּילען זיך שוין אָפּ אַלע קנעפּלעך פון מיינע שיכלעך און די שיכלעך מיט די פאַר־דרייטע זאָקן פליען אַריין אין דעם שוואַרצן קאַסטן, אויף וועלכן איך זיץ. מיין הינטן הויבט זיך אויף צוזאַמען מיטן דעקל פון קאַסטן און פאַלט מיט אים צוזאַמען אַראָפּ.

איך האָב אַפילו נישט געהאַט קיין צייט אַ קוק צו טאָן, וואָס טוט זיך אינעווייניק אין קאַסטן. ווי אין אַ פינצטערן גרוב, פאַלן אַהין די זאַכן אַריין.

דורך די פאַרפראָרענע פענצטער, פאַרקלעפּטע מיט שניי, ווי אַ פּאָר בלינדע אויגן, בלאָזט אַ ווינט.

איך טרייסל זיך פון קעלט. די בעדערקע גיט אַ כאַפּ מיין ליילעך און וויקלט מיך אין אים אַריין.

— נו, וואַרט אַ ווייַלניקע! אָט, אָט וועט דיר שוין זיין וואַרעם! דו זעסט, אָט גייען מיר שוין אין באָד אַריין!

איך ווער צעטומלט. זי שלעפּט מיך, ווי אַ כפּרה, גלייך צום טירל.

— פאַל ניט, חס־ושלום, באַשינקע! — ציט זי מיך מיט אירע אייזערנע הענט.

— גיי פּאַמעלעך, ס'איז גליטשיק!

שוין אין טירל פון באָד פאַרכאַפּט מיך דער אָטעם און, ווי אַ האַלב־פאַרחלשטע, לאָז איך מיך שלעפּן.

אַ געדיכטער וואָלקן פאַרשלייערט מיינע אויגן. אַ קליין בלעכן לעמפּל הענגט אויף זיין פאַרבויגטן אויערל, הויך איבערן טירל. זיין פּיצינק גלעזל איז געוועזן נאָך צו גרויס פאַר אים. וואַקלט זיך דאָס גלעזל אין אַלע זייטן, ווי מען גיט נאָר אַ שטופּ דאָס טירל.

איך בלייב שטיין אויף אָן אָרט. כ'האָב מורא זיך אַ ריר צו טאָן. דער באָדן איז גליטשיק, פול מיט וואַסער. וואַסער רינט אין די פיס, רינט פון באַלקן, פון די ווענט. ווי דאָס גאַנץ הייזל וואַלט זיך צעשוויצט פון היץ.

די בעדערקע גיט זיך אַ וואָרף צו די שעפּעלעך און גיסט אָפּ דאָס גליטשיקע בענקל אויף וועלכן איך דאַרף מיך אָוועקזעצן. זי האָט קיין צייט נישט מיר אַ וואָרט צו זאָגן. איר בלישטשענדיקער, דאַרער הינטן דרייט זיך אַרום, ווי אַן עק ביי אַ קאַץ.

עס גיסט און קאָכט זודיק וואַסער. צוויי־דריי שעפּלעך בלאָזן שוין לעבן מיר זייער פייער גלייך אין צורה אַריין.

די וואַרעמקייט פון בענקל באַרואיקט מיך, און איך לאָז אַריינליינן מיינע פיס אין אַ שעפּל לעבלעך וואַסער.

די בעדערקע גיט זיך אַ רוק צו מיר. פאַר מיינע אויגן הענגען אַראָפּ אירע ברוסטן, ווי אויסגעבלאָזענע טראָמפּייטן, און איר שפּיציק בייכל, ווי אַן אָנגעשטאָפּטער באַראַבאַן, קריכט מיר גלייך אין נאָז אַריין.

איך בין, ווי איינגעשפּאַרט צווישן די שעפּלעך און דעם בייכל פון דער בעדערקע. איך קאָן זיך נישט אַ דריי טאָן. קאָן אפילו נישט אַ טראַכט טאָן וועגן דעם.

אירע קראַצנדיקע פינגער פאַרכאַפּן מיינע לאַנגע האָר. מיט איין הויב, גיט זי זיי אַ וואָרף אויפן קאָפּ און מיט אַ גרויסן שטיק „זשוקאַווס" זייף, הויבט זי זיי אָן רייבן. זי פירט דעם זייף הין און צוריק, ווי זי וואָלט מיט אים פּלעטן וועש אויף מיין קאָפּ.

אַ פאַרשאָטענע מיט האָר, דער קאָפּ דרייט זיך, האָב איך נישט קיין צייט זיך פאַנאַנדערצעוויינען. מיט פאַרשטיקטע טרערן כאַפּ איך אַרום די הופקעס ביטערע זייף, וואָס שניידן און בייסן מיינע אויגן. זייף פאַרקריכט מיר אין די אויערן, אין מויל. ווי אַ בלינדע, טונק איך מיינע פינגער אין אַ שעפּל קאַלטע וואַסער, וואָס שטייט לעבן מיר.

איך גיי נאָר אָפּ, ווען מיינע האָר שווענקען זיך אויס. אויף די אויגן פאַלן אַראָפּ לאַנגע טראָפּנס וואַסער און היילן זיי אויס. איך כאַפּ איבער דעם אָטעם, גלייך אויס דעם רוקן. די אויגן

עפענען זיך אויף.

איך דערהער אַ סקריפּ פון טירל און אויף זיין שוועל דערזע איך מיין וויים-נאַקעטע מאַמע.

זי וויקלט זיך גלייך אַריין אין דעם וואָלקן פון הייסער פּאַרע. צוויי בעדערקעס האַלטן זי פון אירעביידע זייטן. פון זייערע הענגענדיקע בייכער און ברוסטן רינען טרערעלעך שוויים. פון די האָר, הינטער זייערע אויערן, גיסט זיך אַפילו מיט אַמאָל אויס אַ שיטערער רעגנדל פון די אָנגעזאַפּטע טראָפּנס.

שטיל און שעמעוודיק שטייט די מאַמע ביי דער טיר.

אירע בעדערקעס האָבן זיך אַ ריס געטאָן צו די שעפּלעך. ברייט אויפגעעפנט אַלע קראַנען. זיי פּאַרען אָפּ דאָס בענקל פאַר דער מאַמען.

די מאַמע זעצט זיך רואיק אַוועק און פאַרנעמט מיט איר גוף דעם גאַנצן בענקל.

אַ צעמוטשעטע פון וואַשעריי, זע איך זי קוים פון דער-ווייטנס. אַפילו פאַר מיר שעמט זי זיך און לאָזט אַראָפּ די אויגן, ווי איך גיב נאָר אַ קוק אויף אירע האָר. אָנשטאָט איר שטענדיקן געדיכט-געקרייזטן פּאַריק, דערזע איך אירע אייגענע, קורצע, מאָגערע האָר. פאַרשטיקטע יאָרנלאַנג אָן לופט אונטער דעם שווערן פּאַריק, זיינען זיי אויסגעקראָכן. מיר ווערט אומעטיק, ווי איך זאָל מיט אַמאָל פאַרלירן מיינע אייגענע כוחות. און שוין אָן ווידערשטאַנד לאָז איך מיך ווייטער וואַשן.

מיין בעדערקע גיט אַ כאַפּ מיין גוף, פאַרכאַפּט אַפילו מיין נשמה. ווי אַ שטיקל טייג לייגט זי מיך אויס אויפן בענקל און הויבט מיך אָן אַזוי רייבן און קנייפּן, ווי זי וואָלט געוואָלט אויסקנעטן פון מיר אַ חלה.

איך דריי זיך אום אויפן בויך, גיט זי מיר אַזאַ שמיץ אין הינטן, אַזש איך שפּרינג אונטער.

— נו, וואָס וועסטו זאָגן, באַשינקע? ס'איז גוט, אמת? — האָט די בעדערקע מיט אַמאָל געפונען איר לשון. — זע, ווי דו

ביסט רויט געוואָרן! אַ מחיה דיך אַ קנײַפּ צו טאָן!

אַ צעמאַטערטע וואַרט איך, ווען וועל איך פּטור פון איר. מיט אַמאָל דערשרעק איך זיך. פון הינטער מײַנע פּלייצעס גיט זיך אַ גאָס אויף מיר אַ כוואַליע מיט וואַסער. אויף אַ רגע פאַר־שווינד איך אין דעם שטראָם. דאָס וואַסער הויבט און טראָגט מיך, ווי אין אַ טײַך.

דאָס גיסט מיך אָפּ די בעדערקע. פון הנאה און פון היץ, צעגיי איך, ווי ווייסער וואַקס.

— אוף! — גיט די בעדערקע אַ זיפּץ און ווישט אָפּ איר נאָז מיט נאַסע הענט. — שײַנסט גאָר ווי אַ בריליאַנטל, באַשינקע! צו רפואה דיר, קינדיטשקע!

זי גיט אויף מיר אַ קוק מיט אירע גלעזערנע אויגן, אָפּ־געקראַכענע פון וואַסער, און וויקלט מיך שנעל אין אַ וואַרעמען ליילעך אַרײַן.

אוודאי ווילט זיך איר שוין אַליין זיך אַ ביסל אויסטריקענען. מיט אירע ביידע הענט, רינגלט זי מיך לאַנגזאַם אַרום, ווי איך וואָלט געווען אירע ווייסע, שבתדיקע ליכט, וואָס זי דאַרף בענטשן.

פון דער ווײַטנס קוק איך צו, ווי מען האָט צו טאָן מיט דער מאַמען.

אוודאי האָט מען זי אויך געזייפט און געריבן, ווי מיך, און אוודאי האָט זי זיך אויך מחיה געווען פון די שעפּלעך לעבלעך וואַסער. אָבער זי איז נאָך נישט געווען אַזוי שנעל פאַרטיק.

נאָך דער וואַשערײַ, רוקט צו די עלטערע בעדערקע אַ קליין נידעריק בענקל און זעצט זיך אַוועק צו דער מאַמעס פיס. אויף אַ קליין קעסטל, שטעלט זי אַנידער אַ מעשן לײַכטערל און צינדט אָן דאָס שטיקל ליכט, וואָס שטעקט אין אים. זי בלאָזט פאַנאַנ־דער דאָס פײַערל און הויבט זיך אָן קלאָגן פאַר דער מאַמען אויף איר שווער לעבן. ווי אַלע אירע צרות זאָלן זיך אַרײַנ־שטופּן אין אים, פאַלט איר רוקן שווער אַרונטער מיט איר קאָפּ

צוזאַמען צו דער מאַמעס פּיס.

— גאָט זאָל שוין אויף אונדז רחמנות האָבן און אויסלייזן פון אַלע יסורים! — הויבט זי אויף אירע אויגן פון דר'ערד. — הלוואי, רבונו של עולם!

ווי צו פאַרגעסן זיך, הויבט זי אָן קאַלופּען אין דער מאַמעס פינגער.

דאָס ליכטל ברענט זיך פאַנאַנדער פון יעדער ברכה, וואָס זי זשוזשעט אָן אין די נעגל, פריער ווי זי שניידט זיי אָפּ. מיט יעדער ברכה לויטערט זיך, דאַכט זיך, אוים איר האַרץ.

די מאַמע, מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן, קוקט וואָס די בעדערקע טוט מיט אירע פיס און הערט זיך צו צו אירע רייד.

הינטער דעם ברענענדיקן לייכטערל זייַנען זיי ביידע, ווי מיט אַ ליכטיקער קרוין אָפּגעצאַמט פון פינצטערן באָד-צימער.

קאָפּ צו קאָפּ, לויכטן זייערע ביידנס ווייסע צורות, ווי אויסגעכשרטע פאַר אַ קרבן.

אויסגעפּוצט דער מאַמעס פינגער, גיט די אַלטע בעדערקע אַ הויב דעם קאָפּ און גיט שטיל אַ זאָג דער מאַמען:

— אַלטע, מיר גייען איצט אין מקווה אַריין!

די מאַמע שלינגט אַראָפּ איר אָטעם, ווי די בעדערקע וואָלט איר אָנגעזאָגט אַ סוד.

ביידע שטייען זיי לאַנגזאַם אויף, גלייכן אויס די רוקנס, גיבן טיף אַ זיפץ, אָטעמען זיך אָן, ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן אַריבערגיין די שוועל פון קדשי-קדשים אַליין. זייערע ווייסע שאָטנס פאַרשווינדן אין דער פינצטער.

איך האָב מורא געהאַט אַהין צו גיין. מען האָט געדאַרפט דורכגיין אַ הייסן צימער, וואו אויף לאַנגע בענקלעך ליגן און מוטשען זיך אויסגעדרייטע נפשות. אָנגעפּאַרעטע בעזעמס שמייסן זיי אין דער לופטן, באַשפּריצן מיט טראָפּנס זודיק וואַסער. שווערע אָטעמס פאַרלויפן פון אונטער די בענקלעך, ווי זיי אַלע וואָלטן געברענט אויף הייסע קוילן.

די היץ פֿאַרקריכט מיר אין מויל, טוט אַ נעם פֿאַרן האַרץ.

„עס איז אַוודאי אַ גיהנום פֿאַר די, וואָס האָבן אַ פּולע עבֿרות!" — טראַכט איך און לויף שנעל נאָך דער מאַמען אין מקווה.

איך פֿאַל ווי אין אַ תּפֿיסה, אין אַ שוואַרצן קאַמער אַריין.

אויפֿן בריקל שטייט די אַלטע בעדערקע. אין איין האַנט האַלט זי דאָס ברענענדיק לייכטערל, אויף דער אַנדערער וויגט זיך ביי איר אַ גרויסער, ווייסער ליילעך.

די מאַמע (איך האָב אַזוי מורא געהאַט פֿאַר איר!) גייט שטילערהייט אַראָפּ די פֿיר גליטשיקע טרעפּלעך און גייט ביזן האַלדז אין וואַסער אַריין.

ווען די אידענע שרייט אוים אַ ברכה, דערשרעקט זיך די מאַמע. ווי אַ פֿאַראורטיילטע, קוועטשט זי צו איר נאָז, מאַכט צו די אויגן און טוקט זיך אין וואַסער ווי אויף אייביק, חלילה, אַריין.

„ק . . . אָ . . . אָ . . . שער!" — שרייט די אידענע מיט אַ קול פֿון אַ נבֿיא.

איך דערשרעק זיך ווי פֿון אַ דונער. אַ פֿאַרציטערטע, וואַרט איך — אָט וועט אַוודאי זיך אַרויסרייסן פֿון שוואַרצן באַלקן אַ בליץ און וועט אונדז אַלעמען הרגענען אויפֿן אָרט. צי אפֿשר אַ מבול וועט זיך אויסגיסן פֿון דער שטיינערנער וואַנט און דער־טרינקען אונדז אין דער פֿינצטערער מקווה.

„ק . . . אָ . . . אָ . . . שער!" — שרייט ווייטער די אידענע.

וואו איז די מאַמע? עס פּליושקעט נישט מער דאָס וואַסער.

אָבער מיט אַמאָל, ווי דאָס טייכל זאָל זיך צעשפּאַלטן, קריכט פֿון אים אַרויס דער מאַמעס קאָפּ. זי טרייסלט פֿון זיך אָפּ דאָס וואַסער, ווי זי וואָלט אַרויס פֿון סאַמע גרונט ים.

דריי מאָל גיט די אידענע אַ געשריי, און דריי מאָל פֿאַר־זינקט די מאַמע אין שוואַרצן וואַסער אַריין.

איך חלש שוין זיך דערוואַרטן, ווען וועט אויפֿהערן די

אידענע צו שרייען, און די מאַמע זאָל מער נישט דאַרפן פאַר־שווינדן אינעם וואַסער.

זי איז דאָך שוין מיד. איר גיסט זיך וואַסער פון די האָר, פון די אויערן. אָבער זי שמייכלט. אַ צופרידנקייט צעגיסט זיך איבער איר גאַנצן גוף.

זי גייט אַרויס פון וואַסער, ווי פון פייער, אַ ריינע און אַ כשרע.

— צו געזונט אייך, אַלטינקע! זאָל זיין צו רפואה! — שמייכלט אויך די בעדערקע.

אירע לאַנגע אויסגעדאַרטע הענט גיבן אַ הויב אין דער הויך דעם ליילעך. די מאַמע וויקלט זיך אין אים אַריין, ווי אין צוויי גרויסע ווייסע פליגלען, און שמייכלט צו מיר, ווי אַ ווייסער מלאך.

* * *

אַן אָנגעטאָנענע, אַ צעפּאַרעטע, קיי איך מיין געפּראָרענעם עפּל, וואָס איז שוין אַליין צעגאַנגען פון היץ, און וואַרט אויף דער מאַמען.

גלייך הויבט זיך די מאַמע אָן צו איילן, ווי זי וואָלט מיט אַמאָל זיך דערמאָנט, אַז עס איז דאָך אין מיטנוואָך, און די קראָם איז נאָך אָפן.

די הייליקייט און די וואַרעמקייט פון באָד רייסט זיך פון איר אָפּ. זי איילט זיך אָנטאָן. די ווייבער דערציילן איר זייערע לעצטע צרות, ביז וואַנען זיי דערלאַנגען איר, ווער אַ קלייד, ווער אַ שוך. גלייך זיי וואָלטן מורא געהאַט, ווי די מאַמע גייט אַוועק, בלייבט זייער האַרץ אַ נישט־אויסגערעדטע ביז דעם קומענדיקן דאָנערשטיק.

מיט ציטערנדיקע הענט וויקלען זיי איין אונדזער פּעקל וועש און וויקלען אויך מיך איין ווי אַ פּעקל.

אַן אָנגעבלאָזענע פון וואַרעמקייט, קאָן איך זיך קוים אַ ריר טאָן.

די מאַמע צעטיילט דאָס טרינק־געלט און הערט נאָך אויס

די לאַנגע ברכות, מיט וועלכע די ווייבער באַגלייטן אונדז.

— זאָל זיין צו געזונט, אַלטינקע! ביזן קומענדיקן דאָנער־שטיק, אם ירצה השם! פּאָרט געזונטערהייט! זיי געזונט, באַשינקע! צו רפואה דיר!

איין ווייבל שרייט איבער די אַנדערע, און אַלע דעקן זיי זיך שנעל איבער מיט זייערע פּאַטשיילעס.

דאָס טירל שטופּט זיך ווי אַליין אָפּ. אויף אַ רגע פאַר־האַלטן מיר זיך אויפן שוועל. אַזאַ קעלט!

פון שוואַרצן הימל שיט שניי. עס בליצן שטערנדלעך, שנייעלעך.

וואָס איז עס — נאַכט צי טאָג? אין די אויגן — ווייס און קאַלט.

דער פורמאַן און זיין פערדל זיינען אויסגעוואַקסן אין אַ הויכן ווייסן באַרג.

שוין־זשע זיינען זיי פאַרפראָרן געוואָרן?

— צו געזונט! — גיט אַ שמייכל דער פורמאַן. זיינע נאַסע וואָנצעס קלעפּן זיך ווי אָפּ פון מויל. פון זיינע דיקע ברעמען פאַלן אַראָפּ קייקעלעך שניי.

עס צעהירזשעט זיך דאָס אָפּגעלעבטע פערדל.

— פּאָרט געזונטערהייט! — שרייט מען נאָך פון באַד־טיר.

דאָס שליטל גיט זיך אַ גליטש. „האָפּ־האָפּ!" — בייטשט דער פורמאַן זיין מאָגער פערדל.

נאָך שנעלער, ווי פאַרן אַוועקפאָרן, לויפט דורך די מאַמע דעם „פאַראַדנעם באַד", לאָזט דאָרט איבער דאָס פּעקל וועש.

דער ריח פון שטוב, פון קראָם גיט איר אַ שמיץ אין פּנים.

„גאָט וויסט, וואָס ס'האָט זיך דאָ אָפּגעטאָן אָן מיר!"

ווי אַ שולדיקע, לויפט זי אָפּוואַשן איר פאַרוויטלטע צורה און אַנטלויפט ווידער אין קראָם אַריין.

מיר פאַרדריסט, וואָס ס'האָט זיך אַזוי גיך געענדיקט די וואַרעמע באָד.

שבת

שוין פון אין דער פרי הויבט זיך אָן דער פרייטיק אַנדערש, ווי יעדער אַנדער טאָג.

צו דעם אָנבייסן געפינען מיר אויף די ברייטע אונטער־פענצטערס, לעבן די פלאַדנס, פלעצלעך, סוכאַרעס נאָך אַ באַרג מיט אָנגעשטאָפּטע ציבולניקעס.

פרייטיק קאָכט מען נישט קיין וואַרמעס. אָנשטאָט וואַרעם געקעכץ שטופּט מען יעדערן אַ ציבולניק אין האַנט אַריין. אַ גרויסער, ווי אַן אויוון מיט רויטע קוילן, געדיכט אָנגעפּילט מיט געפּרעגלטע ציבעלע, האַלט זיך דער ציבולניק קוים איין אין האַנט. מיטן ערשטן ביס פאַרקלעפּט זיך דאָס מויל און דער טייג בלייבט שטיין אין בויך, ביז מע שטופּט אים נישט דורך מיט אַ גלאָז קאַלטער מילך.

— נישקשה, קאָנסט אים אויפעסן, וועסט זיך נאָך אויס־הונגערן ביז דער וועטשערע! — מונטערט מיך סאַשע, די דינסט.

ערב שבת טומלט זיך די שטוב אַ גאַנצן טאָג. פון אין דער פרי אָן האַקט מען ציבעלע. די קיך איז ווי אַ מיל. דער אויוון ברענט. חוה קאָכט. דאָ — באַקט זי חלה, דאָ — פליקט זי הינער. ווייכע פעדערן וואַרפן זיך אָן אין איר פאַרטוך, פליען אַרום איר קאָפּ, ווי די הינדעלעך אַליין וואָלטן זיך צעפלויגן מיט זייערע פליגלען. אין אַ קליין מולטערל צעהאַקט חוה דאָס בערגל אָפּגעשיילטע ציבעלע, ביז פון זיי ווערט אַ הופקע נאַסע קאַשע.

חוהס אויגן ווערן נאַס. ס'דוכט זיך, פון אונדז אַלעמען שמעקט שוין מיט ציבעלע. ריחות, איינער שאַרפער פון דעם אַנדערן, טראָגן זיך איבער דער שטוב.

ס'צאַפּלט זיך אין אַן עמער וואַסער אַ גראָבער, לאַנגער פיש. שווער פאַרכאַפּט ער מיט די אויסגעשפּרייטע נעזלעך די טראָפּנס וואַסער. זיינע לעצטע כוחות לאָזן זיך ביי אים אַראָפּ אין עק.

ער צעשמייסט מיט אים דעם גאַנצן עמער. אויסגעשפּריצט דאָס וואַסער, אויסגעבלאָזן דעם לעצטן אָטעם, בלייבט דער פיש ליגן מיט אָן אָפענעם מויל. זיינע שפּיציקע זשאַברעס שטעכן די אויגן.

ס׳דוכט זיך, נישט איין פיש, אַ גאַנצע נעץ מיט פיש האָט זיך אויסגעשאָטן אויפן דיל פון קיך און יעדער פון זיי וויל אַ כאַפּ טאָן, אַ ביים טאָן אונדזערע אייגענע פיס. די קעכין שטעלט זיך אַוועק, ווי אַ גזלן, איבער דעם אויסגעצויגענעם העכט. זיין הויט גלאַנצט נאָך מיט טראָפּנס וואַסער. חוה האַלט דעם פיש פאַרן עק. ער גליטשט זיך אויפן נאַסן ברעטל. גיט די קעכין אַ כאַפּ דאָס האַקמעסער און שטופּט אים אַריין אין דעם גראָבן בייכל פונעם פיש.

שטיקלעך בלוט פאַלן אַרויס. דער פיש צעפּלאַצט זיך. אָן רחמנות צעשניידט אים די קעכין אויף שטיקער. זי נעמט אַרויס דאָס פלייש, וואַרפט אָפּ די הויט.

ווי מיט ניי בלוט פילט זיך אָן דער פיש מיט די צעהאַקטע ציבעלע און אָנגעווייקטע חלה. די שטיקלעך אָנגעשטאָפּטע פיש, באַשפּריצט מיט וואַסער, זעען אויס, כמעט ווי לעבעדיקע. זיי וואַרפן זיך ווי אַליין אַריין אינעם קופּערנעם פאַן און קאָכן זיך לאַנגזאַם אונטער אַ קליין פייערל, ביז זיי ווערן געל און רויט. דער ריח רייצט, קיצלט די נאָז. ער ברענגט אונדז דעם ערשטן שבתדיקן טעם.

קיינער זיצט נישט מער איין אויף זיין אָרט. דער רבי מיט די קלענערע ברידער אַנטלויפן אין באָד. סאַשע דרייט זיך אין עס-צימער, זוכט אויף די אַלמערס, רייצט זיך מיט אַ פּאָר-שפּעטיקטן ברודער.

— גיי, גענוג דיר צו טרינקען טיי! כ׳דאַרף אויספּוצן דעם סאַמאָוואַר, ס׳איז דאָך באַלד שבת!

— וואָס איז עס נאָך פאַר אַ צרה! זי לאָזט גאָרנישט אויס-טרינקען אַ גלעזל טיי! אַ נייע רביצין געוואָרן!

פון יאָרן לאַנג אין שטוב, היט סאַשע שטאַרק אָפּ ס׳מיל־כיקס, ס׳פֿליישיקס און דעם שבת, ווי איר אייגענעם זונטיק. אָן אַ וואָרט, גיט זי זיך אַ קער מיטן רוקן צום ברודער, און שלעפּט אַראָפּ דעם סאַמאָוואַר פֿונעם טיש. פֿאַרכאַפּט נאָך אונטער איר אָרעם דעם לאַנגן טאַץ, דאָס שווענק־שיסעלע, וואָס איז פֿול גע־ווען מיט אָנגעקאַפּעטע טראָפּנס, כאַפּט אַרויס פֿון דער האַנט די צוקער־פּושקע, דאָס לעפּעלע. אָנגעלאָדן, ווי אַן אייזל, טראָגט זי עס אַוועק פּוצן און רייבן אין דער קיך.

איר אַנטקעגן טראָגט זיך חוה, טאָפּטשעט מיט אירע גראָבע פֿיס. מיט ביידע הענט האַלט זי אונטער אַ גרויס ברעט, גלייך זי וואָלט אויפֿגעהויבן דעם דיל אַליין און אים געטראָגן אויף זיך. אויף דעם ברעט, באַשאָטן מיט מעל, ליגן, ווי קייסערינעס, צוויי־דריי געפֿלאָכטענע, אויסגעלאַקירטע קיטקעס. קלענערע חלות רינגלען זיי אַרום. אויף אַלע זייערע קעפּלעך, אויסגעלייגט דין, געפֿלאָכטענע צעפּלעך.

אויף דעם סאַמע שפּיץ ברעט האַלט זיך קוים אַ קליין פּיצל חלה, וואָס די קעכין האָט אויסגעקייקלט פֿאַר מיר פֿון אַן איבער־געבליבענעם שטיקל טייג. ערשט פֿון אויוון, בלישטשען די אַלע חלות מיט זייערע פֿאַרוויטלטע באַקן, ווי פֿאַרברענטע פֿון זון.

די קעכין קוקט אויף זיי און קלייבט נחת. איר ווילט זיך נישט אַרויסלאָזן זיי פֿון די הענט.

— גאָט צו דאַנקען, געראָטענע חלה! — שמייכלט זי צו.

די חלות גליטשט זי פּאַמעלעך אַראָפּ פֿונעם ברעט אויפֿן פֿענצטער. זי לייגט אונטער אַ האַנטוך, מיט אַן אַנדער האַנטוך דעקט זי זיי איבער, ווי זי וואָלט מורא האָבן פֿאַר אַ בייז אויג, וואָס קאָן זיי קאַליע מאַכן.

אָנגעבלאָזענע פֿון היץ, פֿאַרשטיקן זיך די חלות פֿון זייער אייגענער פּאַרע און קילן זיך לאַנגזאַם אָפּ. דער טאַטע גייט פּלוצים אין שטוב אַריין. זעצט זיך צו צום טיש, נעמט אַרויס

פון קעשענע אַ קליין מעסערל (ווי קומט צו דעם טאַטן אַ מעסערל?) און נעמט פֿאַנאַנדער אַ שטיקל פּלים־פּאַפּיר.

ער לייגט אוים זיינע הענט אויפֿן טיש, הויבט אָן אָפּשניידן די נעגל. שניידט פּאַמעלעך, רונד אַרום, אין האַלב־לבנהלעך. די נעגל פֿאַלן, קלאַפּן זיך אָפּ אָן דעם פּאַפּיר. וויקלט זיי דער טאַטע איין אין אַ פּעקעלע, און מיט אַ ברכה אויף די ליפּן, וואַרפֿט ער זיי אינעם אויוון אַריין. ער קוקט נאָך צו, ווי ס'פֿאַרברענט זיך דאָס פּעקעלע און גייט ווייטער אַוועק אין קראָם.

— חוה, גיט אַ שטיקל ברויט! — שטופּט זיך אַריין אין קיך אַן אָרעמע אידענע.

זי איז פֿאַרהאַנגען מיט שמאַטעס. איין אויסגעקראָכענע פֿאַטשיילע אויפֿן קאָפּ, די אַנדערע — אויף די פּלייצעס. דאָס קליינע פּנים — צעקנייטשט, ווי די פֿאַלדן פֿון איר קליידל. דער קורצער שטערן פֿאַררוקט אונטער דער פֿאַטשיילע, פֿון וועלכער עס שיטן זיך, ווי שטויב, פֿאַרפּלאָנטערטע קאַלטנס גרויע האָר. בלויז אירע אויגן קריכן פֿון דעם גרוי אַרוים, ווי לעצטע שטיקלעך אָפּגעברענטע קוילן פֿון אונטער אַ בערגל אַש. די בעטלערין בלייבט שטיין ביי דער טיר און פֿאַרשטעלט מיט זיך דאָס גאַנצע ליכט פֿון דרויסן. זי וויים, זי האָט פֿאַרשפּעטיקט, האָט זי מורא פֿאַר דער קעכין. זי גיט שטיל אַ זיפֿץ.

חוה פֿאַרקעט זיך אין אויוון און מיט אַמאָל טוט זי אַ צי מיט דער נאָז: ס'האָט איר אַ שמעק געטאָן מיט אַ זויערן שימל. קערט זי זיך אום.

— אויסגעשלאָפֿן זיך! גאָט צו דאַנקען, נאָך איינע! ווער קאָן זיך אָננעמען אויף אייך אַלעמען? וואָס איז היינט, ערב ראָש־חודש, וואָס? די גאַנצע שטאָט מיט אָרעמעליים איז דאָ איבערגעוועזן!

די בעטלערין שטייט, ווי אַ שולדיקע, מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן. חוהס קול האָט זיך געביטן:

— נישט געקאָנט קומען פֿריער? באַלד דאַרף מען דאָך

ליכט בענטשן. נאַ, סיי־ווי־סיי וועט עס זיך פּאַטריקענען ביז שלש־סעודות, — בורטשעט חוה און שטעקט אַריין דער בעט־לערין אין בוזעם אַ האַלבן לעבל ברויט.

— איר ווייסט, — זאָג איך אָן דער אידענע, ווי אַ סוד, — ביי דער טיר פון קראָם שטייט אונדזערס אַ אינגל און טיילט נדבות!

זי גיט אויף מיר וואַרעם אַ קוק — אַוודאי איז זי שוין דאַרטן געווען, זי קומט דאָך יעדן פרייטיק אַריין — און אָן אַ וואָרט גייט זי שטיל פון קיך אַרויס.

סאַשע טוט אַ כאַפּ אָן עמער וואַסער, ווי נאָך דער אָרעמער אידענע האָט זי געמוזט אויסוואַשן דעם דיל.

צוערשט לויפט זי אין עס־צימער אַריין, וואַרפט פון זיך אַראָפּ אירע אויסגעטראָטענע פּאַנטאָפל, בלייבט שטיין באָרוועס אין מיטן שטוב. אַ קוק אַהין, אַ קוק אַהער. פאַרקאַשערט אירע קליידלעך, אײנס נאָך אַן אַנדערן, ווי זי וואָלט זיי אויפגעהאַנגען אויף זיך, אַ שמיר געטאָן מיטן נאַסן טיכל און איז זיך צעלאָפן איבערן דיל. וואַסער פליוכעט פונעם עמער, רינט פונעם טיכל, פאַרשמירט סאַשעס ווייסע פיס.

— סאַשע, וואַרט אַ ווײַלע! וואָס שפּריצסטו ווי אַ פאַנטאָן? כ׳וויל אַרויפקריכן אויף דיין רוקן און אַזוי איבערשווימען דעם טייך וואַסער.

— באַשקע, משוגענע, שפּרינג גיכער אַראָפּ! פאַרשמירסט מיר דעם גאַנצן בריק. דו הערסט? אַניט, גיב איך דיר אַזאַ פּאַטש אין הינטן... אוי, וואָס טוסטו? קיצל מיך נישט אַזוי! קראַצסט זיך גאָר, ווי אַ קאַץ!

זי גלייכט מיט אַמאָל אויס איר רוקן און איך גליטש זיך אויפן נאַסן באָדן אַראָפּ.

— אַהאַ, געקראַגן? קום בעסער, העלף מיר אויסציען דעם טיש. זעסט, עס ווערט שוין פינצטער.

מיר נעמען פאַנאַנדער דעם גרויסן עס־טיש, לייגן אַהין אַריין

ברעטער. דער טיש ווערט אזוי לאַנג, אַז ווי איך זאָל נישט אויסציען מיינע הענט, קאָן איך נישט דערלאַנגען דעם אַנדער עק טיש. אַ ווייס, גלאַנצענדיק טישטוך גיט אַ סווישטש און פאַר־לויפט איבער דעם גאַנצן טיש. אין איין רגע פאַרשווינדן די פיסלעך פונעם טיש. די עקן פון דעם טישטוך פאַלן אַראָפּ און לייגן זיך אויס אין פאַלדן, ווי אין אַ שלייף. סאַשע יאָגט מיך.

— באַשוטקע, וואו ביסטו? נאַ, צעהענג די האַנטיכער, יעדן אויף זיין טשוואָק.

— דאָ זיינען נאָך דאָ סערוועטקעס, וואָס טאָן מיט זיי?

— איינע לייג אַרויף אויף דעם טאַטנס קיטקעס.

איך גיי צו צום טאַטנס אָרט און דעק איבער די קיטקעס, ווי אַ כלה מיט אַ שלייער.

אויף דעם אַנדערן עק טיש שטייט שוין דער מאַמעס גרוי־סער זילבערנער לייכטער פון פינף רערלעך. אַוודאי, צוליב אַ מזלדיקער צאָל, שטעלט מען צו נאָך צוויי איינצעלנע לייכטער. אין אַלע זיבן רערלעך שאָקלען זיך ווייסע, לאַנגע ליכט. לעבן דער מאַמעס לייכטער האַלט זיך קוים אויף זיינע קורצע פיס מיין קליין לייכטערל. דער טאַטע האָט עס מיר געבראַכט אַ מתנה. זיין אויסגעקריצטער זילבער איז ווי אַ דורכזיכטיקער שפּינוועב אויסגעשניצט. דאָס קליינע בעכערל שטעקט אין מיטן פון אַ בריקל, וואו שפּעטער וועט אויסגיין טראָפּנווייז מיין ליכטל. דער גאַנצער טיש, ווי אַ פאַרחלומטער ווייסער פּאַלאַץ, בלייבט שטיין רואיק, ווי ער זאָל אויף עפּעס וואַרטן. מיט אַמאָל ציטערן אויף ערגעץ וואו די פראַנדזן פונעם טישטוך, ס׳דערגייט צו מיר אַ ווייטער גערויש... ס׳הערט זיך, ווי עס לאָזן זיך אַראָפּ די לאַדנס פון דער קראָם. דאָס אָפּגעשרויפטע אייזן סקריפּעט. גאָט צו דאַנקען, מען מאַכט שוין צו די קראָם! ס׳הערן זיך די קולות פון די אָנגעשטעלטע, וואָס איילן זיך אַהיים.

— גיי שוין אַוועק, לאָז אַלץ איבער! דו וועסט דאָך נישט קאָנען מער נעמען דעם טראַמוואַי! — יאָגט די מאַמע די קאַ־

סירשע, וואָס האָט געוואוינט אויפן עק שטאָט און פלעגט כסדר זיך פאַרהאַלטן אין קראָם שפּעטער פון אַלעמען.

אָט קומט דער טאַטע אין שטוב אַריין. איך שטיי און וואַרט אויף אים, ווי אויף אַ גאַסט.

— באַשקע, דו ווייסט נישט, וואו קריג איך אַ ריינעם קאַלנער, אַ פּאָר מאַנזשעטן?

— נאַ, טאַטע, אָט ליגן זיי דאָך אויפן שפּיגל־טיש.

דער טאַטע גייט דורך דעם שפּיגל, קערט אָפּ דעם קאָפּ: ער דערזעט אין דעם שפּיגל זיין געזיכט.

— וואָס איז עס נאָך פאַר אַן אָנשיקעניש! פאַרוואָס פאַרוואַשט מען אַזוי די לעכלעך, אַז מען קאָן גאַרנישט אַהין אַריינשטעקן אַ קנעפּל?

דער טאַטע שוויצט און שטיקט זיך מיט דעם נייעם קאַלנער.

— טאַטע, ווילסט, כ׳וועל בעטן ביי סאַשען אַן אַנדער קאַלנער?

— ווער האָט צייט אויף דעם? באַלד דאַרף מען דאָך גיין אין שול.

סאַשע טראָגט אַריין דעם סאַמאָוואַר, צינדט אָן דעם לאָמפּ. דער אויסגעפּוצטער סאַמאָוואַר קאָכט און זידט, גלייך אַ גאַנצער „פּאַראָוואָז“. דער הענגלאָמפּ שפּריצט מיט פייער. ס׳ווערט וואַרעם און ליכטיק אַרום. דער טאַטע זעצט זיך צו צום טיש און טרינקט רואיק זיסן טיי מיט וואַרעניעס.

די לעצטע פאַרלאָזט די קראָם די מאַמע. זי פּרואווט נאָך אוים אַלע טירן, צי זיי זיינען פאַרשלאָסן. אָט הער איך שוין אירע דראָבנע טריט. אָט שפּאַרט זי צו די בלעכענע טיר פון דער הינטער־קראָם. אָט שורשעט איר קלייד. אָט גליטשן זיך שוין אירע ווייכע שיכלעך אין עס־צימער אַריין. אויפן שוועל שטעלט זי זיך אויף אַ רגע אָפּ, ווי דער ווייסער טיש מיט די זילבערנע לייכטער וואָלטן איר פאַרבלענדן די אויגן. גלייך הויבט זי זיך אָן איילן. וואַשט שנעל אָפּ דאָס פּנים, די הענט, ציט

איבער אַ ריין ווײַס שפּיצן־קעלנערל, וואָס זי פּלעגט תמיד טראָגן אויפן האַלדז און, ווי גאָר אַ נײַע מאַמע, גייט זי צו די לייכטער צו. מיט אַ שוועבעלע אין האַנט, צינדט זי אָן איין ליכט נאָכן אַנדערן. אַלע זיבן ליכט ציטערן אויף. דאָס פֿײַער צעברענט זיך דער מאַמען אין פּנים אַרײַן. ווי אַ פֿאַרכישופֿטע, לאָזט זי אַראָפּ די אויגן. לאַנגזאַם, דרײַ מאָל נאָכאַנאַנד, רינגלט זי אַרום די ליכט מיט אירע בײדע הענט, גלײַך זי וואָלט מיט זײ אַרום־געריינגלט איר האַרץ. און מיט די ליכט אינאײנעם צעשמעלצן זיך אירע וואָכעדיקע דאגות.

זי בענטשט ליכט. שטילע ברכות פֿליסטערן דורך אירע פֿינגער און גיבן צו דעם פֿײַער נאָך מער היץ. עס לויכטן דער מאַמעס הענט איבער די ליכט, ווי ס׳לויכטן די לוחות איבערן אָרון־קודש.

איך שטופּ זיך צו נעענטער צו איר. מיר ווילט זיך אַליין פֿאַרקריכן אונטער אירע בענטשנדיקע הענט. איך זוך איר פּנים. כ׳וויל איר אַרײַנקוקן אין די אויגן. זײ באַהאַלטן זיך הינטער אירע אויסגעשפּרײטע פֿינגער.

איך צינד אָן מײַן ליכטל אָן דער מאַמעס ליכט, הויב אויך אויף, ווי זי, די הענט און, ווי דורך אַ טויערל, זשוזשע איך אַרײַן אין מײַן קליין ליכטל די ברכות, וואָס איך כאַפּ איבער פֿון דער מאַמען.

מײַן ליכטל, נאָר־וואָס אָנגעצונדן, קאַפּעט שוין מיט טראָפּנס. מײַנע הענט דרייען זיך אַרום אים, ווי צו פֿאַרהאַלטן זײַנע טרערן.

איך דערהער, די מאַמע אין איר בענטשן דערמאָנט דאָ איין נאָמען, דאָ אַן אַנדערן. דערמאָנט דעם טאַטן, די קינדער, איר אייגענעם פֿאָטער, מוטער. אָט איז מײַן נאָמען אויך אַרײַנ־געפֿאַלן אין דעם פֿײַער פֿון די ליכט. מיר ווערט היים אין האַלדז.

— זאָל דער אויבערשטער זײַ בענטשן! — לאָזט די מאַמע ענדלעך אירע הענט אַראָפּ.

— אָמן! — פאַרשטיק איך זיך הינטער מיינע פינגער.
— גוט שבת! — שרייט אוים די מאַמע אויפֿן קול.

איר פנים, אויפגעעפנט, איז ווי אויסגעליטערט געוואָרן, ווי אין זיך אַריינגענומען די ליכטיקייט פון די שבת־ליכט.

— גוט שבת! — ענטפערט דער טאַטע פון דעם אַנדער עק טיש און הויבט זיך אויף, גייט אין שול אַריין.

— גוט שבת! — שרייט די קעכין פון דער קיך.

חוה האָט אויך אַראָפּגענומען פון די פּאָליצעס אירע צוויי מעשענע לייכטער, אַהין אַריינגעשטעקט אַ פּאָר קורצע ליכט. דעם אָפּגעריבענעם טיש איבערגעדעקט מיט אַ קליין ווייס טיש־טיכל — נישט צו דערקענען די פאַרהאָרעוועטע קיך. דאָס ווייסע טישטוך מיט די צוויי ווייסע ליכט האָבן זי איינגעשטילט.

יעדע זאַך אָוועקגעשטעלט, אויפגעהאַנגען אויף אַן אָרט. אַפילו דער אויוון האָט זיך פאַרמאַכט מיט אַ שוואַרצער בלעך. דער פּריפּעטשאָק זיך אָפּגעליידיקט פון טעפּ און שפענד־לעך. די ווענט געוואָרן ווייסער, זיך אויסגעטריקנט פונעם שוויים. אומעטום — אויסגעקערט, אויסגעוואַשן — שבת.

חוה זיצט ביים טיש, ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט אירע ליידיקע הענט. מיט אַמאָל איז אויף איר אָנגעפאַלן אַן אומעט. איר האָט זיך פאַרוואָלט זיין אַליין, כאָטש אויף אַ רגע ווערן אַ שטיקל באַלעבאָסטע.

— סאַשע, גיי אַרוים אויף אַ ווײַלע! — ווייזט זי דער קריסטין מיט די אויגן אויף דער טיר.

חוה — איבערגעבליבן אַליין, צינדט אָן די ליכט. פון יאָרנלאַנג ביי פרעמדע, אויסגעוואַקסן אין דער פרעמד, דער־מאָנט זי זיך איצט. אַז זי האָט אויך אַמאָל געהאַט אַ טאַטן, אַ מאַמען, אַן אייגענע היים.

— ברוך השם, גאָט האָט נישט געוואָלט מיך בענטשן מיט מיין אייגן באַלעבאַטישקייט, אַוודאי געזינדיקט... — לאָזט זי אַראָפּ אַ טרער. אירע אויגן שמעלצן זיך מיט די ליכט אינאיינעם.

— אבער געלויבט דעם אויבערשטן, וואס מען וואוינט נאך צווישן באלעבאטים, אין א אידיש הויז. מען איז דאך אידן. אך!
— טוט זי א זיפץ. — איך האב דאך ערגעץ וואו געהאט א סידור. וואו האב איך אים פארשטעקט?
— אן א הייליק ווארט, טאג און נאכט מיט דער שיקסע, מען קאן דאך גאר פארגרעבט ווערן! — זי געפינט איר פאר־שמאלצענעם סידור, מישט אים אויף און בענטשט ליכט אויפן קול.

* * *

אלע זיינען אוועק אין שול. איך מיט דער מאמען בלייבן אליין אין שטוב. דער ווייסער טיש מיט די ליכט ברענען, ווי פאר אונדז אליין. ס׳דוכט זיך, דער הימל האט זיך אויך אנ־געווארעמט פון די ליכט און קוקט אין פענצטער אריין. די מאמע זיצט אונטער דעם בליצנדיקן הענגלאמפ און דאוונט שטיל. עס זשומען אירע ברכות. אמאל גיט א קרעכץ א ליכט. מיין ליכטעלע איז שוין כמעט איינגאנצן אויסגעגאנגען. איך שטופ זיך צו גאר נאענט צו־דער וואנט און שטעל זיך שמונה־עשרה.
ס׳אטעמט די וואנט, אטעמט ווי א לעבעדיקע. כ׳וויל ווי אריינוואקסן אין איר. כ׳האב מורא זי אנצורירן אפילו מיטן סידור. אט הערן זיך שוין קולות פון פירהויז. דאס זיינען גע־קומען די ברידער פון שול צוריק. זיי שטופן זיך ביי דער טיר, שרייען איבער איינער דעם אנדערן.
— א, ווי געפעלט דיר דער חזן? זיך געיאגט, ווי אויף א שרפה!
— און דו ביסט כאטש אויסגעשטאנען שמונה־עשרה?
— איך? כ׳בין געשטאנען לעבן פעטער בערע... האט ער אנגעהויבן שפייען...
— א, ביסט א גראבער יונג, ישראל! העלף מיר בעסער ארויסשלעפן דעם ארבל, ס׳אונטערשלאג האט זיך מיט אמאל פארדרייט, ווי א טערקישער בייגל.

— גיי, גיי, האָסט אַליין אַ פאַרדרייטן מוח!

זיי וואַרפן זיך מיט די מאַנטלען.

מענדל חלומט אַן אַ זייט:

— אַז מיר וואָלט מען מאָרגן געבן אַן עליה...

— וואָלסטו זיך טרייסלען, ווי אַ בעזים... — ענטפערט פאַר אים אַבראַשקע.

— שאַ! — פאַלט אויף זיי אַן דער רבי, וואָס גייט אין שטוב אַריין. — נאַר אויסלאַכן פון דער גאַנצער וועלט קאָנט איר... זאָגט כאַטש גוט שבת, שקצים!

דער רבי וואַרטשעט שטיל, געלאַסן, ווי לכבוד שבת וואָלט זיך איינגעשטילט זיין וואַכעדיקער פיבער.

פאַרוואָס קומען זיי, די ברידער, פון שול תמיד צעקאַכטע? גיין אַהין מוז מען זיי טרייבן: ס'איז דאָך שפּעט, גייט שוין אין שול אַריין! קומען זיי צוריק, הערן זיי נישט אויף צו לאַכן. ס'קלעקט זיי מעשיות אויף אַ גאַנצער וואָך. וואָס קומט דאָרטן פאָר אין שול? און וואָס טוט דער טאַטע אַזוי לאַנג אין שול? ער קומט פון דאָרט אַלע מאָל דער לעצטער. מסתמא, שטערן אים די אידן, וואָס דאַוונען הויך אויפן קול. שטעלט זיך דער טאַטע שמונה-עשרה, ווען אַלע קלייבן זיך שוין גיין אַהיים. אַפילו פּריוויטיק פאַרנאַכט בלייבט ער לאַנג אין שול. אַלע זיך צעגאַנגען, איז דאָרטן שטיל. אַ פּאָר פליגן זשומען נאָר אַרום די ברענענדיקע לאָמפּן.

דער טאַטע אַליין אויף זיין אָרט, אין מזרח, שאָקלט זיך פון איין זייט אין דער אַנדערער, ווי דער בוים פון שול-הויף דורכן פענצטער. ער דאַוונט שטיל, מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי אָפּ-געריסן פון דער וועלט. זיינע פּסוקים פליסטערן, זיי פליגלען זיך אַרום אים. פון דערווייטנס קוקט אויף אים דער שמש. אַ קליינער, דאַרער איד, דאַרער פון די גראָבע ספרים, וואָס זיינען אַנגעוואָרפן אויף דעם טישל, לעבן אים.

אַליין האָט דער שמש שוין לאַנג אָפּגעדאַוונט. ער דאַוונט

אָפּ דער ערשטער, די באַלעבאַטים זאָלן אויף אים נישט דאַרפֿן וואַרטן. זיצט ער שטיל, ווי די וואַנט, און וואַרט אויפֿן טאַטן. דער טאַטע שאָקלט זיך, גיט זיך אַ שאָקל אויך דער שמש אין זיין ווינקל. דער טאַטע גיט אַ קרעכץ, טוט אויך אַ זיפֿץ דער שמש. דערהערט דער שמש, ווי דער טאַטע שאַרט מיט די פיס, שטעלט ער זיך גלייך אַוועק. רוקט זיך דער טאַטע אָפּ פֿון דער וואַנט, גיט זיך דער שמש אַ ריס פֿון זיין בענקל.

— גוט שבת, גוט שבת, ר' שמואל-נח! — לויפֿט ער צו אַ צופרידענער, וואָס דער טאַטע איז אוים שמונה-עשרה און מען וועט זיך אָפּרוען אַ ווײַלע.

— גוט שבת! — ענטפֿערט דער טאַטע, ווי נאָך אין חלום, און שפּייט אוים אין אַלע דריי זייטן. דער שמש הֶעלפֿט אים אָנטאָן דעם מאַנטל.

ר' שמואל-נח! — גיט דער שמש שטיל אַ זאָג. — אויפֿן שול-הויף זיינען איבערגעבליבן אַ פּאָר זעלנער, באַלעבאַטישע קינדער, ברוך-השם אין דער פֿרעמד...

— וואָס רעדסטו? — לעבט זיך אויף דער טאַטע. — גיי גיכער זאָג זיי אָן, זיי זאָלן נישט אַוועק, חלילה, זאָלן זיי גיין מיט מיר.... אַ אידיש קינד, שבת אָן אַ וועטשערע! גאָט זאָל אויסהיטן!

— גוט שבת! — פֿאַרשעמט, וואָס ער האָט פֿאַרשפּעטיקט, גייט דער טאַטע גיך אין שטוב אריין. — אַלטע, ס'זיינען דאָ אָנ־שטענדיקע, באַלעבאַטישע קינדער, בעט זיי צום טיש! — רופֿט ער זיך אָן צו דער מאַמען און ווייזט איר אויף צוויי זעלנער, וואָס זיינען געבליבן שעמעוודיק שטיין אין טיר.

די ברידער ווערן אַנטשוויגן, קוקן אָן די געסט. אַבראַשקע האַלט נישט אוים און גיט אַ שפּרונג צו זיי. די בלישטשענדע מיליטער-קנעפּלעך פֿאַרבלענדן אים די אויגן. ער קאָן נישט איינזיצן, ער מוז אויסטאַפּן יעדע זאַך באַזונדער.

— גיט מיר אַנטאָן אייער רימען, איר ווילט? און וואו איז אייער ביקס?

די ברידער פאַרשלעפּן די סאָלדאַטן צו זייער עק טיש. דער טאַטע גייט וואַשן די הענט. דריי מאָל גיסט ער אָפּ פון דער שווערער קופּערנער קוואָרט יעדע האַנט באַזונדער און לאַנגזאַם ווישט ער אוים יעדן פינגער. נאָך אים גיבן זיך אַ לאָז צו דעם וואַש־טיש די ברידער. יעדער כאַפּט איבער ביי דעם אַנדערן דאָס טראָפּן וואַסער, וואָס איז איבערגעבליבן אין קוואָרט נאָכן טאַטן. דעם האַנטוך רייסט מען פון די הענט אַרויס.

די שטולן רוקן זיך אָפּ, שטופּן זיך צו. יעדער פאַרכאַפּט, ווי מיט גוואַלד, זיין אָרט.

— שאַ! — גיט דער טאַטע אַ געשריי. — וואָס איז עס פאַר אַ שלאַגעריי אום שבת? איר וואָלט זיך געדאַרפט שעמען פאַר פרעמדע מענטשן! נו, געענוג, — קידוש! — ווייזט ער אויפן בעכער, פול מיט וויין.

אַלע שטעלן זיך אויף. ס'ווערט שטיל. אין טיר שטעלט זיך אַוועק די קעכין. דער טאַטע וואַרט אָפּ אַ ווײַלע, ווי ער זאָל זיך אָננעמען מיט כוח. דער זילבערנער בעכער, איינגאַנצן אויסגעקריצט מיט שוואַרצע קווייטעלעך, וויגט זיך, ווי אַ פולער עמערל אין זיין האַנט. דער וויין גיסט זיך אים איבער די פינגער, באַשפּריצט דאָס ווייסע טישטוך. דער טאַטע שטעקט טיפער אַריין דעם בעכער אין האַנט, האַלט אים צו מיט אַלע פינף פינגער. אַ שאָקל אין איין זייט, אין דער אַנדערער. ער הויבט אָן דעם קידוש. די אויגן פאַרמאַכט, שעפּט דער טאַטע די ברכות, ווי פון דעם בעכער אַרויס. זיין גרויסער שטערן קנייטשט זיך. זיין קול פאַרגייט אין אַ ניגון, וואָס זאַפּט זיך אָן אַליין מיט דעם וויין, און, ווי דער ניגון, ווערט דער וויין נאָך טיפער, רויטער. דער ניגון וויגט אונדז אויך שטיל איין.

— אָמן! — דער טאַטע טראָגט צו דעם בעכער צום מויל און מיט נאָך אַראָפּגעלאָזטע אויגן טרינקט ער אַ ביסל אָפּ.

— אָמן! — ענטפּערן מיר אַלע צוזאַמען אויפן קול.

— אָמן! — רופט זיך אָפּ די קעכין פון טיר און אַנטלויפט צוריק אין קיך.

די מאַמע שלינגט שטיל אַראָפּ אַ פּאָר טראָפּנס ווײַן און שפּעטשעט: — דערלעבט שבת, אַלע געזונט, געלויבט דעם אויבערשטן!

— מאַך אַ ברכה, באַשענקע! — כאַפּט זי זיך אויף און גיט מיר אַ זופּ טאָן פונעם בעכער.

דער ווײַן גיט מיר ווי אַ בים אין מויל. איך זיץ אין מײַן ווינקל, ווי אַלע מאָל, צווישן דעם טאַטן און דער מאַמען. זייער אָטעם בלאָזט מיר אין פּנים. דעם טאַטנס באָרד גיט אַמאָל אַ גלעט מײַן פּלייצע. אויף זײַנע וואָנצעס איז געבליבן הענגען אַ טראָפּן ווײַן, ווי דער ווײַן פון קידוש וואָלט אים צעקוועטשט די ליפּן ביזן בלוט.

— איר ווילט מאַכן קידוש? — לייגט דער טאַטע פאָר דעם עלטערן סאָלדאַט, און דער טראָפּן ווײַן פון די וואָנצעס שפּרינגט אויף מיר אַראָפּ.

— ניין, אַ דאַנק! — ווערט רויט דער פאַרשעמטער גאַסט און טוט אַ הוסט.

— נו, מאַכט המוציא! — מאַכט דער טאַטע אַ ברכה אויף די קיטקעס, צעשניידט זיי אויף שטיקלעך.

אַ טיש מיט הענט גיט זיך אַ צי צום טאַטן. מיט אַמאָל, אַלעמענס אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער דינסטמיידל, וואָס איז אין טיר אַרײַן. ס'האָט אַ שמעק געטאָן מיט ציבעלע און פעפער.

סאַשע, אַ פאַררויטלטע, וואָס אַלע וואַרטן אויף איר, טראָגט פּאַמעלעך צו דער מאַמען דעם פּאָלומיסעק פיש. ווי אַ שיפל וויגט ער זיך אין אירע הענט. די שטיקלעך פיש זײַנען אויף אים אַזוי געדיכט אָנגעלייגט, אַז ס'איז שווער זיי איבערצוקערן. איין חלק שטופּט זיך צו דעם צווייטן, איינס האַלט דעם אַנדערן

צו. זיי שטייען, ווי פאַרפראָרענע אינעם טייכל פאַרקילטע יויך, וואָס נעצט זיי קוים אונטער.

— מאַמע, מיר גיב דאָס קייקעלע, אָט ליגט עס דאָ, אויפן ברעג!

די מאַמע גראָבט אויס איין שטיקל פיש נאָכן אַנדערן, צעד ליינט עס אויף טעלערלעך. איר האַנט לאָזט זיך נישט אַראָפּ. די קעפּ, ביים טיש, בייגן זיך איבער די טעלערס. מען קייט, מען שמאַטשקעט. ביי עטלעכע שטעקן שוין אַרויס הוילע ביינער פון די פיש. און די מאַמע טיילט און טיילט. פּלוצים, ווישט אָפּ זיין מויל דער טאַטע און גיט אַ פרעג די סאָלדאַטן:

— פון וואַנען זייט איר? האָט איר עלטערן? וואָס איז זייער פּרנסה?

די אונטערגעבויגענע קעפּ פון די סאָלדאַטן, — זיי האָבן געקאָלופּעט די ביינדלעך, — טוען זיך דערשראָקענע אַ הויב, ווי מען וואָלט זיי געכאַפּט אויפן אָרט. מיטן ביסן אין מויל שטאַמד לען זיי.

הויבן אָן די ברידער:

— הערט, וואָס הייסט מען אייך טאָן אין קאַזאַרמע? די אָפיצערן זיינען גוט צו אייך? מען שלאָגט אייך נישט? און וואו שלאָפט איר? איר קאָנט האַלטן אַ ביקס?

דיביידע סאָלדאַטן, ווי מען וואָלט אין זיי געשאָסן פון אַלע זייטן, רוקן פון זיך אָפּ די טעלערס, ווייסן נישט וואָס צו טאָן, וועמען ענטפערן פריער, אָדער זיך גאָר ווייטער נעמען פאַרן עסן, מען זאָל נישט דאַרפן אויף זיי וואַרטן.

— קינדער, לאָזט צו רו אַ מענטשן! וואָס האָט איר זיך אויף זיי אָנגעזעצט? מען וועט דאָך אַזוי נישט פאַרטיק ווערן מיט דער וועטשערע ביז האַלבער נאַכט!

מ'טראָגט אַריין אַ שיסל זופּ. פון דער שיסל זופּ גייט אַ פּאַרע. אין איר גילדט זיך הינער־יויך, ס'שווימען רויטע אָדער־

לעך זאַפּראַן, ס׳בלאַנדזשען קערנדלעך רייז און, ווי לעבעדיקע, ליגן דאָרטן צוויי ווייסע געקאָכטע הינער.

— מאַמע, מיר די פּופּיקעס, אַ? — שפּרינגט אונטער דער ערשטער אַבראַשקע.

די מאַמע גיט אויף אים אַ קוק:

— נו, יאַ, דער פאַרגעסט זיך נישט. נאַ דיר, מיין קינד, די פּאַלקע, — גיט זי זיך אַ דריי צו מיר, — און אָט איז נאָך אַ ביסל צימעס. דו האָסט דאָך האָלט זיסן צימעס.

רויטע פייערדיקע מערעלעך שמייכלען מיר פונעם טעלער.

— און ווער וויל אַ פליגל?

די פליגל שטעקן אַרויס פון דער מאַמעס הענט, ווי אַ פייגעלע, וואָס איז גרייט צו אַנטלויפן. די מאַמע צערייסט די הון אויף שטיקלעך. וועמען אַ העלדזל, ווע מען אַ פליגל. קוים האָט זי צייט זיך נעמען פאַר איר אייגענעם חלק.

מיר זיינען אַלע אָן כחות. די אויגן קלעפּן זיך. דאָס טישטוך — פול מיט פליאַמעס.

די וועטשערע גייט אויס מיט די ליכט אינאיינעם.

* * *

שבת נאָך וואַרמעס. די שטוב איז איינגעשלאָפן. בלויז חוה, די קעכין, איז וואַך. די גאַנצע וואָך וואַרט זי אויפן שבת, און אַז ער קומט אָן, מיינט זי—ער וועט זיך נישט ענדיקן, זי וועט האָבן צייט איבערצוקוקן אַלע אירע קליידער, זיך באַרימען מיט אירע מתנות, זיך אָנטאָן, איבערטאָן און אַרויסגיין שפּאַצירן, שפּאַצירן אָן אַ סוף... עפנט זי אויף דעם קאַסטן, ווערט זי דאָרט פאַרפאַלן. לופטערט, טאַפּט אָן, קלייבט איבער דעם פּאַק קליידער, ווי אַ פּאַק פון אירע יאָרן.

— דו זעסט, דאָס איז אַ מתנה פון פאַראיאָרן פּסח... דער הוט איז נאָך פון דער פריערדיקער באַלעבאָסטע, דאָס . . .

— גענוג צו פּאָרען זיך! אַלע שפּאַצירן שוין לאַנג אין גאַס! — לאַכט איר אויס די קריסטלעכע דינסט.

— אזוי לויפט מען עס אין גאַס אַרוים? וואָס זאָל איך אַנטאָן?

אָן אויסגעפּוצטע, ווי אויף אַ חתונה, — דריי מאָל דיקער געוואָרן — שטייט קוים איין די קעכין אויף די פיס. די נייע שיך קוועטשן איר. אָבער זי שטייט אָנגעבלאָזן, ווי זי וואָלט שוין פילן אויף זיך די אויגן פון דער גאַס.

— וואָס וועסטו זאָגן, סאַשע, וועט ווער דערקענען, אַז איך בין אַ דינסט?

זי דרייט זיך אַרום דעם קליינעם, בלעכענעם שפּיגל, טאַפּט זיך אַרום.

— נאַ, גיב אַ קוק, ס'איז אמת זייד!

זי גיט אַ הייב דאָס קלייד, גלייכט אויס איר הוט, פול אָנגעפּיקעוועט מיט בלומען, און גייט פּאַמעלעך אַריבער דעם שוועל. גלייך, ווי דעם שוועל אַריבער, וואָלט זי אַריין אין אַ נייער וועלט.

אָט וועט אַ גאַנצע גאַס מיט אויגן זיך אָנשטעלן אויף איר. יעדערער וועט זיך אומקערן אַ קוק טאָן אויף איר קלייד, אויף איר הוט, און ווער ווייסט... אפשר, דעם שבת וועט זי ענדלעך טרעפן איר באַשערטן... זי גיט זיך אַ שאָקל אויפן אָרט און זאָגט שוין צו דער קריסטין מיט אַ קול פון אַ באַלעבאָסטע:

— סאַשע, ווען די באַלעבאַטים וועלן אויפשטיין, דערלאַנג זיי דעם ליאַק טיי!

אין אַ פּאָר שעה אַרום קומט זי צוריק פון גאַס נאָך מער איינגעמאַטערט, ווי פאַר דער גאַנצער וואָך אַרבעט. די שטוב איז שוין פול מיט אידן. געקומען צו שלש-סעודות. מען ברומט דעם רבינס ניגון. איינער טייטשט אוים דעם אַנדערן: ווי שטייט אין פּסוק? דער רבי האָט געזאָגט . . .

ס'דוכט זיך, זיי קריגן זיך.

דערלאַנגט מען זיי געפּרעגלטע קאַלטע פיש — קילן זיי זיך גלייך אָפּ. דער אָוונט פאַלט צו.

דער טאַטע גיט אַ קוק אין פענצטער, זוכט אויס דאָס ערשטע שטערנדל, וואָס איז אַרויף אויפן בלויען הימל מיט אַ נייער לבנה. ער גייט אַרויס. דער גרויסער טאַטע ווערט גאָר קליין אונטער דעם הויכן הימלישן לבנה־שיין.

איך שלעף זיך נאָך:

— טאַטע, וועסט אָנצינדן די הבדלה ?

מיר גייען צוריק אַריין. איך האַלט דאָס וואַקסענע ליכט. ווי אַ שווערע קייט איז עס געפלאָכטן און אָנגעזאַפּט מיט וואַכעדיקן שוויים. זיין פייער איז שווער און דיק. דער טאַטע לעשט אויס ס'ליכט אָן דעם ברעג טיש, וואָס איז באַגאָסן מיט וויין.

— גוט וואָך !

— גוט וואָך ! — פאַרטראַכט זיך די מאַמע.

איר פּנים פאַרציט זיך שוין מיט אַ וואַכעדיקער גרויקייט.

— זאָל טאַקע זיין אַ גוטע וואָך !

דער מלמד

דער אלטער מלמד, וואָס קומט אונדז לערנען, גייט דורך דעם הויף ווי אַ שאָטן.

ס'פאַלט מיר גלייך אָפּ דאָס האַרץ.

אַ קליינער, אַ קורצינקער, רייבט ער זיך ביי די ווענט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט וועמען אָנצורירן.

זיין אָפּגעקראָכן בגד, פון שוואַרץ-גרין, נעמט קוים אַרום זיינע שמאָלע פּלייצעס. ס'קליינע, ציגענע בערדל, אָן אויס-געצופּטס, הענגט אַראָפּ.

— נו, וואָס, באַשינקע? — קוועטשט ער פון זיך אַרויס אַ שמייכל. — ס'ט אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק דעם אלף-

בית? גיי, רוף אברהמלען, מיר וועלן זיך היינט גוט לערנען, אמת?

— אבראשקע, אבראשקע, דער רבי איז געקומען! — לויף איך אין שטוב אריין.

אָבער דער ברודער האָט שוין, מסתמא, פריער דערזען דעם רבין. שעפּטשעט ער מיר פונעם קליינעם חדרל, וואו ער פאַר־שפּאַרט זיך אַלע מאָל, ווען עס קומט די שעה פון לערנען: „גיי, גים אים דערווייל אַן אַ גלאָז טיי מיט וואַרעניע!"

— אָבער ס'ט קומען, יאָ? — שושקע איך אים דורכן שפּאַלט פון טירל. — איך קאָן נישט זיין אַליין מיטן רבין די גאַנצע צייט.

— גיי, טשעפּע זיך אָפּ. כ'גיי באַלד אַרויס. זאָג, אַז מיר טוט וויי דער בויך!

דער רבי גייט צו צום טיש.

— אוף! — אָטעמט ער אָפּ, טוט אַ זיפץ, שנייצט אויס די נאָז, ווישט אָפּ די שפּאַקולן און נעמט אַ שמעק טאַבאַק. אַן אויפגעוועקטער, מישט ער אויף דעם סידור, וואָס ער טראָגט תמיד מיט זיך.

— נו, וואו זייט איר, קינדער? — דרייט ער אויס דעם קאָפּ, נאָר נעמט נישט אַראָפּ זיין פינגער פון דער שורה.

— אָט בין איך, רבי . . . אָט איז אַ גלאָז טיי . . . איר ווילט, רבי? — שטעל איך אַנידער לעבן דעם סידור אַ הייס גלאָז טיי מיט וואַרעניע.

די פאַרע פונעם טיי פאַרוואָלקנט זיינע שפּאַקולן. די זיסע קאַרשן־זאַפט קיצלט די נאָז.

דער רבי גיט אַ זופּ אַ פּאָר טראָפּן, דערוואַרעמט זיך. ער לאָזט שוין נישט אָפּ דאָס גלאָז, ביז ער טרינקט נישט אויס.

— רבי, איר ווילט נאָך אַ גלאָז? — כ'וואַרט נישט אויף קיין ענטפער און לויף אַוועק מיטן גלאָז אין האַנט.

— וואו איז אברהמל? ער איז אין דער היים? — און דער

רבי בעט זיך ביי מיר, איך זאָל אים אויפהערן טראָגן טיי.

— יאָ, רבי, איך גיי אים רופן. ער האָט געזאָגט, ער וועט באַלד קומען.

— אַבראַשקע! — קלאַפּ איך אים אין טירל. — דער רבי וואַרט אויף דיר. גיי אַרויס!

— ס׳ט אים געבראַכט טיי? און וואַרעניע?

— אוודאי, שוין אַ פּאָר גלעזער. דעם רבין איז שוין שפּל פון די וואַרעניעס. כ׳האָב מורא . . . גיי אַרויס כאָטש אויף אַ ווײַלע!

— וואָס בין איך שולדיק? כ׳קאָן נאָך נישט אַרויס. ס׳איז מיר אויף אָן אמת געוואָרן „טוט ווי דער בויך”!

איך ווייס, אַבראַשקע לייגט. אים טוט גאָרנישט וויי. ער וויל נאָר אַזוי אָפּזיצן די שעה.

איך קער זיך אום צום רבין. ער זיצט אַ פאַרשעמטער לעבן זײַן ליידיקן גלאָז.

— רבי, אפשר ווילט איר נאָך אַ גלאָז טיי? כ׳האָב געזען, מע האָט ערשט צוגעלייגט הייסע קוילן אין סאַמאָוואַר. — און איידער דער רבי קומט צו זיך, כאַפּ איך ביי אים אַרויס דאָס גלאָז פון האַנט.

איך שעם זיך עס אָוועקשטעלן אויפן טיש. כ׳שעם זיך קוקן דעם רבין אין די אויגן. דער הייסער טיי בלאָזט אים גלייך אין פּנים אַריין. זײַנע אויגן הויבן אָן פינטלען.

ס׳פאַלט מיט אַמאָל אויף מיר אָן אַ פּחד. דער רבי קאָן נאָך פון היץ חלשן אויפן אָרט. ער זיצט שוין, ווי אָן כוחות. די אויגן צוגעמאַכט, דער קאָפּ אַרונטערגעלאָזן.

איך קוק אויפן רבין און . . . דערקען אים נישט. ער איז מיט אַמאָל געוואָרן זייער אַלט.

פון זײַן גאַנצן גוף, וואָס איז פאַרשטעקט הינטערן טיש, זעט מען נאָר דעם קליינעם קאָפּ מיטן ציגענעם בערדל.

נאָר איצט דערזע איך, ווי זײַן פּנים איז אויסגעמאַטערט,

דער האלדז — אויסגעדארט. ער איז געלער פונעם געלן סידור־בלאט, וואס איז געבליבן ליגן אן אפענער אויפן טיש. זיינע וואנצעס, זיינע שפיץ־פינגער — אויך געל, אפגעקראכן פון טאבאק.

איז ער טאקע אזוי אלט? שמעקט פון זיין בגד אויך מיט אלטקייט?

— אפשר, — טראכט איך, — וועט דער רבי נישט קאנען אליין דערגיין אהיים? אפשר וואלט מען געדארפט אנזאגן זיינע אייגענע, זיי זאלן קומען נאך אים? ווער ווייסט, וואו דער רבי וואוינט? צי האט ער קינדער? זיינען זיי אויך אזעלכע שלעכטע, ווי מיר?

ער האט קיינעם נישט, — האט מיר א שלאג געטאן אין הארצן. — דער רבי איז אליין, ווי א שטיין אויף דער וועלט.

איך בין צופרידן, וואס דער רבי שלאפט, וואס ער זעט נישט, ווי איך בין רויט געווארן. מיר דוכט זיך, ער איז איינגעשלאפן נישט פון די גלעזער זיסן טיי, נאר פון ווייטיק, וואס מיר ווילן זיך נישט לערנען ביי אים. ער איז אזא שטילער, וויל אונדז אויסלערנען כאטש דעם אלף־בית, אונדז ברענגען, ווי ער זאגט, צו א בלאט חומש.

פארוואס־זשע האט ער מורא אונדז א ווארט צו זאגן? בעסער ווען ער שרייט אויף אונדז! מיר זיינען דאך נישט טאטע־מאמע — זיינע באלעבאטים, ווי ער זאגט.

רשעים זיינען מיר! בלויז ווען דער רבי שלאפט, האבן מיר אויף אים רחמנות!

מיר פארווילט זיך אים זאגן, אז פון היינטיקן טאג אן (איך קאן עס אים שווערן מיט אלע שבועות) וועל איך זיך לערנען גוט, כ׳וועל אים מער נישט ברענגען אזוי פיל גלעזער טיי. איך האב מורא, מיינע ליפן שעפטשען צו שטארק — כ׳קאן נאך אויפוועקן דעם רבין פון שלאף...

בלייב איך שטיל זיצן אויפן ארט.

— אוי! — דערמאָן איך זיך. — אבראַשקע קאָן דאָך גראָד איצט אַרויסשפּרינגען פון זיין חדרל און אויפוועקן דעם רבין! זאָל זיך כאַטש דער רבי אויסשלאָפן ביי אודז! אוודאי, אין דער נאַכט לערנט ער תורה, שלאָפט ער זיך ניט אויס.

מיטאַמאָל האָט מיר אַ שמעק געטאָן פונעם אָפענעם פענצטער מיט זיס קאַכנדיקן שאָקאָלאַד.

דער ריח — אַזאַ שטאַרקער, אַז איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן רבין, צי האָט ער זיך פון אים נישט אויפגעכאַפּט. דער ריח — ווי אַ זיסער וואָלקן אַרום מיין קאָפּ. ער צופּט די צונג, קיצלט די נאָז. כ׳ווער שיכור.

עס פאַרדריסט מיך, וואָס איך בין גראָד איצט נישט אויפן הויף. איך ווייס, דער שאָקאָלאַד קאָכט זיך ביי דעם קאָנדיטער „זשאַן־אַלבערט", וועמעס קיך ליגט אונטער אונדזער קיך. מיט דעם שאָקאָלאַד פאַרגיסן זיי די טאָרטן, וואָס זיי באַקן אויס.

ווען איך וואָלט זיך נאָר איצט באַוויזן, וואָלטן שוין מיך די בעקערס גערופן צו זיך. זיי וואָלטן מיר געבן אויסלעקן דעם גרויסן, הילצערנעם קאָכלעפל, מיט וועלכן זיי מישן אויס דעם שאָקאָלאַד. דער אַלטער בעקער, וואָס שרעקט מיך אַזוי ווען ער איז אין דרויסן, איז אינעווייניק, אין זיין וואַרעמער קיך, זיסער פון די טאָרטן, וואָס ער קינצלט אויס. ער שמייכלט מיט זיינע אויסגעקראָכענע פון צוקער שוואַרצע ציין. זיין ווייסער פאַרטוך איינגעטונקען, פאַרשמירט אין אַלע „קרעמען", מיט וועלכע ער פאַרגיסט די טאָרטן.

איך זע, ווי דער בעקער טראָגט צו צום מויל אַן אויס־געדרייטן, לאַנגן האָרנדל. עס גיט אַ בלאָז פון דעם האָרן אַ פאַרביקער געדיכטער קרעם. און אויפן טאָרט, וואָס שטייט אונ־טער אים, דרייט זיך אויס דאָ אַ רויט בלימל, דאָ אַ גרין בלעטל.

דער בעקער טוט אַ בלאָז פון אַן אַנדער האָרנדל און עס שפּרינגט אַרויף אויף דעם סאַמע שפּיץ טאָרט אַ קליין מלאכל מיט פליגעלעך.

מיט אַ הילצערנער לאָפּעטקע אין האַנט גלייכט ער אויס דאָס מלאכל, גלייכט אויס דעם טאָרט פון אַלע זייטן. זיסע ברעקלעך פאַלן אַראָפּ.

דער בעקער ווייסט, אַז איך קוק אויף אים, ווי אויף אַ כּישוף־מאַכער.

— אמת, שיין? — שמייכלט ער. — ווילסט דעם אָפּפאַל?

— איך וואַרט טאַקע אויפן אָפּפאַל.

ער לייגט מיר אַן פולע פויסטן מיט זיסע ברעקלעך...

כ'נעם פאַנאַנדער מיין האַנט — גאָרנישט דערין. כ'קוק זיך אַרום — דער רבי שלאָפט...

— אַך! ווען וועט ער זיך שוין אויסשלאָפן? איך וועל אַזוי פאַרפעלן די זיסע ברעקלעך. ס'וועט ווערן שפּעט און איך וועל מער נישט קאָנען אַריינגיין אין דער פינצטערער קיך פונעם קאָנדיטער.

אַרויסלויפן אויף אַ רגע?

און ווי, אַז דער רבי נעמט און כאַפּט זיך מיט אַמאָל אויף?

— ששששש!... — הערט זיך פּלוצים, ווי אַ סוויסטש פון אַ ווינט. וואָס איז דאָס? פייפט עס נישט דער רבי מיט זיין נאָז? איך קוק אַרויס פון פענצטער. כ'פאַל שיעור נישט אַרויס. עס שיטן זיך אַראָפּ פון אויבן, פון דעם פאָטאָגראַפס דירה, אַ סך אַזעלכע ווייסע בלעטעלעך.

אויסגעבויגענע, פליען זיי, קוליען זיך, צעפאַלן זיך אויף די טרעפּ, איבערן הויף, ווי עס וואָלטן אַרויסגעלאָפן ווייסע טייבעלעך און זיך צעפלויגן איבערן הויף. איך צי אויס די הענט, וויל פאַרכאַפּן אַ בלעטעלע. כ'ווייס, דאָס זיינען קאַרטלעך, וואָס דער פאָטאָגראַף וואַרפט אַרויס. געלע, בלאַסע, מיט פינטעלעך; ביי וועמען צעלעכערט אַן אויג, ביי וועמען צעקנייטשט די באַקן, קוים מען קאָן דערזען אַ מענטשן.

דאָ זיצט אַ מיידל מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, ווי זי וואָלט זיך ווערגן פון איר הויכן קראַגן, וואָס קריכט אין די אויערן

אריין. דאָ שטייט אַ סאָלדאַט מיט לאַנגע וואָנצעס, מיט אויגן אַזוינע דערשראָקענע, ווי ער וואָלט דערזען פון דערווייטנס אַ גענעראַל, וואָס שרייט אויף אים.

אַט פאַלט מיר אין האַנט אריין אַ קליין קאַרטל. כ׳גיב אַ קוק. גאָט צו דאַנקען, וואָס איך האָב עס אונטערגעכאַפּט.

אויף אַ שטיקל ליילעך ליגט אויסגעצויגן אַ נאַקעט עופּהלע. כאַטש אַ גראָבס, ווי אַ יונג חזירל, וואָלט עס זיך צעבראָכן ס׳קעפּל, ווען עס פאַלט אַנידער אויף דער ערד.

— שפּיל זיך מיט מיר... גיב אַ שמייכל... — מיר דוכט זיך, ס׳קינד הויבט אָן שמייכלען.

און אַט איז מיר אַריינגעפאַלן אין האַנט אריין אַ קאַרטל, אַנגעפּאַקט מיט מענטשן. ווי האָט עס גאָר דער פאָטאָגראַף געהאַט אַ האַרץ זיי אַרויסוואַרפן אַלע אינאיינעם?

אַ גאַנצע משפּחה אויף איין־אײנציק קאַרטל — אַ זיידע מיט אַ באָבע און נאָך אַ באָבע, אַ פעטער מיט אַ מומע, אַ טאַטע־מאַמע, זין און טעכטער, אויסגעגעבענע און מיידלעך, קינדער...

ס׳האָבן ניט געקלעקט קיין שטולן זיי אַלע אַוועקצוזעצן, זיינען די וואָס שטייען פון הינטן — בייז. קינדער האָבן זיך צעזעצט אויפן דיל.

איך האָב געקוקט, געקוקט אויף זיי און נישט אויסגעהאַלטן. אַוועקגעגאַנגען פרעגן ביי דער מאַמען, פאַרוואָס זאָלן מיר זיך אויך נישט אַראָפּנעמען אַלע אויף אַזאַ קאַרטל.

— דער פאָטאָגראַף וואוינט דאָך ביי אונדז אויפן הויף, — זאָג איך. — און מען קאָן זיך אָנזען פון גאָס אויפן ברעטל פון די אויסגעשטעלטע קאַרטלעך, וואָס הענגט אַנטקעגן אונדזער קראָם.

גיט די מאַמע אויף מיר אַ קוק:

— ביסט משוגע, צי חסר־דעה? האָסט גאָרנישט מער וועגן וואָס צו טראַכטן? גאָר אין „מיטשקע דערינען״ זיך גיין אַראָפּ־נעמען, ווי די שיקסעס מיט זייערע סאָלדאַטן?

פאַרוואָס שרייט די מאַמע ? מע האָט דאָך איינמאָל אָראָפּ־גענומען דעם זיידן. אמת, מע האָט אים אָפּגענאַרט, אים געזאָגט, ווען ער איז רואיק געשטאַנען הינטער דעם צאָלבאַנק, אַז ער זאָל זיך נישט רירן פון אָרט, מע דאַרף אויסמעסטן די קראָם. פאַרוואָס זשע זאָל דער פאָטאָגראַף פון הויף נישט קומען אויס־מעסטן אונדזער קראָם און בשעת מעשה אונדז אַלעמען אַראָפּ־נעמען ?...

— באַשקע ! — לויפט ענדלעך אַרויס אַבראַשקע פון זיין חדרל מיט אַ געשריי. — דער רבי איז שוין אַוועק ?

— סטסס... — מאַך איך אים, אַ דערשראָקענע, מיט די הענט. — הער אויף צו שרייען, דער רבי שלאָפט !

אָבער אַבראַשקעס געשריי האָט שוין אויפגעוועקט דעם רבין. גאָט צו דאַנקען, דער רבי, דוכט זיך, איז נאָכן שלאָף פרישער געוואָרן.

ער גיט זיך גלייך אַ כאַפּ, דערזעט אונדז ביידן און נעמט זיך פאַרן סידור, ווי ער וואָלט גאָרניט געשלאָפן.

— נו, קינדער, וואו האַלטן מיר ? חזר איבער : אלף־בית...

— אלף, בית, גימל, דלד... — שריי איך, אַ צופרידענע וואָס דער רבי האָט צו אונדז גאָרנישט.

— היי, וואָוו ! — שרייט מיך איבער אַבראַשקע.

צום ערשטן מאָל חזרן מיר איבער דעם אלף־בית פון אָנהויב ביזן סוף.

דער רבי שמייכלט פון הנאה :

— איר זייט נישט מיד, קינדערלעך ? זיך גוט געלערנט היינט, אַ ? אפשר גענוג פאַר היינט ? אַ ?

דער רבי טוט אָן זיין אַלטן בגד און גייט שטיל פון צימער אַרויס.



ראש־השנה

קומען אַן ימים־נוראים — פאַרטומלט זיך אין גאַנצן אונדזער שטוב. יעדער יום־טוב ברענגט מיט זיך זיין טעם, יעדערער וויקלט זיך אין זיין אייגענער לופט אַריין. אַ לייכטע, שהחיינו־דיקע, אויסגעוואַשענע לופט, ווי נאָך אַ רעגן — די לופט פון ראש־השנה.

נאָך די שוואַרצע סליחות־נעכט שיינט אַרויס צום נייעם יאָר אַ קלאָר זונענדיקער טאָג. די וואָך פון סליחות — די אומרואיקסטע וואָך. דער טאַטע כאַפּט זיך אויף אין מיטן נאַכט, וועקט אויף די ברידער און זיי אַלע טוען זיך שטיל אָן און פאַרשווינדן, ווי גנבים, הינטער דער טיר.

וואָס זוכן זיי אין דער קעלט, אין די פינצטערע גאַסן? אין בעט איז דאָך אַזוי וואַרעם! און ווי, אַז זיי קומען גאָר נישט צוריק, וועלן מיר דאָך מיט דער מאַמען זייער וויינען? איך הייב שוין אָן אַליין כמעט צו וויינען און פאַרוויקל זיך טיפער אין די קאָלדרעס.

מיט אַ בלאַס אויסגעמאַטערט פּנים טרינקט דער טאַטע טיי אין דער פרי. דער ערב־יום־טובדיקער טומל פאַרטרייבט אַלע־מענס מידקייט.

מען פאַרמאַכט פרי די קראָם. אַלע גרייטן זיך גיין אין שול אַריין. מע גרייט זיך מער ווי אַלע מאָל, ווי מע וואָלט צום ערשטן מאָל אַהין גיין. יעדערער טוט אָן וואָס נייעס, ווער אַ פרישן, העלן הוט, ווער אַ נייעם שניפּס, ווער אינגאַנצן אַ נייעם בגד.

די מאַמע טוט אויך אָן אַ ווייס־זיידענע בלוזקע און, ווי אַ באַנייטע מיט אַ פרישער נשמה, אײַלט זי זיך גיין אין שול אַריין.

אַן עלטערער ברודער מישט איר אויף דעם גראָבן מחזור און פאַרבייגט די זייטן, וואו זי דאַרף דאַוונען. אויף זיי שטייט שוין פון יאָרן לאַנג אָנגעשריבן מיט דעם זיידנס האַנט: זאָג.

דערקענט די מאַמע די שורות, וואָס זי האָט אויסגעוויינט פאַראַיאָרן. אַ ציטער פאַרוואָגלט אירע אויגן. זי אײַלט זיך אין שול אַריין זיי ווייטער צו באַוויינען, ווי גאָר פונדאַסניי.

אַ פּאַק מיט ספרים אָנגעגרייט פאַר איר. זי וויקלט זיי אין אַ גרויס נאָזטיכל אַריין און נעמט זיי אַלע מיט זיך. זי דאַרף דאָך אויסבעטן אַ גוט־יאָר פאַר דער גאַנצער משפחה.

דעם טאַטנס ספרים און טלית קומט אָפּנעמען בײַטאָג דער שמש.

איך בלייב איינע אַליין. די שטוב איז פּוסט און איך בין אויך ווי אָן אויסגעליידיקטע. דאָס אַלטע יאָר, ווי אַ פאַר־לאָרענער, שלעפּט זיך ערגעץ־וואו הינטער די פענצטער. דאָס

קומענדיקע יאָר דאַרף דאָך זיין אַ העלער, אַ ליכטיקער. כ'וויל גיכער איבערשלאָפן די נאַכט.

צו־מאָרגנס אין דער פרי גיי איך אויך אין שול. איך בין אויך אָנגעטאָן אין נייע קליידער, פון קאָפּ ביז די פיס. די זון שיינט. די לופט — קלאָר און לעבעדיק. מיינע נייע שיכלעך קלאַפּן טרוקן אָפּ. איך איל זיך צו. אַוודאי איז שוין אין שול אָנגעקומען דאָס נייע יאָר. אַוודאי בלאָזט שוין דאָרט דער שופר. ס'קלינגט מיר שוין אין די אויערן. מיר דוכט זיך, דער הימל אַליין האָט זיך אַראָפּגענידערט און יאָגט זיך צו דער שול מיט מיר אינאיינעם. איך לויף צו דער ווייבערשער שול, כ'גיב אַ שטופּ די טיר. ס'גיט אַ בלאָז פון דאָרט אַ היץ, ווי פון אַ באַק־אויוון. אַ פאַרשטיקטע לופט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. די שול איז אָנגעפּאַקט. די הויכע טישלעך פאַרוואָרפן מיט ספרים. אַלטע ווייבער זיצן, ווי איינגעזונקענע. מיידלעך שטייען, כמעט אויף די קעפּ פון די אַלטיטשקע. קינדער שטופּן זיך אונטער די פיס.

איך וויל זיך צורוקן צו דער מאַמען. אָבער זי זיצט אַזוי ווייט, גאָר פון פאָרנט, ביים סאַמע פענצטער פון מאַנסביל־שול. ווי איך גיב מיך נאָר אַ ריר, טוט זיך אַ קער צו מיר אַ ווייבערשע פּלייצע, אַ פאַרוויינט פּנים גיט בייז אויף מיר אַ קוק:

— אָה!... אָה!... — בלאָזט זי אויס אויף מיר איר כעס.

מע שטופּט מיך פון הינטן און, ווי אַ באַפרייטע, פאַל איך צו צום פאַרענטש.

די מאַמע גיט מיר אַ וואונק מיט אַן אויג. זי איז צופרידן, וואָס איך בין שוין לעבן איר. אָבער וואו איז דער שופר? וואו איז דאָס נייע יאָר?

איך קוק אויף די ווענט פון מאַנצביל־שול. דער אָרון־קודש — פאַרמאַכט. דאָס פּרוכת — פאַרצויגן. שטיל און רואיק היטן אים די צוויי אויסגענייטע לייבן. אידן טומלען זיך, ווי פאַר־נומען מיט אַנדערש וואָס. בין איך געקומען צו פרי, צו שפּעט? מיט אַמאָל ציט זיך אויס פון אונטער אַ טלית אַ האַנט מיט

אַ שופר און בלייבט אין דער לופטן. דער שופר גיט אַ בלאָז. אַלע וועקן זיך אויף. מע הערט אויף רעדן צווישן זיך. מע וואַרט. דער שופר גיט ווייטער אַ בלאָז. אָפּגעהאַקט, ווי ס'וואָלט אים אויסגעפּעלט אָטעם.

אידן קוקן זיך איבער. דער שופר בלאָזט, אַ הייזעריקער. אַ מורמל פאַרלויפט איבער דער שול.

— וואָס פאַר אַ שופר־בלאָזן? אים פעלט כח... אפשר בעטן אַן אַנדערן?...

און מיט אַמאָל, ווי דער בעל־תוקע וואָלט דורכגעשטופּט דעם בייזן שטן, וואָס האָט פאַרשטאָפּט דעם שופר, הערט זיך אַ ריינער, לאַנגער שאָל. ווי אַ רוף, איז ער פאַרלאָפן איבער דער גאַנצער שול, פאַרבלאָזט אַלע ווינקלען. אידן האָבן אָפּגעלעבט. ווער עס גיט אַ זיפץ, ווער ס'שאָקלט צו. דער שאָל גיט זיך אַ הויב אין דער הויך. די ווענט — ווי אַ ריר געטאָן. ער קומט אָן צו מיר, צו מיין פאַרענטש. ער בלאָזט אין באַלקן אַריין, שטופּט די דיקע לופט, פאַרשטאָפּט יעדן ליידיקן אָרט. ער פאַר־בלאָזט מיינע אויערן, מיין מויל. ס'טוט מיר אפילו וויי אין בויך. ווען וועט זיך אויסבלאָזן דער שופר? וואָס וויל פון אונדז דאָס נייע יאָר?

* * *

איך דערמאָן זיך אָן אַלע מיינע עבירות. גאָט ווייס, וואָס וועט זיין מיט מיר? ס'האָט זיך דאָך אַזוי פיל אָנגעקליבן פאַרן יאָר! דערוואַרט איך זיך קוים אויף דעם נאָכמיטאָג. איך אייל זיך מיט דער מאַמען גיין צום תשליך, אויסטרייסלען די עבירות אין אונדזער גרויסן טייך. אויפן וועג אַנדערע ווייבער, מענער — אַלע גייען אַראָפּ דאָס קליין געסל, וואָס פירט צום ברעג. אַלע אָנגעטאָן אין שוואַרץ, ווי זיי וואָלטן, חלילה, גיין צו אַ לוויה. די לופט איז קאַלטלעך. פון הויכן ברעג טייך, פון גרויסן שטאָט־גאָרטן בלאָזט אַ ווינט — פליען בלעטעלעך אַראָפּ. געלע, רויט־לעכע, ווי שמעטערלינגען, דרייען זיי זיך אין דער לופטן, קוליען

זיך איבער, צעפאַלן זיך אויף דר'ערד. פליען אויך אַזוי אונדזערע עבירות? די בלעטלעך שורשען, קלעפּן זיך צו די שיך. איך פאַרשלעפּ זיי מיט זיך. מיט זיי צוזאַמען איז נישט אַזוי מוראדיק צו גיין צו תשליך.

— וואָס שטעלסטו זיך אַלץ אָפּ? — גיט די מאַמע מיך אַ צי פאַרן האַנט. — לאָז צו־רו די בלעטלעך!

באַלד שטעלן זיך אַלע אָפּ. די גאַס האָט זיך ווי אָפּגעהאַקט. טיפע, קילע וואַסערן, ווי צוגעשוואָומען צו די פיס.

אויפן ברעג טייך טונקלען זיך שוואַרצע רעדלעך אידן. זייערע אויסגעצויגענע קעפּ מיט בערד וואַקלען זיך, טובלען זיך אין וואַסער, ווי זיי וואָלטן וועלן אַנזען דעם אָפּגרונט אַליין. מיט אַמאָל גיבן די אידן אַ דריי זייערע קעשענעס; פון אונטער־שלאַק רייסן זיך אָפּ ברעקלעך, קייקלעך. די אידן מאַכן אַ ברכה אויפן קול און וואַרפן די ברעקלעך צוזאַמען מיט די עבירות אין וואַסער אַריין. אָבער, ווי וועל איך אויסטרייסלען מיינע עבירות? איך האָב נישט קיין ברעקלעך אין די קעשענעס, האָב אפילו קיין קעשענעס ניט.

שטיי איך לעבן דער מאַמען און טרייסל זיך פון קאַלטן ווינט, וואָס הויבט אויף אונדזערע קליידלעך. די מאַמע זאָגט מיר אונטער די ברכות און די ברכות מיט די עבירות צוזאַמען פאַלן פון מויל גלייך אין וואַסער אַריין. מיר דוכט זיך, דער טייך איז ווי אַנגעשוואָלן פון אונדזערע אַלעמענס עבירות און קייקלט די מיט אַמאָל פאַרשוואַרצטע וואַסערן.

אַן אויסגעליידיקטע, קער איך זיך אַהיים. די מאַמע זעצט זיך גלייך זאָגן תהילים. זי וויל נאָך פאַרכאַפּן דעם טאָג, וויל נאָך וואָס אויסבעטן ביי גאָט. אַ זשומען פאַרלויפט איבער דער פינצטערער שטוב. די לופט פאַרוואָלקנט זיך ווי דער מאַמעס שפּאַקולן. די מאַמע וויינט, שאָקלט שטיל מיטן קאָפּ.

וואָס זאָל איך טאָן?

מיר דוכט זיך, פון די געדיכטע תהילים־שורות גליטשן זיך

ווייך אראָפּ אונדזוערע זיידעס, באָבעס. ס׳וויגן זיך זייערע שאָטנס, זיי ציען זיך, ווי פעדים, רינגלען מיך אַרום.

איך האָב מורא זיך אַ קער צו טאָן. אפשר שטייט ווער הינטער מיין רוקן און וויל מיך פאַרכאַפּן אין זיינע אָרעמס?

— מאַמע! — האַלט איך נישט אויס און גיב זי אַ טרייסל פאַרן אַרבל.

זי הייבט אויף דעם קאָפּ, שנייצט אויס די נאָז און הערט אויף צו וויינען. זי גיט אַ קוש דעם תהילים און מאַכט אים צו.

— באַשקע, — גיט זי מיר אַ זאָג, — איך גיי אין שול אַריין. מיר וועלן באַלד אַלע קומען צוריק. ס׳ט צוגרייטן דעם טיש, מיין קינד!

— מאַמע, דאָס איז אויף שהחיינו מאַכן?

ווי זי גייט אַוועק, עפן איך פאַנאַנדער די שפּייז־אַלמערם. כ׳שלעפּ פון דאָרט אַרויס הויכע פּאַפּירענע זעק, אָנגעפּאַקט מיט פרוכטן, און שיט זיי אויס אויפן טיש. ווי אין אַ גרויסן גאָרטן, צעקייקלען זיך אויפן טיש גראָבע, גרינע קאַוועַנעס. אַן אַ זייט בלייבן ליגן שטענגלעך ווייַנטרויבן — ווייסע, רויטע. גרויסע באַרן, זאַפטיקע, האָבן זיך איבערגעקוליעט אויף זייערע קעפּלעך. זיסע געלע עפּל גילדענען זיך, ווי מע וואָלט זיי שוין געהאַט איינגעטונקט אין האָניק. פלוימען, טונקל־רויטע, צע־שיטן זיך איבערן גאַנצן טיש.

אויף וואָס זשע מאַכן שהחיינו? מיר האָבן דאָך פון דעם אַלעם געגעסן אַ גאַנץ יאָר?

איך זע, פון אַן אַנדער זאַק שטעקט אַרויס, ווי אַ סאָסנע־ביימל, אַן אַנאַנאַס. אַ נייער, פרעמדער פרוכט.

— סאַשע, ווייסטו וואו ס׳וואַקסט אַן אַנאַנאַס?

— ווער ווייס? — מאַכט זי מיט די הענט. — כ׳האָב אַנדערש וועגן וואָס צו טראַכטן!

קיינער ווייס ניט פון וואַנען ס׳קומט דער אַנאַנאַס. מיט זיין דראַפּיקער הויט זעט ער אויס, ווי אַ מאָדנער פיש. זיין עק

אָבער בלייבט שטיין פון אויבן, ווי אַ פאַנאַנדערגעשפּרייטער פעכער. איך גיב אַ ריר זיין אָנגעשטאָפּטן בייכל, ציטערט ער אויף פון אויבן ביז אַראָפּ. ס'איז נישט אַזוי גלאַט אים אָנצורירן. ער האַלט זיך עפּעס ווי אַ קייסער. איך צאַם פּאַר אים אָפּ דעם מיטן טיש.

מאַשע צעשניידט אים אָן רחמנות. ווי אַ לעבעדיקער פיש, צעקרעכצט זיך דער אַנאַנאַס אונטער איר שאַרפן מעסער. זיין זאַפט, ווי ווייסע בלוט, צעשפּריצט זיך איבער די פינגער. איך גיב אַ לעק. אַ זיס-ביטערער טעם.

איז דאָס דער טעם פון נייעם יאָר?

— גאָט מיינער! — שעפּטשע איך אין איילעניש. — ביז אַלע קומען פון שול צוריק, גיב אַ טראַכט וועגן אונדז! טאַטע-מאַמע בעטן אויס אין שול אַ גאַנצן טאָג ביי דיר אַ גוט יאָר. דער טאַטע טראַכט דאָך שטענדיק וועגן דיר! און די מאַמע, אויף יעדן טראָט דערמאָנט זי דאָך דיין נאָמען! דו ווייסט, ווי זיי זיינען פאַרהאָרעוועט, פאַרזאָרגט. גאָט מיינער, דו קענסט אַלץ! מאַך, מיר זאָלן האָבן אַ זיס, גוט יאָר!

איך באַשיט שנעל דעם ביטערן אַנאַנאַס מיט מעל-צוקער.

— גוט יום-טוב! גוט יום-טוב! — שרייען איבער איינער דעם אַנדערן די אַריינגעלאָפענע ברידער.

גלייך נאָך זיי קומען טאַטע-מאַמע אַריין, בלאַסע און אויס-געמאַטערטע.

— לשנה טובה תכתבו ותחתמו!

ס'האַרץ האָט מיר אַ שפּרונג געטאָן. ס'האָט זיך געדוכט, גאָט אַליין רעדט מיט זייער מויל.



יום־כיפּור

גאָר אַן אַנדער לופט, אַ שווערע, אַ דיקע, שוועבט אין דער נאַכט פון יום־כיפּור.

אַלע קראָמען זיינען שוין לאַנג פאַרשלאָסן. זייערע שוואַרצע לאָדנס פאַרהאַקט, ווי אויף אייביק. דער הימל איז אויך שוואַרץ, ווי גאָט אַליין זאָל אים, חלילה, האָבן פאַרלאָזט. ס׳איז מוראדיק צו גיין איבער די גאַסן. אפשר שטראָפט דיך גלייך גאָט און דו לינקסט זיך אוים אַ פוס? איך ציטער אויף פון אַ געלעכטער,

וואָס ברעכט אוים ערגעץ־וואו אין דער ווייט. די גויים האָבן גאָר ניט מורא. זיי לאַכן אַפילו אום יום־כיפור.

מיר קלאַפּט נאָך אין קאָפּ פון די געשרייען, וואָס האָבן זיך געטראָגן פונעם טאַטנס ווייסן כפרה־האָן.

אַ שוואַרצער, אויסגעדאַרטער שוחט האָט זיך אַריינגע־גנבעט נעכטן שפּעט פאַרנאַכט אויף אונדזער הויף. דורך די פאַלדן פון זיין ראָק האָט ווי אַ בלישטש געטאָן אַ לאַנגער מעסער. דער שוחט האָט זיך געיאָגט נאָכן טאַטנס האָן, וואָס האָט גע־שריען און אויפגעטרייסלט דעם הויף מיט אַ געקריי. אַנדערע הענער זיינען אים נאָכגעלאָפן מיט צערייצטע קולות.

די קעכין האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ האָן פאַר אַ פיסל. דער האָן האָט זיך אָבער אַרויסגעריסן. דער הויף איז פול געוואָרן מיט פעדערן.

ווי טויזנט גלאָקן זאָלן רופן אויף אַ שרפה — אַזוי האָט דער הויף געקלונגען פון די הענער־קולות, פון זייערע קריגערישע געשרייען. ביסלעכווייז אָבער האָבן די הענער זיך אַרויס־געשלאָגן פון זייערע כוחות. ס׳איז געוואָרן אַלץ שטילער און שטילער.

מיינע און דער מאַמעס ווייסינקע הינדעלעך האָבן זיך פון שרעק פאַרשטעקט אין אַ לאָך. ס׳האָט זיך בלויז געהערט ווי זיי קוואָקען שטיל און וויינען.

די קעכין האָט אַ כאַפּ געטאָן ביידע הינדעלעך מיט אַמאָל און זיי אַ לייג געטאָן צום שוחטס פיס. בלוט האָט זיך אַ גאָס געטאָן איבערן גאַנצן גאַניק. ביז איך בין געקומען צו זיך, זיינען שוין אַלע הענער און הינדעלעך געלעגן אויף דער ערד. פון זייערע העלדזלעך זיינען געראונען שנירלעך בלוט. בלוט האָט פאַרשפּריצט זייערע ווייסע פעדערן. מען האָט זיי געלאָזן אָפּ־קילן זיך אין דער פינצטערער קעלט.

איך דערמאָן זיך ווי מיין הינדעלע האָט זיך געטרייסלט אין מיינע הענט, ווען איך האָב מיט איר געשלאָגן כפרות. איך

האָב זיך אויך געטרייסלט. מיין פינגער פלעגט גלייך אָפּ־שפּרינגען, ווי נאָר איך האָב אָנגעטאַפּט דעם הינדלס וואַרעם בייכל.

ס׳הינדעלע האָט אַ קריי געטאָן, געוואָלט אַ פלי טאָן איבער מיין קאָפּ, ווי אַ קליינטשיק ווייס מלאכל.

איך האָב אַ הייב געטאָן מיינע אויגן פונעם סידור, געוואָלט אַ קוק טאָן אויפן הינדעלע. דאָס הינדעלע קרייט און קוואָקעט, ווי עס זאָל ביי מיר בעטן רחמנות. איך הער גאָרנישט די ברכות, וואָס מען זאָגט מיר אונטער. און עס באַפאַלט מיך מיט אַמאָל אַ מורא, ס׳הינדעלע זאָל מיר עפּעס נישט אָנמאַכן אויפן קאָפּ.

די מאַמע רופט מיך. איך זע פון דערווייטנס ווי אירע אויגן בליצן, אירע הענט דרייען זיך שטיל אַרום, ווי זי וואָלט זיך געקליבן עמעצן אַרומנעמען. זי הייסט מיר צוהאַלטן די פּאַסמעס פעדים פאַר די גרויסע וואַקסענע ליכט, וואָס וועלן ברענען אין שול פאַרן עמוד. זי נעמט פאַנאַנדער דעם ערשטן פאָדעם.

— פאַר מיין האַרציקן מאַן, פאַר שמואל־נחן, זאָל געזונט זיין און לעבן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

זי ציט אוים דעם פאָדעם, פלעכט אין אים פּאַמעלעך אַריין אַ ברכה, באַשפּריצט אים מיט אירע טרערן און פירט איבערן פאָדעם אַ גרוים שטיק וואַקס, ווי זי זאָל וועלן אים אָנזייפן מיט גוטס.

— האַלט שטאַרק צו דעם עק פונעם פאָדעם, באַשקע, — גיט די מאַמע מיר אַ זאָג.

— פאַר מיין ליבן זון, פאַר איטשקען, זאָל געזונט זיין און לעבן אין גליק און פרייד ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר! — ציט זי אוים דעם צווייטן פאָדעם און זייפט אים אויך שטאַרק אָן מיט וואַקס.

— פאַר מיין עלטסטער טאָכטער, פאַר חנהן . . .

ס׳ציען זיך נעמען, ס׳ציען זיך פעדים, שוין געלע פון וואַקס

און טרערן. איך קאָן קוים האַלטן די אַלע עקלעך, וואָס בלייבן איבער ריין פון וואַקס. זיי גליטשן זיך אַרוים פון מיינע שפּיץ־פינגער. איך האַלט זיי צו מיט אַלע כחות.

די מאַמע בעט לאַנג פאַר יעדן קינד, פאַר יעדן קרוב. איך ווייס שוין ניט, וואָס זי זאָגט. מיט יעדן נאָמען פאַלט אַראָפּ אַ טרער אויפן פּאָדעם און פאַרשמעלצט זיך גלייך אין וואַקס אַריין, ווי אַ פּערלע. איין שווער ליכט איז שוין פאַרטיק. די מאַמע נעמט זיך פאַר די אַנדערע.

— פאַר מיין, אונדז אַלעמען צו לאַנגע יאָר, פאַרשטאָרבע־נעם פאָטער, ברוך־אהרן ריישקעס, זאָל אייביק רוען אין גן־עדן. פאָטער מיינער, זיי פאַר מיר אַ גוטער בעטער, פאַר מיר און פאַר מיין מאַן און פאַר מיינע קינדערלעך. בעט אוים ביי גאָט פאַר אונדז אַלעמען געזונט און הצלחה.

די מאַמע וויינט שוין אויפן קול. זי זעט שוין כמעט נישט די פּעדים, וואָס טרייסלען זיך אין אירע הענט.

— אונדז אַלעמען צו לאַנגע יאָר, פאַר מיין פאַרשטאָרבענער מוטער, אייגע, זאָל זיין פאַר אונדז אַ גוטע בעטערין. מוטער מיינע, פאַרלאָז נישט דיין איינציקע טאָכטער אַלטע, — בעט זיך די מאַמע ביים אויסגעצויגענעם פאָדעם. זי וואָלט אַוודאי וועלן פאַרבלייבן וואָס לענגער מיט איר מוטער. לאָזט זי נישט אַרוים דעם פאָדעם פון אירע הענט און פירט פּאַמעלעך דעם וואַקס איבער אים.

— אונדז אַלעמען צו לאַנגע יאָר, פאַר מיין פאַרשטאָרבן זונעלע, בנימעלע, — הויבט ווייטער אָן די מאַמע צו וויינען. דאָ האַלט איך שוין מער ניט אוים. איך וויין אַליין איבער מיין פאַרשטאָרבענעם איין־יאָריקן ברודערל, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געזען.

די מאַמע גיט אַ קוק אויף מיר דורך די טרערן, כאַפּט איבער דעם אָטעם אוןווישט זיך די נאָז. די פּעדים ווערן אַלץ דיקער און דיקער. ס׳קומען, ווי צו־גאַסט, די פאַרשטאָרבענע קרובים

פון נאָענטע און ווייטערע משפּחות. פאַר יעדן לאָזט די מאַמע אַראָפּ אַ טרער, ווי זי וואָלט יעדן מיטגעשיקט אַ גרוס. איך הער שוין נישט מער זייערע נעמען, ווי איך זאָל אַרומגיין איבער אַ פרעמדן בית־עולם. איך זע בלויז שטיינער, איך זע בלויז פּעדים. מיר ווערט אַפילו מוראדיק, וויפיל פאַרשטאָרבענע קרובים האָבן זיך אויסגעצויגן און זיך פאַרפלאָכטן אין דער מאַמעס פּעדים. ווען מיר, לעבעדיקע, אויך אַזוי ברענען, ווי די פאַרשטאָרבענע נשמות?

בין איך שוין צופרידן, ווען דער שמש, וואָס וואַרט אויף די ליכט, טראָגט זיי אַוועק אין שול. אָן אויסגעמאַטערטע, גיי איך שלאָפן.

אויף צומאָרגנס יאָגט מען אונדז פון אינדערפרי אָן. מען גיט אונדז איבערצובייסן, צו פאַרשטאַרקן זיך פאַרן תענית, צו זאָגן נאָכאַמאָל אַ ברכה. מיר זוכן צו טאָן מצוות. די ברידער בעטן איבער איינער דעם אַנדערן.

— אַבראַשקע, ביסט נישט ברוגז אויף מיר? — גיב איך זיך אַ וואָרף צו מיין ברודער. איך דערמאָן זיך, איך האָב ניט אַלעמאָל געטאָן, וואָס ער פלעגט וועלן.

די מאַמע גייט אַראָפּ אין הויף, וואו עס האָט געוואוינט אונדזערער אַ שכן, מיט וועמען זי האָט זיך געקריגט. די מאַמע בעט האַרציק, ער זאָל איר מוחל זיין.

די ברידער טוען זיך איבער, גרייטן זיך צו גיין אין שול אַריין. זיי רעדן כמעט נישט צווישן זיך. זיי שטופּן זיך אַפילו נישט, ווי אַ פּחד וואָלט אויף זיי אָנגעפאַלן.

פון ווייטן וואַרטן זיי, ביז די מאַמע בענטשט פאַמעלעך אָפּ אירע ליכט. גייען זיי דעמאָלט צו, צוערשט צום טאַטן, דערנאָך צו דער מאַמען און ווינטשן זיי אַ גוט יאָר. אויף יעדערן לייגן די עלטערן אַרויף זייערע הענט און בענטשן יעדן אונטער־געשטעלטן קאָפּ. אַפילו די דערוואַקסענע ברידער זעען אויס ווי קליינע קינדער אונטער די אויסגעצויגענע הענט פון די

עלטערן. איך, די מוזינקע, גיי צו די לעצטע. דער טאַטע, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, טאַפּט אָן מיין קעפּל און איך פאַרשטיק זיך גלייך אונטער די אָנגעלאָפענע טרערן. איך הער קוים די ברכות, מיט וועלכע ער בענטשט מיך. זיין קול איז שוין הייזעריק.

מיר דאַכט זיך, אַז איך ברען שוין אויף דעם גרויסן וואַקסענעם ליכט, וואָס די מאַמע האָט אויסגעפּלאַכטן. ווי אַן אויסגעכשרטע גיי איך אַרויס פון דעם ברענענדיקן ראָד פון זיינע ווייסע וואַרעמע הענט, וואָס לייכטן, ווי די ליכט, הינטער די ברכות און טרערן, און כ'פאַל אונטער די טרייסלענדיקע הענט פון מיין מוטער.

איך באַרואיק זיך אַ ביסל לעבן איר. מיר איז היימישער צו זען אירע טרערן. איך דערהער אירע פּשוטע, האַרציקע תפילות. מיר ווילט זיך גאַרנישט אַרויסקריכן פון אונטער אירע הענט. ווערט מיר טאַקע גלייך קאַלט, ווי נאָר ס'הערט אויף דאָס זשומען פון די ברכות איבער מיין קאָפּ.

מען איילט זיך גיין אין שול אַריין.

— אַ גוטן יום-טוב! — גייט שטיל צו דער טאַטע צו דער מאַמען און גיט איר אַ האַנט.

— אַ גוטן יום-טוב! — ענטפערט די מאַמע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

איך בלייב אַליין אין שטוב. די ליכט ברענען הייליק און וואַרעם. איך שטעל זיך גלייך שמונה-עשרה.

אין די אויערן קלינגען נאָך דעם טאַטנס ברכות, וואָס האָבן זיך געטרייסלט איבער מיין קאָפּ. איך צעקלאַפּ זיך דאָס האַרץ מיטן על-חטא. איך האָב מורא, איך האָב דאָך, אַוודאי, נאָך מער עבירות, וויפיל עס זיינען אַפילו אויסגערעכנט אינעם מחזור.

ס'ווערט מיר היים אין קאָפּ. די לשון-קודשדיקע אותיות נעמען זיך הויבן אין דער הויך, אין דער ברייט. ירושלים שאָקלט זיך פאַר מיינע אויגן. איך וואָלט געוואָלט אים אונטער-

האַלטן מיט מיין גראַבן מחזור, וואָס איך האַלט פעסט מיט מיינעביידע הענט.

איך שריי צו גאָט אַליין און גיי נישט אָפּ פון דער וואַנט, ביז כ׳ווייס שוין נישט וואָס צו בעטן.

די קינדער קומען צוריק פון שול. די שטוב — פוסט, דער טיש — ליידיק. בלויז אַ ווייסער טישטוך לייכט אומעטיק אונטער די שטיקלעך אָפּגעברענטע ליכט. זיי טשאַדען. מיר ווייסן נישט וואו זיך אַהינצוטאָן. גייען מיר שלאָפן.

צומאָרגנס אין דער פרי, ווען איך כאַפּ זיך אויף, זיינען שוין אַלע לאַנג אַוועק אין שול. איך בין ווידער איינע אַליין אין שטוב. איך דערמאָן זיך אַלץ, וואָס איך דאַרף טאָן. איך גיס מיר נאָר אָפּ די נעגל, וואַש זיך אַפילו נישט די ציין און מיט אַ טרוקן מויל הויב איך ווידער אָן דאַווענען. קריסטלעכע חברטעס קומען אַריין און ווילן מיט מיר איבערחזרן די קלאַס-אויפגאַבעס. איך ריר זיך ניט פון אָרט, ביז איך פאַרענדיק נישט ס׳דאַווענען.

איך לויף אַוועק צום זיידן. ער איז אַלט און קראַנק און איז אויך איבערגעבליבן אַליין אין שטוב. דער באָברויסקער רבי (דער זיידע איז זיינער אַ חסיד) האָט אָנגעזאָגט, דער זיידע זאָל נישט פאַסטן. ער מוז יעדע שעה נעמען אַ לעפעלע מילך. לויף איך צום זיידן, געבן אים די מילך.

דער זיידע דאַוונט. ער קוקט מיך אַפילו נישט אָן און ברעכט אוים אין אַ ווייך געוויין. ס׳לעפעלע מילך טרייסלט זיך אין מיינע הענט, צעגיסט זיך איבער מיינע פינגער. דעם זיידנס טרערן פאַלן אַריין אין לעפעלע, צעמישן זיך מיט דער מילך. קוים באַנעצט דער זיידע זיינע ווייסע ליפּן און צעוויינט זיך נאָך שטאַרקער אונטער מיינע הענט. אַ צעבראָכענע, גיי איך אַוועק אַהיים.

— באַשוטקע, קום וואָס איבערבייסן! — בעט זיך ביי מיר אונדזער סאַשע איך זאָל גיין מיט איר אין קיך אַריין עסן צו־זאַמען אַ שטיקל קאַלטע הון. — דיך האָט דאָך שוין אַוודאי פאַרכאַפּט דאָס האַרץ!

איך בין ברוגז אויף זיך אליין; וואָס איך פּאַסט נאָך נישט דעם גאַנצן טאָג. יעדעס יאָר בעט איך זיך ביי דער מאַמען, זי זאָל מיך לאָזן פאַסטן. איך קאָן נישט עסן נאָכן זיידנס טרערן און נאָכדעם ווי איך זע דעם טאַטן מיט זיין בלאַס אויסגע־מאַטערט פּנים אַריינגיין אין שטוב. ער קומט פון שול זיך אָפּצורוען אַ ביסל. מיט זיינע ווייסע ליפּן, זיין ווייסן קיטל און זיינע ווייסע זאָקן, זעט ער אויס ווי, חלילה, גאָרנישט קיין לעבעדיקער. מיר דוכט זיך, אַז זיין נשמה איז שוין געוואָרן גאָר ריין און לייכט אַרוים דורך די ווייסע בגדים זיינע. איך הויב אָן נאָך שטאַרקער צו דאַווענען. כ׳וויל זיין כאָטש אַ ביסל אַזוי פרום, ווי דער טאַטע.

די מאַמע פאַרבלייבט אין שול דעם גאַנצן טאָג. פאַר מוסף גיי איך אַריין צו איר געוואָר ווערן וואָס זי מאַכט. מען הערט ניט מער דעם חזן. די מאַנצבילשע שול איז האַלב־ליידיק. טייל זיינען אַוועק אַהיים זיך אָפּרוען, טייל זיצן אויף די בענקלעך און קוקן אַריין אין אַ ספר. אינגלעך שפּילן זיך אויפן שול־הויף. ווער ס׳האַלט אין מויל אַן עפּל, ווער אַ שטיק חלה מיט האָניק. די ווייבערשע שול, פאַרקערט, איז פול מיט אַ פאַרשטיקט גע־וויין. אין יעדן ווינקל זיפצט און קלאָגט אַ פרוי.

— רבונו של עולם, רבונו של עולם! — שרייט מען פון אַלע זייטן.

די מאַמע וויינט שטיל פאַר זיך. זי זעט שוין כמעט ניט די קליינע אותיות פון איר מחזור דורך די פאַרוואָלקנטע שפּאַקולן.

איך שטיי פון ווייטן און וואַרט. די מאַמע כאַפּט איבער דעם אָטעם, הויבט אויף ס׳פאַרוויינטע פּנים און גיט מיר אַ שאָקל מיטן קאָפּ, ווי צו זאָגן, אַז זי פילט זיך גוט, כאָטש זי הויבט גלייך ווידער אָן צו וויינען. איך גיי צו נעענטער צו איר. איך ווייס נישט וואָס צו טאָן צווישן די אַלע וויינענדיקע מאַמעס. קוק איך בעסער אַראָפּ אין דער מאַנצבילשער שול. דעם חזנס ווייסער קיטל און ווייסע יאַרמעלקע באַרואיקן מיך. איך זוך



צווישן די רייען הויכע ליכט אויך אונדזערע צווײ. זײ ברענען צווישן אַלע אַנדערע ליכט, ברענען הויך אין דער לופטן פון ביידע זייטן אָרון־קודש.

מיט אַמאָל הויבט זיך אויף איבער דער שול אַ זשום און אַ געוויש. די שול ווערט פול מיט מאַנצבילן. ס'ווערט טומלדיק און הײם. מען שטופּט זיך אַרום דעם חזן. דאָס שווערע פּרוכת פאַרציט זיך אָן אַ זייט. עס ווערט שטיל, ווי די לופט וואָלט זיך אָפּגעשטעלט. מען הערט בלויז דאָס שורשען פון די טליתים. אידן פאַלן צו צום ארון־קודש. מען טראָגט פון דאָרטן אַרויס די שײנענדיקע ספר־תורהס, ווי אויפגעוועקטע פּרינצעסינס. אויף זייערע ווייסע, טונקל־רויטע סאַמעטענע מענטעלעך בליצן, ווי גרויסע שטערן, מגן־דודס, אויסגענייט מיט זילבער און גאָלד. די הענטלעך געקריצט אין זילבער, אויסגעזעצט מיט פּערלמוטער און באַהאַנגען מיט קרוינען און גלעקלעך.

עס ווערט ליכטיק אַרום די ספר־תורהס. די גאַנצע שול מאַנצבילן ציט זיך צו זײ. מען רינגלט זײ אַרום, מען באַגלייט זײ. אידן לויפן נאָך די ספר־תורהס, כאַפּן כאָטש אַ בליק, שיקן אַ קוש פון דערווייטנס. און זײ, די שײנע ספר־תורהס, הויבן זיך הויך איבער אַלעמענס קעפּ, איבער אַלע אויסגעשטרעקטע הענט און טראָגן זיך לאַנגזאַם איבער דער שול.

איך קאָן מער נישט אײנשטײן הינטער דער פאַרענטשע פון דער ווייבערשער שול. איך וואָלט אַזוי וועלן אַראָפּשפּרינגען פון אויבן, אַרײנפאַלן גלייך אין די אָרעמס פון די הייליקע תורות, כאָטש צורוקן זיך צו זײ, צו זייער טרייסלענדיקן ליכט, כאָטש אַ טאַפּ טאָן, אַ קוש טאָן זייער ליכטיקן שײן. אָבער מען פירט שוין די ספר־תורהס צוריק, צוריק אין אָרון־קודש אַרײן. פון ביידע זייטן ווינקען צו זײ די הויכע ליכט. עס פאַרציט זיך דאָס סאַמעטענע פּרוכת. ס'ווערט פינצטער אין די אויגן.

ווי צו פאַרשרייען דעם אומעט, שטעלט מען זיך גלייך דאַוו־נען אויפן קול.

איך בלייב שטייןביים פענצטער. מיך ציט צו די מאַנצ־בילשע שול, איר שרייענדיקע לופט, אַן אַנגעבלאָזענע פון ווייסע טליתים, ווי אויפגעהויבענע פליגלען, וואָס לויפן אַן איבער דער שול און באַדעקן יעדן שוואַרצן פינטל. נאָר ערגעץ־וואו קוקט אַרויס אַ נאָז, אַן אויג. די טליתים־פּאַסן וויגן זיך, ווי טרעפּ, איבער די איבערגעדעקטע קעפּ.

אַ טלית בלאָזט זיך אָן, לאָזט פון זיך אַרויס אַ קרעכץ און פאַרשטיקט אים אונטער זיך. עס ווערט פינצטערלעך אין שול. מיר ווערט מוראַדיק.

טליתים בויגן זיך, שאָקלען זיך, ציען זיך אין דער הויך, דרייען זיך אין אַלע זייטן. טליתים זיפצן, בעטן, שרייען. מיט אַמאָל נעמען זיך ביי מיר אָפּ די פיס. טליתים פאַרטרייסלען זיך און פאַלן צו דר׳ערד, ווי שווערע זעק. דאָ און דאָרטן שטעקט אַרויס אַ ווייסער וואַלענער זאָק. קולות רייסן זיך, ווי פון אונטער דער ערד אַרויס. טליתים צעוויגן זיך, ווי אויף אַ שיף, וואָס זינקט און גייט אונטער צווישן די אויפגעהויבענע כוואַליעס.

מען הערט גאַרנישט דעם חזן. הייזעריקע קולות שרייען איבער איינע די אַנדערע. זיי בעטן, זיי רופן, זאָל זיך עפענען דער באַלקן פאַר זיי. הענט ציען זיך אין דער הויך. פון די געשרייען צעטרייסלען זיך די לאָמפּן. אָט־אָט וועלן אָפּפאַלן די ווענט און וועלן לאָזן דורכפליען אליהו הנביאן אַליין.

אידן וויינען ווי קינדער. איך קאָן מער נישט אויסהאַלטן. איך וויין אַליין אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. איך קום נאָר צו זיך, ווען איך דערזע ענדלעך הינטער אַן אָפּגעלייגטן טלית אַ לעבעדיק, פאַרוויינט אויג, ווען איך דערהער ווי ציטערדיקע שטימען גיבן איבער איינער דעם אַנדערן: — גוט יום־טוב! גוט יום־טוב!

איך לויף אַהיים. באַלד וועלן דאָך אַלע קומען פון שול. איך דאַרף דאָך גרייטן דעם טיש.

— סאַשע, גיך, גיך שטעל דעם סאַמאָוואַר! — שריי איך צו דער דינסט.

איך שלעפּ אַרויס פון אַלמער דעם בלעכענעם קאַסטן מיט געבעקס. איך שיט אים אויס אויפן טיש — פלעצלעך, טאָרטן, האָניק־לעקעך, פלאָדן, אַלערליי זעמעלעך. ס׳בלייבט אַפילו נישט קיין אָרט וואו אַוועקצושטעלן אַ גלאָז טיי.

סאַשע צינדט אָן דעם לאָמפּ און טראָגט אַריין דעם פריילעך־זשומענדיקן סאַמאָוואַר. מען האָט געקאָנט זאָגן, אַז אַפילו ער, דער סאַמאָוואַר, איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט אָפּגעלעבט, וואָס מען האָט זיך ווייטער אָן אים דערמאָנט. מען הערט שוין די קולות פון די ברידער. זיי לויפן אַריין, ווי הונגעריקע חיות, איינער נאָכן אַנדערן.

די מאַמע, אָן אויסגעדאַרטע, קומט אַריין מיט אַ ווייכן שמייכל אויפן פנים און זאָגט אַלעמען: — גוט יום־טוב!

— גוט יום־טוב! — לויפט אַריין פון קיך די קעכין און שמייכלט מיט אַ בלאַסן שמייכל.

מען וואַרט אויפן טאַטן. ער קומט פון שול, ווי אַלעמאָל, דער לעצטער. פריילעכע וואַרפן מיר זיך אָן אויפן עסן. גלעזלעך טיי גיסן זיך אָן, טרינקען זיך אויס.

מיר האָבן זיך געראַטעוועט. מיר זיינען נישט מער הונ־געריק. זאָל נאָר גאָט אונדז אַלעמען אָנחתמענען אַ גוט יאָר. הלוואי! אָמן!

סוכות

אויף מאָרגן נאָך יום-כיפור וואַרטן מיר אויף אַ שליח פון גאָט. ער מוז דאָך קומען נאָך אונדזערע נעכטיקע תפילות און טרערן.

פאָרט אַריין אין הויף אַ פויער מיט אַ וואָגן סכך. ער קערט איבער דעם וואָגן. שטעכנדיקע צווייגן פאַלן אַנידער, לייגן זיך אָן איינע אויף די אַנדערע.

דער הויף ווערט ווי אַ וואַלד. ס'שמעקט מיט סמאָלע, מיט סאָסנע. דער סכך איז פריש, ערשט נאָך אַ רעגן. ווי גרויסע

רוענדיקע פויגלען ליגן די צווייגן און עס גייט פון זיי אַ ריח, ווי אַ געזאַנג.

פאַרקריכט מען אויף דעם באַרג סכך, גיט ער אַ קרעכץ און אַ בויג אונטער די פיס. טוט מען זיך אויף אים אַ וויג, פאַלט דער באַרג איינגאַנצן איין.

— וואָס טאַפּעסטו דעם סכך? — לויפן אָן די ברידער מיט אַ געשריי. — מיינסט, ס׳איז היי? ס׳איז דאָך פאַר דער סוכה!

זיי שלעפּן אַרויס די צווייגן פון אונטער מיינע פיס. יעדער צווייג גיט זיך שווער אַ הויב פון דער ערד, טרייסלט זיך אויף מיט די שטעכעלעך.

איך העלף אַריבערטראָגן דעם סכך אין דער סוכה אַריין. די סוכה איז נאָך נישט פאַרטיק. ערשט צונויפגעשטעלט די ווענט פון לאַנגע ברעטער, זיי צוגעקלאַפּט מיט טשוועקעס. דער דאָך איז אָפן. דער הימל קוקט אַהין אַריין. די ברידער קריכן אַרויף אויף לייטערס, שטעלן זיך אויף שטולן און דערלאַנגען איינער דעם אַנדערן די צווייגן סכך, גיבן זיי אַ טרייסל ווי דעם לולב.

די צווייגן וואַרפן זיך, ווי פעכערס, פאַנאַנדער. באַלד ווערט די סוכה באַדעקט, ווי אַ קאָפּ מיט אַ היטל. שטייט די סוכה אין מיטן הויף, רייצט און רופט, ווי אַ שטיבל אין מיטן וואַלד.

דער סכך אויף איר אָנגעלייגט אַזוי געדיכט, אַז קיין שטערנדל פונעם הימל וועט נישט קאָנען דורכלויכטן דאָס טונקל גרינס. איז אין דער סוכה — קיל און פינצטערלעך. נאָר דורך די לעכלעך פון די ווענט קריכן דורך קייקלעך ליכט. און דאָס פינטל ליכט בליצט טרייסלענדיק, מאַטערט זיך דורכקריכן אין סוכה אַריין. אין דער מיטן פון דער סוכה האָט זיך אויסגעשטעלט אַ לאַנגער טיש מיט בענקלעך. נישטאָ קיין דיל. הוילע ערד אונטער די פיס. די פיסלעך פונעם טיש און פון די בענקלעך שטעקן אין דער פייכטער ערד, וואָס קלעפּט זיך צו די פיס.

מיר גייען נישט אַוועק פון דער סוכה. ס׳דוכט זיך אונדז,

מיר זיינען דאָרטן אויף אַ דאַטשע. מיר ציִען זיך אוים אויף די בענקלעך, יאָגן זיך, כאַפּן איבער די קייקלעך ליכט, וואָס לויכטן דורך די ווענט, און מיט פאַררייסענע קעפּ קוקן מיר אויף דעם דאַך מיט סכך, ווי ס׳וואָלט געווען אַ הימל מיט שטערן. מיר ציטערן אויף, ווען ס׳פאַלט אויף אונדז אַראָפּ אַ טראָפּן טוי.

מיר צעזיינגען זיך, ווי מיר וואָלטן אָנזאָגן אַלעמען, אַז די סוכה איז שוין פאַרטיק, דער יום־טוב איז שוין דאָ.

פון דער שטוב שטעקט מען זיך פון די פענצטער אַרוים:

— זע, די סוכה איז שוין פאַרטיק!

מיט אַמאָל לאָזט עמעצער אַרוים אַ געשריי:

— קינדער, דער שמש האָט געבראַכט דעם לולב פון שול!

מיר גיבן זיך אַ וואָרף אין שטוב אַריין. די שטוב איז אויך אָן אַנדערע געוואָרן. ס׳שמעקט מיט הושענות. מיט בלעטעלעך איז אָנגעוואָרפן דער דיל און זיי פאַרשמעקן די גאַנצע שטוב. און וואו איז דער לולב?

אָט שטייט ער אין אַ ווינקל־פענצטער. שטייט אַזוי עלנט, זיך צוגעשפּאַרט צו דער שויב. דער קאָפּ איינגעבויגן אָן אַ זייט, ווי ער וואָלט אַ קוק טאָן דורכן גלאָז, צי לויכט דאָרט נישט אַ שטיקל הימל פון זיין לאַנד. זיינע לאַנגע שמאָלע בלעטער האַלטן זיך צוגעפּרעסט איינע צו די אַנדערע. איך גיי צו צו דעם לולב. כ׳האָב מורא זיך צורירן צו אים. זיינע שפּיצן — אויסגעשליפן, ווי אַ שפּיץ פון אַ שווערד.

— גיב מיר אַ טרייסל טאָן דעם לולב! — בעט איך זיך ביי די ברידער.

— נאָך פאַר דעם טאַטן?

— כ׳וויל נאָר זען, צי ער איז אַ לעבעדיקער.

דער לולב שאָקלט זיך אין מיינע הענט. איך טרייסל זיך מיט אים אינאיינעם.

ער בלאָזט אויף זיך אַליין אַ ווינטל. מיר דוכט זיך, כ׳בין

אין ארץ־ישראל, אונטער אַ שאַרכנדיקן פּאַלם־בוים. ווי איז גע־קומען אַהער דער לולב?

— אַבראַשקע, ווי מיינסטו? — שטיי איך צו צו מיין ברו־דער. — איז דער לולב אַהער געקומען גלייך פון ארץ־ישראל? וואָס, טראַכטסטו, איז ער דאָרטן געווען — אַ בוים, צי אַ צווייג, וואָס מע האָט אָפּגעריסן פון אַ בוים? ווער האָט אים אַהער אַריבערגעבראַכט?

— וואָס איז היינט, פּסח, וואָס דו פרעגסט קשיות?

דער ברודער ווייס אַליין נישט, וויל ער זיך אויסדרייען פון מיר.

— הער, איך מיין, — זאָגט ער, — דער לולב האָט זיך אַליין אַרויסגעריסן פון דער ערד. אים האָט זיך פאַרוואָלט אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. איז ער אַנטלאָפן פון דער היים און אין איין נאַכט, — שטילט איין דער ברודער זיין קול, ווי ער וואָלט זיך אַליין דערשרעקן, — אין איין נאַכט איז ער אויסגעוואַקסן אָט דאָ, ביי אונדז אויפן פענצטער.

איך וואָלט אים גלויבן, נאָר כ׳וויל נישט, ער זאָל זיין אַלע מאָל גערעכט.

— מען האָט דאָך אים ערשט געבראַכט פון שול! — דער־מאָן איך זיך.

— און וואָס ווערסטו זאָגן, אַז מען האָט דעם לולב איינגע־וויקלט אין שטרוי, אים איינגעפּאַקט אין אַ גרויסן, הילצערנעם קאַסטן? איך האָב געזען, אויף דער באַן פירט מען אַזוי אַריבער סחורה.

— אַי, גיי, דער לולב וועט פאַרן אינאיינעם מיט אַלע טרייפע סחורות? דער רבי וואָלט דיר שוין געגעבן אַ פּאַטש, ווי דו רעדסט וועגן דעם לולב. און זע, פאַרוואָס איז ער אַזוי פריש און גרין? ער וואָלט זיך דאָך געדאַרפט דערשטיקן אין זיין קאַסטן.

איך גיב נאָך אַמאָל אַ טאַפּ דעם לולב. זיינע דינע, גלאַטע

בלעטער ציטערן אויף, ווי לאַנגע סטרונעס פון אַן אַנגערירטער האַרפע.

— וואַרט, לולב, — טרייסט איך אים, — אָט באַלד וועט קומען דער טאַטע, וועט ער דיך נעמען אין די הענט, וועט מאַכן אויף דיר אַ ברכה, וועט נישט זיין דיר אַזוי קאַלט און פרעמד ביי אונדז.

און וואו איז דער אתרוג ?

דער געלער אתרוג, אַ גראַבער, אַ גרויסער האָט זיך פאַנאַנדערגעלייגט, ווי אַ פּרעה אויף אַ ווייכן געלעגער אין דער מיטן פון דער זילבערנער צוקער־פּושקע. אַנשטאָט דעם צוקער, וואָס מע האָט אַרויסגענומען, שמעקט פון דעם אתרוג, ווי פון אַ קייסער אַליין. פון וואַנען האָט ער זיך גענומען ? ... אָט גייט שוין דער טאַטע אין שטוב אַריין. די ברידער הינטער אים.

— קומט, לאָמיר גיין בענטשן לולב !

דער טאַטע גיט אַ וואָרף אַ בליק אויף דעם לולב, אויף דעם אתרוג. נעמט דעם אתרוג פון זיין געלעגער אַרויס און לייגט אים צו צום לולב. זיי טוליען זיך איינס צום אַנדערן. זיי זיינען דאָך פון איין לאַנד.

און דער טאַטע, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, מיט אַ ברכה אויף אַ קול, ווי ער וואָלט שווערן אַ שבועה, גיט אַ צי דעם לולב אין דער הויך, לאָזט אים אַראָפּ, לייגט אים צו צום האַרצן, נעמט אים אָפּ, טוט אים אַ שאָקל אין איין זייט, אין דער אַנדערער. דער לולב בויגט זיך, טרייסלט זיך. זיין קאָפּ שאָקלט זיך. זיינע לאַנגע בלעטער ציען זיך ווי אַליין אויס אין בעטנדיקע הענט.

און ווי דער טאַטע שטעלט זיך אָפּ, קלייבט דער לולב גלייך צונויף זיין אויפגעציטערטן גוף.

— נאַ, ווילסט בענטשן לולב ? — גיט דער טאַטע אים איבער דעם עלטערן ברודער.

דער לולב גייט אַריבער פון האַנט צו האַנט. אַלע זעקס ברידער האָבן זיך אַנגעוואָרפן אויף אים, טרייסלען, ברעכן אים.

שטעכן זיך מיט אים, ווי מיט אַ שווערד. קוים אַ לעבעדיקן, שטעלט מען דעם לולב צוריק אַנידער אויפן פענצטער.

*   *   *

די פּאַרטיקע סוכה שטייט און וואַרט אַ גאַנצן טאָג, ווען וועט מען שוין צו איר אַריין עסן.

פאַר דעם טאָג האָט זי זיך אָנגעזאַפּט מיט סכך, אויסגע־טריקנט די ווענט, געטריקנט די פייכטע ערד אונטער די פיס. צום אָוונט טוען אָן דער טאַטע מיט די ברידער זייערע מאַנטלען, ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן אַוועקגיין פון דער היים. זיי גייען עסן וועטשערע אין דער סוכה.

נישט די מאַמע, נישט איך, נישט די קעכין גייען אַהין אַריין. אַפילו דעם טאַטנס קידוש האָבן מיר, זאַלבעדריט, אויסגעהערט ביי דער טיר פון דער סוכה.

און דאָס עסן דערלאַנגט מען אין סוכה דורך אַ פענצטערל, ווי דורך אַ לאָך אַריין, איין טעלער נאָך אַן אַנדערן. די ברידער קאָנען מיינען, אַז די טעלערלעך מיט דעם עסן קומען זיי גלייך פון הימל אַראָפּ.

גיבן זיי גאָר נישט אַ טראַכט וועגן אונדז, וואָס זיינען איבערגעבליבן אַליין אין שטוב?

אין דער שטוב איז קאַלט. זי איז, ווי אַ פוסטע, ווי אָן טיר און פענצטער. מיר זיצן זאַלבעדריט מיט דער מאַמען און עסן אָן הנאה.

— מאַמע, פאַרוואָס זיינען נאָר מיר אַליין איבערגעבליבן דאָ מיט די דינסטן, ווי מיר וואָלטן אַליין געווען דינסטן? וואָס איז דאָס פאַר אַ יום־טוב, מאַמע?

איך שטיי נישט אָפּ פון איר.

— פאַרוואָס עסן זיי באַזונדער?

— אַך, קינדיטשקע, זיי זיינען דאָך מאַנצבילן, — שלינגט די מאַמע אַליין אומעטיק אַראָפּ איר קאַלטן ביסן פלייש.

פלוצים ווערט אַ טומל אין קיך. די דינסטן לויפן הין און קריק פון הויף אין שטוב אַריין.

— באַלעבאָסטע, ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעגן!

— טראָג זיי גלייך אַריין דאָס גאַנצע עסן, זיי זאָלן קאָנען גיכער אָפּבענטשן! — פאַרטומלט זיך אויך די מאַמע.

איך בין צופרידן, וואָס ס׳רעגנט אין מיטן דער וועטשערע. פאַר אונדז מיט דער מאַמען איז דער יום־טוב אַזוי אומעטיק!

מיט אַמאָל — אַ טראַסק, אַ דונער. איך קוק דורכן פענצ־טער, צי האָט זיך נישט צעשאָטן די סוכה. זי פאַרגיסט זיך מיט וואַסער.

אין איין רגע האָט זיך דאָס סכך דורכגעווייקט, געוואָרן פלאַך און מאָגער. ס׳רינט אין דער סוכה אויפן טיש. ס׳רינט פון דעם סכך, ס׳רינט פון די ווענט. די דינסטן לויפן אַרום מיט איבערגעדעקטע טעלער אין די הענט. דער רעגן קלאַפּט איבער די טעלער, ווי ער וואָלט זיי ווילן אויפדעקן.

אין רויש פון דעם רעגן דערהערט זיך דעם טאַטנס בענטשן. די ברידערס הויכע שטימען טוקן זיך אין דעם רעגן אַריין.

און איינע נאָך די אַנדערע, מיט אָנגעשטעלטע קאָלנערס, לויפן זיי פון דער סוכה אַרויס.

מיר קוקן זיי אָן, ווי מע וואָלט זיך לאַנג נישט געזען. זיי פאַלן אין שטוב אַריין, ווי אָנגעקומענע פון אַן אַנדער וועלט.

לויפן דורך אַזוי די פאָר טעג. אָט נעמט מען שוין אײַנ־גאַנצן די סוכה פאַנאַנדער. מען שלעפּט אַרויס אַ ברעט נאָך אַ ברעט. די ווענט פאַלן איין. דער סכך פאַלט אַראָפּ, צעקריכט זיך אונטער די פיס. דער הויף ווערט פול מיט שטעכעלעך.

די סוכה פאַרשווינדט, ווי קיין מאָל נישט געווען.

דעם לולב נעמט מען פון פענצטער אַראָפּ.

— זע, וואָס עס איז מיט אים געוואָרן? — לאַכן אים אויס די ברידער. — ווי אַן אַלטער זקן, אויסגעטריקנט, אָן ציין.

— פלעכט מיר כאַטש אויס, — בעט איך זיך, — עפּעס א צאַצקע פאַר מיר, אַ קערבעלע, צי וואָס!

נעמט זיך דער ברודער אַראָן פאַר דער אַרבעט. ער האָט לאַנגע, פלינקע פינגער. רייסט ער אָפּ פון לולב אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט. יעדעם בלאַט טוט אַ סוויסטש, גיט זיך אַ בויג. דעם ברודערס פינגער שפּרינגען אונטער, קריצן אויס. דאָ שניידן זיך אָן שמאָלע בענדלעך, דאָ פאַרפלעכטן זיי זיך אין צעפּלעך. איינס אין אַנדערן אַריין און פאַרטיק... אויסגעקינצלט אַ קערבל, אַ מולטערל, אַ טישל, צי אַ שטול. פון דעם הויכן לולב בלייבט איבער אַ הוילער שטעקן.

און אויף דעם אתרוג האָט מען גאָר פאַרגעסן. די קעכין האָט גענומען און אים אַריינגעוואָרפן אין אַ פאַן זודיקע וואַסער, אים אָפּגעבריט לעבעדיקערהייט. פון אים, דעם גראָבן, האָט זיך אויסגעקאָכט אַ טעלערל גערדיכטע זאַפט.

ס׳גיט אַ צי די נשמה. זיך אויסגעקאָכט דער יום־טוב. זאָל שוין גיכער קומען שמחת־תורה, ווען די גאַנצע שטאָט, דוכט זיך, וועט קומען צו אונדז צו־גאַסט.

שמחת־תורה

אײן מאָל אין יאָר לאָזט מען אונדז, קינדער, פרײ הוליען אין שול. זײנען מיר פון פאַרנאַכט אָן פאַרסאַפּעט, פאַרמאַטערט פון די הקפות.

די שול איז אָנגעפּאַקט מיט אידן. פון די אינגלעך איז נישטאָ וואו זיך אַהינצוטאָן. אַפילו קלײנע מײדלעך קומען צו הקפות אין דער מאַנצביל־שול אַרײן און אינאײנעם מיט די אינגלעך שטופּן זײ זיך אונטער די פיס. די לאָמפּן ברענען ווי מיט אַ נײעם פײער. דער אָרון־קודש איז אָפן. מע טראָגט פון אים אַרויס די ספר־תורהס, אײנע נאָך דער אַנדערער. אַלע אויסגעפּוצטע, אין יום־טובדיקע מענטעלעך.

ווערט די שול דערהויבן, ווי אַ בית־המקדש. אידן טאַנצן, טופּען מיט די ספר־תורהס אין די הענט. מיר קינדער טאַנצן און טופּען מיט זײ אינאײנעם.

ווי ווילדע חיות לאָזן מיר זיך לויפן אַרום דער בימה, שפּרינגען אַרויף פון אײן זײט, שפּרינגען אַראָפּ פון דער אַנדערער. די פּאָר הילצערנע טרעפּלעך צעטראַסקען זיך אונטער אונדזערע פיס.

יעדער שטופּט זיך, יאָגט אונטער דעם אַנדערן, ווײל וואָסמער אַרומלויפן די בימה. מע לאָזט נישט אַ טאָפּ טאָן, אַ גלעט טאָן איר אויסגעקריצטן פאַרענטש, אַפילו נישט איבערכאַפּן דעם אָטעם.

די „קלאַפּערס" טרײסלען זיך אין אונדזערע הענט. מיר

פאַרטומלען מיט זיי די שול. די פּאַפּירענע פאַנען סוויסטשען, לויפן אונדז נאָך און רייסן זיך פון ווינט.

דער שמש פאַרשטעקט זיך אין אַ ווינקל. ער האָט מורא, מיר וועלן פאַנאַדערשטופּן די ווענט. אַט, דוכט זיך אויס, אַז ס׳האָבן זיך שוין אָנגעהויבן גליטשן די ספרים אויף די טישלעך. בעט ער זיך ביי אונדז:

— קינדער, וויפיל אַ שיעור? זאָל זיין גענוג! איר וועט דאָך אַזוי אויפטרייסלען די גאַנצע שול!

מיר קאָנען זיך נישט אָפּשטעלן. דער קאָפּ דרייט זיך. מיר פאַלן פון די פיס.

אָן כוחות שלעפּ איך זיך אַהיים, הינטער מיינע ברידער, מיט מיין צעריסענער פאָן אין דער האַנט.

צו־מאָרגנס, פון דער אין דער פרי אָן, ווערט אַן איילעניש אין שטוב. מע גרייט אָן כיבוד. ס׳דאַרפן קומען אורחים.

מע איילט זיך אין שול. מע איילט זיך וואָס גיכער אָפּכאַפּן דאָס דאַוונען. נאָך איידער מען האָט אָפּגעדאַוונט, פאַרקלייבן זיך די אידן אין רעדלעך און שושקען זיך צווישן זיך:

— נו, מע האָט שוין געפּסקנט, צו וועמען מען גייט צוערשט אויף קידוש?

— ששש.... שאַ... או... אַה...

— ר׳ שמואל־נח האָט פאַררופן די גאַנצע שול! — גיט ווער אַ בלאָז אין די אויערן.

— אַה, וועט שוין זיין משקה איבערן קאָפּ! וואָס מיינט איר, ר׳ גערשל? — פרעגט מען אַ דאַרן אידן מיט אַ רויטער נאָז.

— איר פרעגט מיך? נו גוט, לאָמיר גייען צוערשט צו ר׳ שמואל־נחן. אוודאי, אַן אָנשטענדיקער באַלעבאָס!

לאָזט זיך אַרוים די גאַנצע שול אויף דער גאַס.

— וואָס שטייט איר אָפּ? קומט אַ ביסל גיכער, נאָך דאָ אַ פולע ערטער, וואוהין צו גיין!

— היינט וועלן זיך די אידן אָנטרינקען! — שמייכלען די קריסטן, וואָס גייען פאַרביי.

אַפילו דער גראָבער קלויסטער, וואָס איז געשטאַנען אויפן וועג, רוקט זיך אַליין אָפּ אָן אַ זייט, לאָזט זיי דורך. די גאַנצע שול אידן פאַלט אין אונדזער שטוב אַריין. ס'ווערט ענג און הייס.

— גוט יום-טוב, גוט יום-טוב! גוט יום-טוב, באַלעבאָסטע!

די ווייבער רוקן זיך אָפּ אָן אַ זייט. דער עולם גיט זיך גלייך אַ שאַר צו די טישן. „וואָס ליגט דאָרט אָנגעלייגט אויף די טעלערם?"

פון הנאה רייבן זיך די אידן די הענט, רוקן אָפּ די שטולן, קוקן אויס דעם טיש. דער טיש, אָנגעגרייט ווי אויף אַ חתונה, בויגט זיך אַזש אונטער דעם אָנגעשטעלטן כיבוד.

שטיקלעך טאָרט, טייגלעך, לעקעך מיט האָניק, טעלער מיט מאַרינירטע הערינג, מיט געהאַקטע לעבער, אייער מיט שמאַלץ, קאַלטע פּעטשאַ, געפּרעגלטע אייטער. און בוטלען וויין מיט בראָנפן שטייען אויסגעשטעלט ווי סאָלדאַטן.

— וואָס שפּאַרט איר זיך אַזוי? גיט דעם אַנדערן אויך אַן אָרט! — ווערט אַרום דעם טיש אַ געררודער.

— למאי נאָר תמיד זיין דער ערשטער? ס'איז דאָך נישט צו אַן עליה . . .

— דווקא צו דער משקה האָט ער מער שייכות פון אַלעמען, לאָזט אים דורך, — לאַכן די אַנדערע.

— שאַ, אָט גייט ר' שמואל-נח! לחיים, ר' שמואל-נח! לחיים, רבותים! — דער טאַטע, ווי אַלע מאָל, קומט פון שול דער לעצטער. אין זיין לאַנגן יום-טובדיקן בגד, מיטן קאַפּעליוש אויפן קאָפּ, זעט ער אויס העכער, ברייטער.

— לחיים, לחיים, גוט יום-טוב! — שאָקלט זיך אויף זיין קאָפּ דער הויכער הוט. דער טאַטע נעמט אים אַראָפּ און בלייבט מיט דער יאַרמעלקע אויפן קאָפּ.

— רבותי, געמאַכט קידוש?

— און איר, באַלעבאַטים ?

עטלעכע אידן שטעלן זיך מאַכן קידוש מיט אַמאָל.

— בורא פרי הגפן . . . — צעשאָקלען זיי זיך. מע זופּט דעם וויין. מע כאַפּט זיך פאַר דעם בראַנפן. מע פאַרבייסט, מע פאַרזוכט פון יעדן טעלער.

— לחיים, באַלעבאָסטע ! אייער הערינג איז שוין איינמאָל אַ הערינג !

— און די פּעטשאַ איז גאָר אַ דימענט !

דער מאַמעס פּנים שיינט פון הנאה.

מיט אַמאָל, ווי אַ מאַרשאַלעק אויף אַ חתונה, גיט זיך פון טיש אַ הויב דער שמש.

ווער וויל מאַכן מי־שברך ? ווער הויבט אָן ? — שטייט אויף אַ איד מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, גיט אַ הוסט, גיט אַ גלעט די באָרד, נעמט פאַנאַנדער די געדיכטע וואָנצעס, ווי די באָרד מיט די וואָנצעס וואָלטן אים שטערן עפענען דאָס מויל.

— מי שברך . . . — צעשאָקלט ער זיך מיט אַ ניגון.

— איר האָט געהערט ? וויפיל גיט ער, וויפיל האָט ער צוגעזאָגט ?

שפּרינגט דער שמש אַרום פון איינעם צום אַנדערן, און גלייך ווי ער וואָלט אונטערגעטראָגן אַ דרשה־געשאַנק אַ חתן־כלה, זינגט ער אויס אויפן קול דעם נאָמען און דאָס צוגעזאָגטע געלט.

— וואָס לייגט ער אונדז קאַלטע באַנקעס אויפן קאָפּ ? וואו איז עפּעס נאָך משקה ? גיט אָקאָרשט אַהער די דאָזיקע בוטל ! וואָס האַלט איר זי דאָרטן אויבן־אָן ? — ליידיקע בוטלען קאַטעווען זיך אַוועק. ס'עפענען זיך אויף נייע, ווי מע וואָלט ערשט אָנגעהויבן צו טרינקען.

קעלישקעס, בעכערס גיסן זיך אָן, גיסן זיך איבער אויפן טישטוך. מיט אַמאָל גיט דער איד מיט דער ווייסער באָרד אַ קלאַפּ איבערן טיש. שאַ !

ער מאַכט צו די אויגן און גיט אַזוי טיף אַ זיפץ, ווי ער וואָלט אַרויסגעריסן פון זיך אַ שטיקל האַרץ און פאַרוואָרפן עס ווייט. ווי אַ ציטער פאַרלויפט זיין זיפץ איבערן טיש. און פלוצים — ווי ער וואָלט אָנגעקומען פון דערווייטנס, ווי ער וואָלט זיך אַרויסגעצויגן פון דעם זיפץ, הויבט זיך שטיל אָן דעם רבינס ניגון.

מע הערט אַ ברומען. עס שאָקלט זיך זיין קאָפּ. זיין שטערן קנייטשט זיך. עס צאַפּלען זיינע ליפּן מיט די וואָנצעס.

ביסעלכווייז פאַרשלייערט ער אַלעמען די קעפּ.

בלאַסע פּנימער צעפלאַקערן זיך. אויגן מאַכן זיך צו. אין איין אָטעם כאַפּן אַלע אונטער דעם ניגון. אַ קול נאָך אַ קול, אַלץ העכער און העכער.

דער ניגון צעגיסט זיך, ציט זיך אויס אין דער לענג, אין דער ברייט, צעבלאָזט זיך, ווי אַ פייער.

די אידן שווימען אין געזאַנג.

מיט פאַרמאַכטע אויגן שאָקלען זיי זיך, קלאַפּן איבערן טיש, ווי זיי וואָלטן וועלן מאַכן זינגען דעם טיש אַליין און זיך אָפּרייסן פון דער ערד.

ווער שרייט פון שרעק, ווער פאַרגייט אין אַ געוויין. ווער בעט, ווער קלאָגט.

דער ניגון זאַפּט זיך אָן מיט טרערן, וואָס פאַלן נישט אַרויס. אידן קנאַקן מיט די פינגער. הענט ציען זיך אויס. איינער פאַר־כאַפּט זיין באָרד אין דער האַנט אַריין און האַלט זי שטאַרק אונטער, ווי ער וואָלט מיט איר אונטערגעהאַלטן זיין אויפ־געשפּרונגען האַרץ.

פלוצים שטעלט זיך אָפּ דאָס געוויין. ס'ברעכט אויס אַ פרייד.

— אָה, אידן, ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט! — פאַר־רייסט דער ווייסער איד זיין קאָפּ אין דער הויך, ווי פון אויבן וואָלט אים אַ שיין געטאָן דער אויבערשטער אַליין.

— וואָס זיצט איר, אידן? היינט איז דאָך שמחת־תורה, דער רבי האָט געהייסן הוליען, טאַנצן!

שטופּט זיך אַרוים אַ האַנט, אַ פוס, רייסן זיך ווי אָפּ פון גוף און לאָזן זיך טראָגן.

מע גיט אַ שטויס דעם טיש אָן אַ זייט, מע גיט אַ שלײדער די שטולן. ס'דוכט זיך, די ווענט אַליין האָבן זיך אַ שאָקל געטאָן. דער טישטוך טוט זיך אַ גליטש. שטיקלעך טאָרט, קעלישקעס צעפאַלן זיך אויפן דיל. אידן צעהוליען זיך, טופּען אויף אַן אָרט, דרייען מיט די פאָלעס, פאַרדרייען זיך אין רעדלעך.

פּלייצעס אויסגעבויגן, הענט פאַרפלאָכטן ווי צוגעבונדן איינער צו דעם אַנדערן. אַ פּלייצע אויף אַ פּלייצע, איינע הענגט אויף דער צווייטער. זיי לאָזן זיך נישט אָפּ, ווי זיי וואָלטן מורא האָבן, ווען זיי בלייבן אַליין, צעפאַלן זיי זיך אויף שטיקלעך.

קיינער זעט נישט דעם אַנדערן. קיינער זעט נישט זיך אַליין. אויסגעבויגענע שטיוול קריכן אין דער הויך. אידן פאַלן פון די פיס.

גלייכט זיך אוים אַ פרישער רוקן און מיט פרישע כחות וואַרפט ער זיך, ווי אין אַ פייער, אין דעם קאָכעדיקן טאַנץ אַריין.

ס'גאַנצע רעדל גיט זיך פונדאַסניי אַ שלעפּ נאָך אים. ביים טיש זיצט שוין קיינער נישט. דער טיש אַליין רוקט זיך אָפּ און שטופּט זיך צו צו די הוליענדיקע.

—ר' שמואל־נח, באַלעבאָס, אויף וואָס וואַרט איר? הויבט זיך אויף!

און דער טאַטע, אַלע מאָל אַזאַ געלאַסענער, אַזאַ שטילער, גיט זיך אַ רוק פון אָרט, שטופּט זיך צו צו די טאַנצנדיקע, און פאַלט אין דעם דרייענדיקן רעדל אַריין.

די קייט מיט אידן גיט זיך אַ צי און פאַרשלינגט אים.

פון מיין ווינקל קוק איך אויפן טאַטן. איך זוך אים צווישן די טאַנצנדיקע. אָט איז זיין קאָפּ אַ ביסל איינגעבויגן אָן אַ זייט, זיינע אויגן — אַראָפּגעלאָזן, זיין לאַנגע באָרד שווימט. אָט

דרייט ער זיך, ווי אין אַ זיסן חלום, זיין גאַנצער גוף צעגייט זיך פון הנאה.

מיין טאַטע טאַנצט!

איך קאָן מער נישט איינשטיין אויפן אָרט.

— מאַמע, איך מעג?

די ווייבער אין די ווינקלען קוועלן פון נחת. זייערע מענער פרייען זיך כאָטש איין מאָל אין יאָר.

— מאַמע, קום, לאָז מיך! איך וויל אויך אַ טאַנץ טאָן, זיך אַ דריי טאָן מיטן טאַטן! — שלעפּ איך זי פאַרן אַרבל.

— וואָס רעדסטו, קינד מיינס, מע וועט דאָך דיך צעטרעטן אויפן אָרט! דו זעסט...

מיט אַ געשריי קייקלט זיך אַריין אין שטוב אַ הויכער, דאַרער איד. זיך איבערגעקוליעט מיטן קאָפּ אַראָפּ און ווייטער אויפגעשטאַנען אויף די פיס. ווי אַ וואָרעם, דרייט ער זיך איבער דעם דיל און מיט איין שפּרונג לאָזט ער זיך אין קיך אַריין.

— אידן, אָן אַ זייט!

— אוי, ווי איז מיר! — דערשרעקט זיך די קעכין. — ר׳ לייזער, האָט רחמנות! וואָס ווילט איר דאָ טאָן אין קיך?

זי האָט דערקענט אין אים אונדזער שכן פון הויף. אָבער דער דאַרער איד, ווי נישט אים האָט זי געמיינט, הערט זיך גאָרנישט צו. ער גיט אַ כאַפּ דעם לאַנגן גאָפּל און שלעפּט פון אויוון אַרויס אַ גרויסן ליימענעם טאָפּ, פול מיט אַ מאכל, מיט דער שוואַרץ־קלעפּיקער „קולאַיע". דער טאָפּ גיט זיך אַ קער, ער גיסט זיך אויס אויף דעם אידן. דער איד ווערט שוואַרץ, ווי אַ נעגער, לויפט אַזוי אַריין צוריק אין שטוב און צעדרעדערט נאָך מער די פאַרשיכורטע אידן.

אַלע דרייען זיך, האַלטן זיך קוים אויף די פיס. אויסגעמאַטערטע, צעפּאַלן זיי זיך אויף די שטולן. מיט די קעפּ אָן אַ זייט, ליגן זיי אַ רגע ווי פאַרחלשטע.

— רבותים, מיר דאַרפן נאָך גיין צו ר׳ מענדלען! — כאַפּט זיך איינער אויף מיט אַ געשריי.

אַלע גיבן זיך אַ ריס פֿון די שטולן, ווי מע וואָלט זיי געגעבן אַ שמיץ, און אַנטלויפֿן אויף די אויסגעצבויגענע פּיס אויפֿן גאַס.

דער טאַטע לויפֿט מיט זיי אינאײנעם.

מיט די ערשטע שטערן באַווײַזט זיך דער טאַטע אין דער טיר, אַ ביסל אַ שיכורער, אַ וואַקלדיקער. ער שעמט זיך אַרײַנגיין אין שטוב. ווי אַ סנאָפּ, פֿאַלט ער אין בעט אַרײַן.

מיר פֿאַרשעמען זיך מיט אים אינאײנעם.

דער ערשטער שניי

נאָך ימים-נוראים ציען זיך די שטומע, וואָכעדיקע טעג. טעג אָן זון, אָן טעם. קורצע, גרויע טעג.

אין דרויסן הערט נישט אויף צו רעגענען, ווי דער רעגן וואָלט געהאַט פאַרגעסן זיך אָפּצושטעלן. די שויבן זיינען אויס-געפּאַטשט, פאַרשפּריצט, ווי זיי וואָלטן וויינען; קייקלען זיך טרערעלעך פון בלישטשענדיקע טראָפּנס.

אין שטוב איז אַפילו בייטאָג פינצטערלעך.

ווי נאָר ס׳הויבט זיך אויף דער טאָג, גייט ער גלייך אויס. אַפילו דער וואַנט-זייגער טיקעט שטיל, פּאַוואָליע, ציט די שעהן און שלאָגט זיי הייזעריק אָפּ. ווייס מען נישט וואוהין זיך אַהינ-צוטאָן פון אומעט. ס׳דוכט זיך, מען הערט אין דעם רויש פון רעגן אַ דערשטיקטן געוויין.

— הוה, — שטיי איך צו צו דער קעכין, — עמעצער דראפּעט זיך אין דער טיר. עפנט אויף!

— אוי, לאָז צו רו! הלוואי זאָל ווער עס איז אריין!

— ווער וועט קומען, אַז ס'פליוכעט אָן אַ שיעור?

— איר הערט נישט? עמעצער שליאָפּעט אין דער בלאָטע!

— אַ חידוש, אַ ווינט, אַ רעגן גאַנצענע מעת-לעת!

— ניין, אַ סך פּיס טופּען אויפן הויף!

— נו, וואָס וועט איר זאָגן... נישט אָפּטשעפּען זיך פון דער מיידל! נאַרעלע, אָט וועסטו זען, קיינער... וואָס איז דאָס?

חוה בלייבט שטיין מיט אָן אָפענעם מויל. פון דעם פינצטערן פירהויז גיבן אַ פינקל, ווי פון אַ וואָלף הינטער אַ בוים, אַ פּאָר שוואַרצע אויגן. אין טיר קריכן אריין צוויי פאַרפּלאָנטערטע בערד. פון זיי רינט וואַסער.

— גזלנים! — גיב איך אַ צי חוהן פאַרן אַרבל.

— וואָס איז דאָס נאָך פאַר אַן אָנשיקעניש? — חוה, אַליין דערשראָקן, ווערט אין כעס.

— קרויט, באַרינקע, געבראַכט פרישע קרויט! — טוען אַ שאָקל די בערד און בלאָזן אויף אונדז מיט אַ שווערן אָטעם. צוויי הויכע פּויערים, אין גאַנצן דורכגענעצטע, שלעפּן הינטער זיך שווערע, נאַסע זעק.

פון זיי ביידן רינט, ווי פון שטרעכעס. זייערע שטיוול קוויטשען מיט וואַסער.

אין פירהויז שטעלן זיי זיך אָפּ. גיבן זיך אַ קראַץ אין קאָפּ און שטייען אַ ווײַלע, ווי פאַרלאָרענע. זיי האָבן דערפילט אַ טרוקענעם באָדן.

— וואָס שטייסטו, הינטישע נשמה דיינע? זעסט נישט די טיר? — שטופּן זיי זיך אונטער איינס דעם אַנדערן און טאָפּטשען זיך אויף איין אָרט.

— טפו אויף דיין קאָפּ! — גיט אַ שפּיי דער צווייטער. די זעק זיינען שווער, ווי אָנגעשטאָפּט מיט שטיינער. די פּויערים

סאָפּען. ס׳גייט אַ פּאַרע פון זייער אָטעם, ווי דער פּירחויז וואָלט געווען אָנגערויכערט.

— אַהערצוטו, פּאַוואָליע! אַי, סאַראַ בלאָטע, סאַראַ קויט!

— פּאַלט אויף זיי אָן די קעכין. — אָנגעפּליוכעט, ווי חזירים. גייט נישט ווייטער מיט אייערע קויטיקע שטיוואַלעס. אָט־דאָ וואַרפט אָן, אָט־דאָ, אין ווינקל! — און חוה האָט זיך אַוועק־געשטעלט אין מיטן קיך, לאָזט נישט די פּויערים מאַכן אָן איבעריקן טראָט.

— אויסגעקליבן אַ צייט! נישט געקאָנט קומען אין אַ טרוקענעם טאָג? ס׳גאַנצע דאָרף מיט קויט אַהער אַריבער־געבראַכט... ערשט אויסגעוואַשן די קיך... און וואָס איז מיט דער קרויט, אַוודאי אין גאַנצן צעפּוילט!

פון די זעק פאַלן אַרויס ווייסע קײַלעכדיקע קעפּלעך קרויט. אַזעלכע געקרײַזלטע, ריינע, ווי יעדעס קעפּל וואָלט געווען איבערגעצויגן אין אַ ווײַס שפּיצן־ציכעלע. ווי האָבן זיי זיך נישט איינגעשמירט אין די קויטיקע זעק? אַ קעפּל נאָך אַ קעפּל, איינס פליט נאָך דעם אַנדערן. יעדער קוליעט זיך איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ, שפּרינגט אַרויף אויף די בעקעלעך פון דעם צווייטן, טוליעט זיך צו אים, שפּאַרט זיך אָן אים אָן.

עס האָט זיך אָנגעוואָרפן אַ גאַנצער באַרג מיט קרויט. ס׳האָט אַ שמעק געגעבן אַ פרישער, שטאַרקער ריח, ווי אין מיטן קיך וואָלט זיך, פּלוצים, צעפּלאַנצט אַ גאַנץ פעלד מיט קרויט. די קיך האָט אָפּגעלעבט און מיר מיט איר אינאיינעם. חוה נעמט זיך גלייך פאַר דער אַרבעט. פאַרקאַשערט די אַרבל, אַריינ־געטראָגן קאַדקעס, עמערס.

— קינדער, קריכט נישט אויף דער קרויט! — קאָמאַנדע־וועט זי. — סאַשע, ברענג אַריין פון קעלער דאָס טישל, וואַש אים אָפּ!

צום באַרג קרויט האָט זיך צוגערוקט אַ שמאָל לאַנג טישל מיט אַן אייזערנעם האַק אין דער מיטן. ס׳האָט אַ שניט געגעבן

אין הארצן, ווי ס'וואַלט זיך אוועקגעשטעלט אין מיטן קיך דער הענקער אליין.

מע וואַרפט אַרויף אַ קעפּל קרויט אויף דעם טישל, ס'קעפּל גיט זיך אַ גליטש אונטער די ציין פונעם האַק, און אין איין רגע צעשניידט עס זיך אויף שטיקלעך. אַן אַנדער קעפּל שטופּט זיך צו. די האַק הויבט זיך. אַרויף, אַראָפּ. שטורצעס קרויט פליען, ווי פעדערן, און פאַלן אין די אונטערגעשטעלטע קאַדקעס אַריין.

דאָס אָנגעבראָקטע קרויט פאַרגיסט זיך מיט וואַסער, פאַר־וואַרפט זיך מיט קערלעך פעפער. ס'וואַסער פליוכעט, שווימט פון אויבן, פאַרקאַכט זיך מיטן קרויט, וואָס האַלט אין איין לויפן פונעם טישל אַראָפּ.

די עמערס, די פעסער — פול מיט קרויט. רייפלעך רויטע מערעלעך פאַרשיינען זייער בלאַסקייט. ס'קרויט באַגראָבט זיך אונטער אַ דעקל מיט אַ גרויסן שטיין פון אויבן, נישט אַרויס־צוראַטעווען זיך פון אונטער אים.

איך באַגלייט די קאַדקעס ביז דעם פינצטערן קעלער אַריין. דאָרט, אין דער טוכלער לופט, וועט זיך גיך פאַרזויערן און אויס־זוייקן דאָס ערשט־לעבעדיקע ווייסע, האַרטע קרויט. מיר קינדער וואַרפן זיך אָן אויף די איבערגעבליבענע זיסע הערצלעך און קאַלופּען זיי אויס שוין מיט אונדזערע ציין.

דעם טאָג, ווען מען זויערט איין אוגערקעס, לאָזן מיר אויך נישט דורך.

— חוה, איר'ט אונדז געבן אַן אוגערקע, וועלן מיר אייך העלפן זיי אויסוואַשן.

— איר האָט שוין אויסגעשמעקט די אוגערקעס אויך? איך קאָן אייערע שטיק!

די קעכין מאָנט אַלץ, אַז אויף קיין אוגערקע זאָל נישט איבערבלייבן קיין שוואַרץ פינטעלע. רייבן מיר זיי, די אוגערקעס, פּוצן זיי ווי שיך, ביז זייער גרינע הויט הויבט אָזש אָן גלאַנצן.

איז עס ממש שווער צו קוקן, ווי די אויסגעפוצטע אוגערקעס ליגן זיך אויס אין א דייזשקע, און מע פאַרשיט זיי מיט געלע בלימלעך אוקראָפּ און מיט אַנדערע שאַרפע, ביטערע געווירצן, און די אוגערקעס נעצן זיך, ווי אין אַ פייכטן קבֿר.

זוכן מיר אויס אַ באַזונדער גלאַנצנדיקע אוגערקע, גיבן זי אַ כאַפּ פון דער דייזשקע און צעקנאַקן זי, ווי אַ ניסל, אונטער די ציין.

— ממזרים! — שרייט די קעכין. — וואָס האָב איך גע־זאָגט! איר וועט דאָך אַזוי אויפעסן אַלע אוגערקעס!

און מיר מיט פאַרשטאָפּטע מיילער שרייען איר נאָך:

— או, מכשפה! אַלץ ווילט איר אויסוויייקן, פאַרשימלען מיט אייער זויערן ראָסל! ווער וועט זיך קאָנען אַפילו דערמאָנען אָנעם טעם פון אַ פריש גרינער אוגערקע? — און מיט אַ זויערן טעם אויפן צונג שלעפּן מיר זיך אַוועק פון קיך. דער רעגן גיסט. ס'דוכט זיך, מיר אַליין זיינען שוין פאַרשימלט.

פּלוצים, איין פרימאָרגן כאַפּ איך זיך אויף — אַ נס! אַ ליכט אין די אויגן! עס רעגנט נישט מער, די גאַנצע שטוב איז ליכטיק! די פענצטער גלאַנצן, די שויבן זיך אויסגעטריקנט פון רעגן. דורך זיי קריכן ווייסע סנאָפּעס ליכט אַריין.

— אַ שניי, אַ שניי אַרויסגעפאַלן!

מיר קלעפּן זיך נישט אָפּ פון די פענצטער.

דער הויף — ווי נישט אונדזער הויף. נעכטן אַ פאַרחושכ־טער, אַ גרויער, — שטייט ער איצט אויסגעפוצט אין ווייסן. דער שניי פאַלט אויף אים פון אויבן, ווי אַ שימערנדיקער שלייער אַראָפּ. אַוודאי האָט אַ גאַנצע נאַכט געשנייט.

אויף די דעכער, אויף די באַלקאָנען ליגן שוין הויך אָנ־געבלאָזענע פערענעס שניי. קופּעס שניי — ביי די טירן. אויף די טרעפּלעך זיך אויסגעלייגט אַ דיקער, ווייסער טעפּיך. און עס פאַלט נאָך אַלץ פון הימל, דער ווייס־זילבערנער שניי, בליצט מיט שנייעלעך, ווי דער הימל אין מיטן טאָג וואָלט האַלטן אין

איין אויסשפרייטן זיינע שטערנדלעך אויף דער ערד. די אויגן וואַשן זיך אוים אינעם ערשטן קלאָרן שניי. און אפשר האָב איך גאָר געקראָגן אַ פּאָר נייע ווייסע אויגן?

די פייגעלעך זיינען מיט אַמאָל אַוועקגעפלויגן. און פון די ביימער קוקן אַרויס, ווי פאַרפראָרענע פייגעלעך, אָפּגעזעסענע הופּקעס שניי.

— וואַרט, לאָמיר אַ קוק טאָן, ווער וועט דער ערשטער אַ טראָט טאָן אויף דעם שניי, — פאַלט צו אַבראַשקע מיטן נאָז צו דער שויב. זיין צעפּלאַצטע נאָז קלעפּט זיך צום גלאָז.

— זע, אין פענצטער איז אויך אַריינגעפאַלן שניי!

אַ לאַנגער שמאָלער וועג פון ווייסער וואַטע האָט זיך אויס־געלייגט צווישן די טאָפּלטע פענצטער און בליצט, ווי אַן אמתער שניי מיט זילבערנע פעדעם, אויסגעצויגענע אויף אים. און פון דער וואַטע קריכן שעמעוודיק אַרויס אַ פּאָר רויטע, ראָזע פּאַפּירן־בלימלעך, וואָס וואונדערן זיך אַליין, ווי אַזוי זיי זיינען דאָ אויסגעוואַקסן.

דער ברודער אָטעמט אינעם גלאָז, גיט אים אַ שמיר מיטן פינגער און מאָלט אוים אַ מוראַדיקן קאָפּ מיט האָר. מיר שיסן אוים אין אַ געלעכטער. די בלימלעך טרייסלען זיך אויף.

אַבראַשקע דער שטיפער האָט הנאה, ווען ער שרעקט וועמען איבער, זאָל עס כאָטש זיין אַ פּאַפּירן בלימל.

— אַוועק, שקצים, פון פענצטער! מער וועט נישט פעלן, אויסברעכן אַ שויב אין אַזאַ קאַליעלע! — טרייבט מען אונדז פון פענצטער אָפּ.

אונדז דוכט זיך, דער ווייסער שניי פאַלט הינטער אונדז אויף אונדזערע רוקנס.

אַ חנוכה־לאָמפּ

— קינדער, וואו זייט איר אַלע? מענדל, אוורעמל, באַשקע — וואו זייט איר אַלע פאַרפאַלן געוואָרן? — הערט זיך פון קראָם דער מאַמעס הויך קול. — וואו לויפט מען עס אַרום גאַנצענע טעג? קומט, דער טאַטע וואַרט מיט די חנוכה-ליכט!

וואו זאָלן מיר זיין? מיר שטייען און וואַרעמען זיך ביים אויוון. שוין באַלד אוים טאָג. ס'איז געוואָרן פינצטערלעך. וואַרטן מיר, ווען וועט זיך שוין פאַרמאַכן די קראָם.

ווי אַ שולדיקע לויפט די מאַמע פון דער קראָם אַרויס, פאַר־ענטפערט זיך פאַר זיך אַליין:

— היינט איז דאָך אַ שטיקל יום-טוב און איך בין נאָך אַלץ פאַרדרייט אין קראָם. לאָמיך כאָטש צונויפקלייבן די קינדער און אָפּבענטשן חנוכה-ליכט.

אַלע צוזאַמען גייען מיר אינעם גרויסן חדר אַריין, וואו ס'וואַרט אויף אונדז דער טאַטע.

דער חדר, כאָטש גרויס, האָט נאָר איין קליין פענצטערל. דער טאַטע שטייט מיטן רוקן צום פענצטער, איז דאָס ביסל ליכט פון דרויסן אויך פאַרשטעלט.

שטייען מיר אַלע אין דער פינצטער און וואַרטן, ווען וועט זיך אָנצינדן דאָס שטיקל ליכט.

דעם טאַטנס קאָפּ איז איינגעבויגן איבערן חנוכה-לאָמפּ.

אויף דער טונקעלער וואַנט דרייט זיך אום דעם טאַטנס שאָטן, ווי נאָך אַ טאַטע וואָלט בלאָנדזשען און וואָס זוכן אויף דער וואַנט. ווען זיין קאָפּ גיט זיך אַ קער אָן אַ זייט, טוט אַ בלישטש דאָס טונקעלע זילבער פון חנוכה־לאָמפּ. ווי אַ פאַרשלאָפענע לבנה אַנטפּלעקט ער זיך, וואו ער איז געווען פאַרשטעקט אין זיין ווינקל, פון אַלעמען באַהאַלטן.

דער חנוכה־לאָמפּ איז קליין, כמעט ווי אַ צאַצקע. אָבער, וואָס איז נישט אויסגעקריצט אויף זיין קליינטשיק זילבער־ווענטל?

אין מיטן — צוויי לייבן מיט צעהיצטע קעפּ, אָפענע מיילער און מיט די פיס אַרויף האַלטן זיי אונטער די אויסגעשפּרייטע לוחות.

הוילע לוחות, אָן איין אות, אָבער ס׳גייט פון זיי אַ ליכט, ווי זיי וואָלטן געווען פון אינעווייניק אָנגעפּאַקט מיט תורה.

אַרום די לייבן — פלאַנצן. בליען ווי אין אָן אמתן גן־עדן. בוימלעך מיט ווייַנטרויבן און גלאַט אַזוי פּירות אָפּגעריסענע פון בוים. אַ פּאָר פייגל קוקן פון די צווייגן אַרויס. און אַפילו אַ גרויסע שלאַנג פּויזעט.

פון ביידע זייטן גן־עדן האַלטן זיך, ווי אויף דער וואַך, צוויי זילבערנע קריגלען, אויך קליינטשיקע, נאָר מיט דיקע אָנגעפּילטע בייכלעך, אַז ס׳זאָל ניט אויספעלן אין גן־עדן קיין בוימל. און אַז ס׳זאָל זיין ליכטיק אין די אויגן די לייבן, די פייגלען — ליגט אונטער זיי אַ בריקל, צעשפּאָלטן אין אַכט בעכערלעך, וואָס וואַרטן בלויז ס׳זאָל שוין אַרויסגיין פון זיי אַ פייערל. דעם טאַטנס ווייסע הענט דרייען זיך אַרום די בעכערלעך. פון איינעם, — דער טאַטע הויבט אָן פונעם ערשטן, — ציט ער אַ פּיטשינק קנייטל אַרויס, גיט אַ קער דאָס קריגל און גיסט אין בעכערל אַ טראָפּן בוימל אַריין. דאָס איינגעטונקטע קנויטל זופּט זיך אָן מיט בוימל, ווערט ווייך און ווייס, כמעט ווי אַ ליכטל.

דער טאַטע מאַכט אַ ברכה און צינדט דאָס ליכטל אָן. איין

איינציק ליכטל. צו די אַנדערע בעכערלעך רירט זיך דער טאַטע גאָר נישט צו. בלייבן זיי אַלע זיבן שטיין, ווי זיי זאָלן זיין איבעריקע, פּוסט און קאַלט.

ס׳איז גאָר נישט יום-טובדיק פונעם איין-איינציקן ברענענ־דיקן ליכטל. ס׳פאַרכאַפּט דאָס האַרץ, ווי ס׳וואָלט, חלילה, ברענען אַ יאָרצייט-ליכטל.

זיין פייערל אַזוי קליין, אַז מען האָט עס געקאָנט אויסלעשן מיט איין אָטעם-בלאָז. קיין אָפּשיין פאַלט נישט אַראָפּ פון ליכטל אויפן פינצטערן דיל. אַפילו דאָס וועגטל פון גן-עדן איז נישט אינגאַנצן באַלויכטן. פון דיביידע לייבן האָט נאָר איינער געקראָגן אַ ביסל היץ פון אונטן, דער אַנדערער ווייס אַפילו נישט, אַז ס׳ברענט וואָס לעבן אים.

די עלטערן, די ברידער זיינען זיך צעגאַנגען. גיי איך צו צום ליכטל, וויל עס אויסגלייכן, אויסציען זיין קנייטל, אפשר וועט זיך אויסלויטערן זיין פלאַם. נאָר ס׳נישטאָ פאַר וואָס אַ כאַפּ טאָן מיט די הענט. כ׳ברען זיך אָפּ די פינגער. ס׳פייערל ברענט פאַרחלשט, פינקלט, האַלט אין איין ציטערן. אָט לעשט עס זיך אויס. עס מאַטערט זיך, כאַפּט איין מאָל זיך אַ הויב טאָן אין דער הויך, געבן אַ לעק אַ וויינטרויב פונעם זילבערנעם וועגטל, צי אַ וואָרעם טאָן איין פּוס פונעם אויסגעקריצטן לייב.

און מיט אַמאָל פאַלן פון ליכטל אַראָפּ, איינס נאָכן אַנדערן, געדיכטע טראָפּנס חלב, פאַרשטאָפּן ס׳לעכל פונעם בעכערל און פאַרשטיקן נאָך מער דאָס קליין פייערל. ס׳ליכטל הייבט אָן רויכערן, שמירט אוים מיטן רויך דאָס האָלץ פון פענצטער.

אַ פרישע, גרויע פּליאַמע לייגט זיך אויף די פלעקן, וואָס זיינען איבערגעבליבן אויפן פענצטער נאָך פון פאַראַיאָרן חנוכה. לויכטן די אַלע פלעקן איבערן קאָפּ פונעם יתום-ליכטל, לויכטן שיעור נישט מער ווי דאָס ליכטל אַליין. און ווען מען צינדט אָן דעם גרויסן הענג-לאָמפּ, פאַרבלאָזט דער לאָמפּ מיט זיין גרוים פייער דעם לעצטן אָטעם פון דעם ליכטל.

פאַרוואָס זיינען דער מאַמעס שבתדיקע ליכט הויך און גרוים? און דער גרויסער טאַטע בענטשט אַזאַ קליינטשיק חנוכה־ליכטל?

דאָס פינפטע ליכטל

אַ ליכטל נאָך אַ ליכטל. אין חנוכה־לאָמפּ ברענען שוין גאַנצע פינף ליכטלעך. אַלע פינף מיט איין מאָל אָנגעצונדן. אַ ליכט אין די אויגן. איין ליכטל בלאָזט דאָס אַנדערע פאַנאַנדער און דאָס פייערל פון אַלע פינף, פאַרשפּרייט פון רעכטס אויף לינקס איבערן חנוכה־לאָמפּ, דערוואַרעמט שוין דעם גאַנצן זילבערנעם גן־עדן. אַרום דעם עס־טיש האָבן זיך צונויפגעקליבן אַלע קינ־דער, גרויס און קליין. דער הענג־לאָמפּ ברענט מיט אַ פולן יום־טובדיקן פייער. פון קיך לאָזט זיך הערן איין שמעקעדיקער ריח נאָכן אַנדערן.

דער אויסגעקאָכטער סענדאַק קילט זיך דאָרטן אָפּ אונטער אַ קליין טייכל פיש־יויך. רעדלעך ציבעלע, וואָס האָבן זיך גע־קאָכט אינאיינעם מיטן סענדאַק, זיינען געבליבן שטיין אין דעם יויך ווי פאַרפראָרענע אין אייז.

די אויסגעפּרעגלטע גריבענעס שוין שוואַרץ און האַרט געוואָרן, כאָטש זייערע אויערלעך זיינען פאַרגאָסן מיט שמאַלץ. אַ שיסל שמאַלץ הערט ניט אויף צו זידן אויף די הייסע קוילן.

אין קיך אליין איז א היץ. אויף חוהן דער קעכין פלאַמען די באַקן. זי שטייט אַנטקעגן דעם אָפענעם אויוון און מיט אייזערנע צוואַנגען אין די הענט יאָגט זי זיך נאָך די פּענדלעך. דאָ וואַרעמט זי איינס אָן, דאָ גיט זי אַ שמיר דאָס אַנדערע מיט אַ שטיקל איינגעשמאַלצטן פּאַפּיר, דאָ טוט זי אַ גאָס אַ לעפל שיטערן טייג און דאָ נעמט זי אַ פריש־אויסגעבאַקענע לאַטקע פון פּענדל אַראָפּ.

הייסינקע, גראָבינקע בלישטשען זיי, די לאַטקעס, מיט פּערעלעך שמאַלץ און שפּרינגען אונטער פון אונטערן פייער, ווי ערשט־געבאָרענע עופהלעך אונטער אַ פּאַטש פון אַ האַנט.

מיר קוקן אויף דער קעכין, ווי אויף אַ כישוף־מאַכערין.

— חוה, די גראָבע לאַטקע וועט זיין פאַר מיר, אמת? — שטעלט אונטער אַבראַשקע זיינע אַנגעשטאָפּטע באַקן, וואָס אָט, דוכט זיך, וועלן זיי פּלאַצן.

— דו וועסט דאָך קריגן בויך־ווייטיק! וויפיל איז דער שיעור צו פרעסן לאַטקעס? דער ממזר לאָזט גאָר ניט איבער־כאַפּן דעם אָטעם! — בורטשעט חוה און אַליין האַלט זי אין איין באַקן און אַנלייגן טעלערם מיט פרישע, הייסע לאַטקעס.

מיר לאַכן, קוועלן און לעקן די פינגער. די לאַטקעס גליטשן זיך אין שמאַלץ. מיר קנאַקן די גריבענעס.

פאַר וואָס זיך פריער כאַפּן?

און דאָ, מיט אַמאָל — וואַרפט זיך אָן דער טיש, ווי מיט אָנגעהאַקטע שטיקלעך האָלץ, קליינטשיקע קלעצלעך, פּעסלעך, אויסגעשאָטענע פון אַ קעסטל — אַ לאָטאָ־שפּיל.

מע צעטיילט אונדז ווייסע האַרטע טעוועלעך. אויף די טעוועלעך פון אויבן ביז אַראָפּ — שוואַרצע ציפערן. וואו־וואָס פאַר אַ ציפער. אַ „צוויי" צעמישט מיט אַ „ניין", מיט אַ „זיבן", מיט אַ „דריי" — אַ צעדרייטער חשבון. און דאָס שפּיל קומט צום סוף, ווען עמעצן גליקט אָפּ און זיין גאַנצע ציפערדיקע זייטל דעקט זיך איבער מיט די הילצערנע קלעצלעך, אויף וועלכע עס

זיינען אויסגעמאָלן די זעלבע ציפערן. איז דאָס שפּיל — אַ מזל־זאַך. און יעדעס מאָל, ווען ס׳שפּרינגט אַרויס אַ קלעצל מיט אַ נומער, ציטערט יעדער אויף, ווי מיטן נומער וואָלט אַ פּלאַטער טאָן זיין מזל:

— עלף! פיר! זיבן!

— דער פיר איז דאָ. אָט נאָ דיר דעם פיר!

— ווער האָט דעם זיבן? מען זעט ניט דעם זיבן?

דאָס הילצערנע קלעצל דרייט זיך אין דעם ברודערס האַנט, גיט זיך אַ שאַר איבערן טיש.

דער נומער זיבן קייקלט זיך אונטער דעם בלישטשענדיקן לאָמפּ, ווי אַ שוואַרצער טייוול. אויף איין פיסל. ס׳קלעצל מיטן ציפער מישן זיך אויס אינאיינעם, שווינדלען אין די אויגן.

— פּרא אָדם דו איינער! דו האָסט דאָך דעם זיבן? וואָס שוייגסטו? מע דאַרף דיר אַלץ אונטערטראָגן צו דער נאָז? — קוויטשעט אַבראַשקע הינטער מיינע פּלייצעס.

— וועל איך געווינען?

— נאַרישער קאָפּ! אַזוי גיך געווינסטו?

יעדער לאָזט פאַלן אַ ווערטל.

— טו עפּעס מיט איר! זי חלומט דאָך, איז זי אַנטשלאָפן געוואָרן!

— פּשוט, זיך איבערגעגעסן מיט לאַטקעס! זעסט נישט אירע אויגן?

— און וואָס נאָך? גיי, שווייג שוין! זאָג בעסער, זי ווייס אַפילו נישט, ווי מען שרייבט אַ זיבן!

— טאַקע?

דאָ האַלט איך שוין נישט אויס:

— דער לערער זאָגט, כ׳לערן זיך בעסער פאַר דיר! אַ זיבן קען איך זייער גוט, ס׳איז אַ מזל־נומער!

— האָסט דאָך שיער נישט פאַרשלאָפן דיין מזל!

— זע, ווי זי ציטערט, ווי אַ בלאַט!

פון שרעק לאָז איך נישט מער די קלעצלעך פון די אויגן ארויס. מיט אַמאָל שפּרינג איך אונטער:

— זעט, כ׳האָב געוואונען, געוואונען, אייך אויף צו־להכעיס געוואונען!

אלע גיבן זיך אַ קער צו מיר און איך קוק אליין מיט אלעמען אינאיינעם, ווי אויף אַ וואונדער, וואָס מיין קאַרטל האָט זיך אינגאַנצן איבערגעדעקט מיט קלעצלעך.

— אַ נאַר גליקט אַפּ! — שיסט אוים אבראַשקע.

אלע זיינען מיך מקנא. אפילו דער גוטער מענדל גיט אַ קלאַפּ איבערן טיש מיט זיינע אויסגעשפּילטע טאַוועלעך, ווי ער וואָלט וועלן מיר געבן איבער די הענט.

— איין נומער, איין איינציקער נומער האָט מיר אויסגעפעלט, אַז איך זאָל געווינען! — עסט ער זיך אָפּ דאָס האַרץ.

— איי, ס׳ט געווינען אַן אַנדערש מאָל! ביי איר זיינען די געוואונענע פּאָר קאָפּיקעס אַ גאַנצע מעשה! — גיט אַ וואָרף אַן אויג אבראַשקע אין מיין זייט.

מיר פאַרשטערט מיין שמחה. ס׳געוואונענע געלט בריט אין מיינע פינגער.

— טו בעסער אַ קוק, ווי ס׳וועט פליען דער „גאַר״! — גיט אבראַשקע אַ דריי איבערן טיש מיט דעם בלייענעם דריידל. ס׳איינציקע פיסל פונעם דריידל האָט נאָר אַ שמיר געטאָן די גליטשיקע צעראַטע און זיך פאַרדרייט, אויף וואָס די וועלט שטייט. שיפעט, סוויסטשעט, ווי אַ ווינט, ווי עס וואָלט זיך דרייען אין דער לופטן אליין.

אלעמענס אויגן האָבן זיך אַנגעשטעלט, יאָגן זיך נאָכן „גאַר״. וואו איז זיין בייכל? וואו זיינען זיינע פיר אותיות? פון דרייעריי זיינען די זייטלעך פון דריידל ווי איינגעפאַלן. דער „ג״ און דער „נ״ האָבן נאָר איינמאָל אַ שימער געטאָן און זיך צעבלאָזן. אבער אָט ווי דעם „גאַר״ וואָלט אויסגעפעלט אָטעם, שטילט זיך איין דאָס ווינטל, דאָס פיסל דרייט זיך אַלץ פּאַ־

מעלעכער. ס'באַווייזן זיך די בלייענע ווענטלעך מיט די אויס־געטאַקטע אותיות. דער „ג", דער „ש", דער „ה", דער „נ" ווינקען צו אונדז מיט די קעפּלעך, ווי זיי וואָלטן אַנגעקומען פון דערווייטנס.

— לאָמיר זיך וועטן, אין וואָס דו ווילסט, אַז דער „גאַר" וועט זיך אָפּשטעלן אויפן „ג".

— ווי אַנדערש, אַז דו ווילסט עס!

אַלע קוקן אויפן „ג", ווילן ווי מיט די אויגן אים פאַרכאַפּן, אים אָפּשטעלן אין מיטן וועג. און אָט, דוכט זיך, שטעלט ער זיך אָפּ, דער „ג", וואָס הייסט גוט. לויפט אים נאָך דער „ש", וואָס הייסט שלעכט, און שטעלט אים ווי אונטער אַ פיסל.

דער „ג" גיט אַ פאַל אויף אַ זייט און דער „ש" גיט זיך אַ שטעל אין מיטן טיש.

— נו, וועסט זיך וועטן נאָך אַמאָל?

— מילא, וואָס איז דאָ פון וואָס צו רעדן? ס'איז דאָך יום־טוב! לאָמיר אַ שפּיל טאָן אין קאָרטן, אַ?

מיט אַ נייעם ברען וואַרפט מען זיך אָן אויף די קאָרטן. און די קאָרטן אַליין וואַרפן זיך אין די אויגן מיט זייערע אויס־געמאָלענע צורות.

בלויז אַ מלכּה־קאָרט האָט אַ ווייס גלאַטן פּנים, אַ שלאַנק געשטאַלט. אַ מלך פאַרנעמט מיט זיין פולן גוף די גאַנצע קאָרט, ווי מיט זיין גראָבקייט וואָלט ער זיך וועלן צוגעבן מער וואָג.

די איבעריקע קייסאָרים ווילן זיך אויסצייכענען מיט זייערע קונציק־אויסגעדרייטע וואָנצעס. אַמאָל קומען אַרויס אויף איין קאָרט צוויי קייסאָרים אינאיינעם, שטופּן זיי זיך מיט זייערע אָפּגעהאַקטע פיס. יעדער פון זיי וויל זיין אין דער מיטן.

ס'איז אַ גאַנצע תּורה, וויסן וואָס פאַר אַ ווערט האָט יעדע קאָרט.

— מיר שפּילן אין איין־און־צוואַנציק, אַ?

די ברידער צעקאָכן זיך. ווידער אַמאָל און נאָך אַמאָל

טאַשט איינער אויף די קאָרטן, בלעטלט זיי, ווי ער וואָלט זיי דורכלופּטערן. טוט אַ בלאָז, אַ שפּיי אין די פינגער, שטופּט די קאָרטן פון איין האַנט אַרויס, שטופּט זיי אין דער אַנדערער אַריין. פלוצים, גיט ער אַ געשריי: נעם אַראָפּ! — נעמט אַן אַנדערער אַ הופטל קאָרטן אַראָפּ און לייגט זי צו צו די איבער־געבליבענע.

— קלאַפּ צו!

— וואָס קאָמאַנדעוועסטו אַזוי? געננג צו מישן די קאָרטן! וואָס ווילסטו פון זיי אויסבאַקן — נייע? ס'איז דאָך נישט קיין לאַטקעס!

— איינס, צוויי... נאַ דיר אַ קאָרט... נאַ דיר... איינס, צוויי, דריי... — וואַרפן זיך אַרויס די קאָרטן, ווי אויף אַ שלאַכט־פעלד.

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם קוקן אַלע צו, ווי ס'קוועטשן זיך אָפּ די קאָרטן פון דעם ברודערס גראָבן פינגער.

מע זיצט, ווי אויף נאָדלען. מורא אַ קוק צו טאָן, וואָס פאַר אַ קאָרט איז אַרויס.

— דער אַנדערער האָט אַוודאי אַ בעסערע קאָרט! — קלערט יעדער פאַר זיך און פאַרשטעקט זיינע אייגענע קאָרטן נאָך טיפער אין האַנט אַריין, אַזש צעקנייטשט זיי אינגאַנצן, ווי דאָס געווינס וואָלט אָפּהענגען נאָר פון דעם, אַז דער אַנדערער זאָל נישט זען זיין קאָרט. ס'איז אַ סוד.

דער גרעסטער קונץ איז — לאָזן ליגן די קאָרטן אויפן טיש און אין זיי נישט אַריינקוקן, זיי האַלטן אין קאָפּ.

לייגן זיך אויס די קאָרטן, איבערגעדעקטע מיטן פּנים אַראָפּ אין שורות אויפן טיש, און יעדער זיצט און וואַרט אויף אַ נס. אפשר וועט ער געווינען.

בייגט זיך ביי וועמען אָפּ אַ קאָרט פון אַ קייסער, גיט עס ווי אַ שניט אין האַרצן: פאַרטיק, נישט ער, יענער וועט גע־ווינען!



— האלט זיך ניט אזוי גרויס! — הייבט אָן איינער זיך טשעפּען צו דעם אַנדערן. — אַמאָל אַ קליין קערטל איז בעסער, ווי אַ גרויסער קייסער.

— וואו האָסטו ביי מיר געזען קייסאַרים?

— וואָס מיינסטו, מיט דיין שוויגן האָסטו שטום געמאַכט דיינע קאָרטן?

— כ'דאַרף זיי אויף כפּרות, דיינע קייסאַרים! ביי מיר איז אַרויס אַ קערטל, שענער פון אַ מלכה!

— אדרבא, ווייז! — וואַרפן זיך אַלע אָן אויף דעם בעל-גאוה, אַבראַשקען.

— גיי, גלויב אים, דעם גנב! איז פאַר וואָס בריקעסטו זיך הינטער אַלע שטולן? אָט, זע, צוליב דיר איז ביי מיר אַרויס-געפאַלן אַ קאָרט פון האַנט.

— צוליב מיר? — קרימט אים איבער אַבראַשקע. — שוטה דו איינער, וואָס פּלאַפּלסטו? זיי פאַלן ביי דיר פון שרעק אַליין פון האַנט אַרויס.

— גראָבער יונג, גיב אַהער מיין קאָרט צוריק, אַדער דו גייסט אַרויס פון שפּיל...

— טאַקע? וואַרט אַ ווײַלע! — קייקלט זיך אַבראַשקע איבערן דיל. — און אָט האָב איך אייך אַלעמען אין מיין לינקער פּאה! אָט ליגט זי, די מלכה, מיטן פּנים אַרויף!

אַבראַשקע הירזשעט פון התפּעלות, וואָס ער, דער ערשטער, האָט דערזען אַ לעבעדיקע, פרעמדע קאָרט.

— גיב אַוועק, ס'מיין קאָרט! מיט אַזעלכע גנבישע הוויות שפּילט מען נישט! אַזאַ שפּיל רעכנט זיך נישט!

— און פון וואַנען ווייסטו, וואָס מען טאָר און וואָס מען טאָר נישט? אַ נייער צדיק!

— סאַראַ ממזר! אַז ער קערט איבער די וועלט!

די ברידער וואַרפן זיך אָן איינער אויף דעם אַנדערן. עס ווערט אַ גערודער אַרום טיש. די קאָרטן גיבן זיך אַ שאַר, די

שטולן — אַ רוק אַהין, אַהער. דער שטופּט זיך, יענער שלאָגט זיך. איינער גיט אַ פּאַטש, פליען פּעטש אַנטקעגן. אַ גאַנצע מלחמה אויסגעבראָכן, ווי מע וואָלט זיך שיסן מיט ביקסן.

— סיי־ווי־סיי, ס׳נישט דיין מלכה!

— פאַרוואָס? — נעמט זיך נישט איין אַבראַשקע. — פון דער ערד צי פון טיש, ס׳איז פאַרט אַ קאָרט און נישט אַ פייג!

— נאַ, נאַ דיר, הונט דו איינער! הייַנטיקס מאָל וועלן דיר נישט העלפן אַלע דייַנע מאַכערייקעס!

— שאַ, קינדער, וויפיל איז דער שיעור צו קאָכן זיך? מע קאָן גאָר נישט איינשלאָפן! ס׳איז שוין האַלבע נאַכט!

די ברידער שטעלן זיך אָפּ, קוקן זיך איבער. דעם טאַטנס קול פון שלאָפצימער גיסט אַלעמען אָפּ, ווי מיט קאַלטע וואַסער.

איך שאַר שטיל צונויף די קאָרטן. דער קאָפּ, ווי אַנגע־שוואָלן, ווי אַלע קאָרטן וואָלטן זיך געשלאָגן אין מיין קאָפּ. מיינע געוואונענע קאָפּיקעס לאָזן מיך נישט איינשלאָפן. זיי ליגן אונטערן קישן, אָבער קריכן ווי אונטער די פּעדערן אַרויס, זשומען, שטעכן אין די אויערן. כ׳האָב מורא זיי אַנצורירן, ווי ס׳וואָלט געווען געגנבעט געלט.

דערוואַרט איך זיך קוים אויפן פרימאָרגן, און גיב זיי אַוועק דעם ערשטן אָרעמאַן, וואָס קומט אין שטוב אַריין.

חנוכה־געלט

די מאמע האט מיר אמאל א זאג געטאן, אז איך בין געבארן געווארן חנוכה, צו דעם פינפטן ליכטל.

אבער ווער ווייסט עס ביי אונדז אין שטוב? קיינער פון די ברידער גיט אפילו נישט קיין טראכט ווען ער איז געקומען אויף דער וועלט.

— נו, גוט, געבארן געווארן! א נייס אין שטעטל! נו, איז וואס? — לאכן זיך אויס די ברידער. — וואס ווילסטו, נאך א מאל געבארן ווערן?

און דער טאטע גיט א געשריי:

— וואס איז עס אין „מיטשקע דערינגען" פאר א יום־טוב? נאר א גויאישער קאפ קאן עס אויסטראכטן!

האב איך מיך געפרייט מיט חנוכה גאר צוליב די צוויי מאל צען קאפיקעס, חנוכה־געלט, וואס מיר, קלענערע קינדער, קריגן פון טאטן און פון זיידן.

פאר דעם געלט וועלן מיר דינגען א שליטל און פארן שפאצירן. פארן מיט אן אמת פערדל זיינען מיר געוועזן בעלנים יעדן טאג. האבן די צוויי זילבערנע צען־קאפיקעס געזונגען און געקלונגען אין די אויערן, ווי די גלעקעלעך פון שליטל, וואס וועט אונדז פירן איבערן שטאט. באזונדערס א גלאנציקע איז געוועזן דעם זיידנס מטבע, גלייך ווי צוליב חנוכה וואלט ער זי פאר אונדז לאזן אויסשייערן.

לויפן מיר אוועק, זאלבענאנד מיט אבראשקען, ערב חנוכה אין דער פרי, צום זיידן אהיים.

טאמער שלאפט נאך דער אלטער זיידע, וועלן מיר אים אויפוועקן. אפשר האט ער גאר אין גאנצן פארגעסן, אז ס'איז חנוכה אויף דער וועלט?

וואוינען וואוינט דער זיידע (ווי קומט עס צו אים?) גאָר אין אַ גויאישער גאַס. זי רופט זיך „אָפּיצערסקאַיאַ". אוודאי וואוינט ער אויף דער גאַס, ווייל נישט ווייט שטייט דער גרויסער שול-הויף מיט די שולן.

אַ גאַס מיט ווייסע שטיבלעך — איז די גאַנצע גאַס אַ ווייסע. ס'איז די שטילסטע גאַס פון שטאָט. קיין קראָמען, קיין טאַראַראַם. קען מען טאַקע דאָרט אַנטשלאָפן ווערן. אַפילו הויך אַ לאַך טאָן אין מיטן גאַס טאָר מען אויך נישט. גלייך שטעקן אַרוים פון הינטער די בלומען-טעפּ, וואָס פאַרשטעלן די פענצטער, געבלימלטע הייבלעך פון אַלטע באָבעס און זיי גיבן אַ שאָקל מיטן קאָפּ: — „שקצים, הערט אויף צו לאַכן!"

ווי אין אַלע שטיבלעך וואָלטן ליגן קראַנקע זיידעס.

און די שטיבלעך זיינען אַזוי נידעריק, אַז אפשר קאָן מען דאָרט נאָר בלייבן ליגן. און ווי, אַז עס שטעלט זיך דאָרט אַוועק אַ הויכער מענטש? וועט ער זיך דאַרפן איינבויגן אין צווייען. דערפאַר, מסתמא, ווערן אויך מיט יעדן יאָר נידעריקער מיין זיידע און מיין באָבע.

אַנדערע שטיבלעך — גאָר איינגעפאַלן. ס'דוכט זיך, אַז די אַלטיטשקע, וואָס וואוינען דאָרט, וואַקסן אין דר'ערד אַריין און מע ווייסט ניט, צי די בלומען-טעפּ שטייען דאָרט אויף די פענצטער, צי זיי שטייען און וואַקסן אויפן גאַס.

פון אינעווייניק, — נישט מע זעט, נישט מע הערט עפּעס. די שטיבלעך זיינען איינגעהילט אין שניי, ווי אין דיקע, וואַרעמע קאָלדרעס. זייערע ווענט זיינען פאַרשטאָפּט, ווי טויבע. דער ווינט בלאָזט דעם שניי אין די פענצטער, ער פאַרבלאָזט די שפּאַלטן, אָבער די אַלטע שפּיצן-פאָרהאַנגען גיבן זיך אַפילו נישט קיין שאָקל. איבער די דעכער לויפט פריי אַרום, ווי אַ שיכורער גוי, דער רויך פון די קוימענס. ווי אים זאָל זיין צו-וואַרעם אין די אָנגעהייצטע הייזלעך, שטופּט זיך דער רויך, ציט זיך אין דער ברייט, אין דער לענג, און קריכט מיט גוואַלד פון די קוימענס

אַרום. די שטיבלעך שוויצן אונטערן שניי, ווי אונטער אַ ווייסן שוויים.

— נאַ, נאַ דיר, פאַרחלומטע עין־הרע! וואָס קוקסטו אַלץ אויף אַלע זייטן? — שיסט אַבראַשקע פּלוצלונג אויס אַ הילכיקן געלעכטער, פון אַנדער עק גאַס, און פאַרוואַרפט מיך מיט קייקעלעך שניי.

— משוגענער, הער אויף צו שרייען! מען וועט דאָך אַרויס־לויפן פון אַלע טירן!

— אין אַזאַ פראָסט? לאָמיר זיך וועטן! און וואָס ווילסטו?

הינטער אַ פּלויט שטעקט אַ ווייסער בוים אַרויס. אַפּנים, אַן אַלטער בוים. דער שניי האָט זיך אויף אים אָנגעלייגט, ווי אַ צענדליק קישנס אויף דער באָבעס בעט. די צווייגן האַלטן עס קוים אויס. אַבראַשקע טוט זיך אַ דראַפּ אַרויף אויפן פּלויט, קלעטערט אויפן בוים אַרויף און טוט אים אַ טרייסל.

דער גאַנצער בוים ציטערט אויף. שטיקער שניי פאַלן אַראָפּ, ווי שטיינער. אַ נאַקעטער צווייג טוט אַ קנאַק און ברעכט זיך איבער.

— חיה רעה! וואָס, ס׳דיר נישט גענוג שניי אויפן גאַס? וואָס אַרט דיך, אַז ס׳ליגט אויפן בוים?

— דער בוים איז אַזוי מיינער, ווי דיינער! וואָס ביסטו פאַר אַ מחותנתטע מיט אים!

ס׳ווילט זיך מיר אַריינלויפן אין אַ שטיבל, אַלץ איינס אין וועמענס. טאָמער שטייט הינטער דער טיר אַן אַלטינקע באָבע און מע קאָן זיך פאַרשטעקן פון אַבראַשקען אין אירע אָנגע־שטאָפּטע וואַרעמע קליידלעך?

דעם זיידנס שטוב ליגט אויפן סאַמע עק גאַס. אַ שטיבל, ווי אַלע אַנדערע. די זעלבע טעפּ מיט בלומען, די זעלבע אויס־געקריצטע לאָדנס, אויסגעשניצט אין צוקערלעקעך און שניי פאַרשטאָפּט אין זייערע לעכלעך; דער זעלבער רויך אויפן דאַך,

דאָס שטיבל אָבער זעט אויס נאָך ווייסער און וואַרעמער פון אַלע אַנדערע.

אַבראַשקע, קוים צוגעלאָפן צו דער טיר, גיט אַ צי דאָס הענג-גלעקל. דאָס גלעקל טוט הייזעריק אַ הוסט און ווערט אַנטשוויגן.

— אַזוי, איר זייט שוין דאָ, קינדער? איך קלייב זיך ערשט אין מאַרק, און זיי קומען שוין נאָך חנוכה-געלט! — דאָס איז פריידע, דער באָבעס אַלטע קעכין. זי עפנט אויף די טיר, זי איז מיט אַ פאַטשיילע אויף די פלייצעס.

— ברורר. סאַראַ קעלט איר האָט אָנגעבראַכט! גייט שוין אַריין! ס'איז טאַקע אַזוי קאַלט אויפן גאַס? זאָל איך מיך אַרומבינדן מיט נאָך אַ טיכל, ווי דו, באַשענקע?

זי טופּעט מיט די פיס, און מיט אירע פיס שפּרינגען אונטער אירע זומערשפּרענקלעך אויף איר צורה. ווינטער זעען זיי בײַ איר אויס ווי פאַרטריקנטע טראָפּנס פעטס, וואָס זי האָט פאַר־געסן אָפּצואוואַשן. שטענדיק איילט זי זיך, שטענדיק איז זי אַ צעטומלטע. זי זאָגט, אַז זי גייט ערשט אין מאַרק. אָבער דער וואַרעמעס איז בײַ איר שוין פאַרטיק. מיר הערן דאָך, ווי ס'בראָט זיך עפּעס אין קיך.

— פריידע, דו וועסט אונדז געבן פאַרזוכן אַ געבראָטענע בולבע?

— פון וואַנען ווייסטו, אַז עס פּרעגלט זיך בײַ מיר בולבעס?

— פריידע, דער זיידע שלאָפט נאָך?

— וואָס שלאָפן, ווען שלאָפן? ער האַלט דאָך אין איין לערנען תורה. פּסיק!... — שטופּט זי אַרויס די קאַץ פון איר מאַרק-קערבל.

— אַ נייע מאָדע אויסגעטראַכט! קריכט אין קערבל אַריין!

פון די קולות וועקט זיך אויף די קאַץ, טוט אַ פינקל מיט אירע צעקנייטשטע אויגן; זי דערזעט דעם שניי, וואָס איז געבליבן אויף אונדזערע פיס, טוט זי אַ הויב דעם עק, שטעלט

אַן די וואַנצעס און גיט זיך אַ צי צו אונדז, אַ לעק טאָן דעם טראָפּן קאַלטן שניי. דער שניי צעגייט פאַר איר נאָז, און די קאַץ הויבט אָן צו ניסן.

— קעצענער מוח! — שלעפּט זי אַבראַשקע פאַרן עק. — גיי בעסער, זאָג אָן דער באָבען, אַז מיר זיינען דאָ.

— וואָס דאַרפסטו נאָך מטריח זיין די קאַץ? זי איז דאָך אַ פּוילִיאַטשקע! איך גיי שוין אַ סך גיכער פון איר!

עס קומט אַריין די באָבע. זי איז אַזוי שטיל אַריין, ווי איר ווייכער שמייכל וואָלט אויך ווייך געמאַכט אירע טריט.

— אין אַזאַ קעלט, קינדערלעך? אַוודאי אַ וויכטיקע נסיעה,

— טוט זי אַ שמייכל.

— איז טו זשע זיך גיכער אויס, באַשענקע! וואַרעם זיך אָן אָן דער הרובקע, אָבער זע, ברי זיך נישט אָפּ, ערשט פאַרמאַכט דעם קוימען!

די באָבע שטייט אַ צעטומלטע לעבן אונדז.

— ווילסט אַ הייסע גלאָז מילך? אַזוי פרי, מיט וואָס קאָן איך אייך מכבד זיין?

זי ווייסט נישט, וואָס פריער צו טאָן, — צי העלפן אונדז זיך אויסטאָן, אָדער גיין זוכן פאַר אונדז כיבוד. איר ווייס פּנים און אירע ווייסע האָר לויכטן. די בלימעלעך אויפן הייבל בליען, ווי אין מיטן זומער. אַליין איז זי אַ ווייכע, אַ דיקע, אַ וואַרעמע, ווי דער אָנגעהייצטער ווייס־קאַכלענער אויוון.

אין שטוב איז נישטאָ וואו זיך אַ קער טאָן. אומעטום אָנגעשטעלט, אָנגעהאַנגען, ווי די באָבע, אין איר שטענדיקן ציטער זיך צו פאַרקילן, וואָלט מורא האָבן פאַר יעדן שטיקל פריי אָרט, ווי פאַר אַ צוג־ווינט.

— באָבע, היינט איז יום־טוב, חנוכה! — פאַלט אויף איר גלייך אָן אַבראַשקע.

— וואָס רעדסטו? אָבער שאַ, אין מיטן חנוכה דאַרפסטו דאָך נישט אָנידערוואַרפן דיין באָבע אויף דר'ערד! קיין עין־

הרע, ביסט אויסגעוואַקסן פאַר דער לעצטער צייט! — גיט זיך די באָבע אַ שאָקל אויף אירע קורצע פּיס.

אַבראַשקע דערשרעקט זיך: מער פעלט נישט, די באָבע זאָל ווערן ברוגז!

— ביסט פאָרט אַ גוט אינגל, אַוורעמל! — שמייכלט די באָבע.—געקומען פון אין דער פרי אָן אָנזאָגן די בשורה! כ׳האָב טאָקע געוואָלט זיך נאָכפרעגן ביים זיידן! אָן דיר וואָלט איך עס גאָרנישט געוואוסט, גנב דו איינער! נו, גיי צו און גיב צו־ערשט אַ קוש די מזוזה. דער רבי האָט דאָך דיר עס אַוודאי אנגעזאָגט.

— באָבע, און איך? איך וויל אויך אַ קוש טאָן!

— וואוהין קריכסטו, קורצע שטופּקע? ביסט דאָך אַ מיידל! — שטופּט מיך אָפּ אַבראַשקע אינאיינעם מיט דער קאַץ, וואָס פּלאָנטערט זיך צווישן די פיס.

אים איז גוט. ער איז אַ אינגל, קען ער זיך האַלטן גרויס. אפשר טאָקע שוין בעסער זיין אַ קאַץ, ווי אַ קורץ, קליין מיידל, וועלכע ער לאַכט שטענדיק אויס.

— הער אויף זיך רייצן מיט דער קליינער!

פּלוצים כאַפּט זיך די באָבע פאַרן קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך וואָס דערמאָנען.

— ביסט נישט, חלילה, פאַרקילט? קום, כ׳וויל דיר וואָס געבן, באַשענקע!

— מאַלינעס, באָבע? — לויף איך איר נאָך. איך וויים, ווען די באָבע זאָגט „פאַרקילט", וועט זי שוין אויפזוכן אַ גלאָז מאַלינעס, וואָס איז פאַרשטעקט ביי איר אויפן קליידער־אַלמער, צווישן אַלע אַנדערע „וואַרעניעס".

— נאַ, באַשענקע, וועסט עס נעמען מיט זיך. און זאָג אָן דער מאַמען, זי זאָל דיר געבן פאַרן שלאָף אַ הייסע גלאָז טיי מיט מאַלינעס. זאָג איר, ס׳איז אַ סגולה פאַר אַלץ און פאַר קעלט איז עס די בעסטע רפואה.

— באָבע, און וואו איז דער זיידע? מען זעט אים נישט.

— גייט, אָט שטייט ער דאָך ביים אויוון!

דורך דער האַלב־אָפּענער טיר פון עס־צימער זעען מיר, ס'גלאַנצט ווי אַ ווייסער שפּיגל אַ גרויסער ווייס־קאַכל אויוון און לעבן אויוון שאָקלט זיך, ווי אַ שוואַרצער שאָטן, דער זיידע. און מיר האָבן געמיינט, ער שלאָפט נאָך! וואָס־וועז שלאָפן! מיר דוכט זיך, אַז פון פאַראַכטאָגן ערב שבת, ווען מיר האָבן אים געזען, שטייט ער נאָך אַזוי ביים אויוון און האָט זיך אַפילו נישט אַוועקגעלייגט שלאָפן. אויף אים דער זעלבער בגד. אַ לאַנגער, פון דינעם, שוואַרצן ליוסטרין, און פול מיט קנייטשן, ווי זיין שטערן. דער זעלבער בגד סיי זומער, סיי ווינטער. און פון אונטער דעם בגד זעט מען נישט זיין דאַרן גוף, ווי ער וואָלט גאָרנישט האָבן קיין גוף.

ס'פּנים לויכט. די אויגן — פאַרטראַכט. מיט איין האַנט גלעט ער אַ הערעלע פון באָרד, מיט דער אַנדערער בינדט ער אוים ווי אַ קניפּל אין דער לופטן און שאָקלט זיך. גלייך ער וואָלט פאַר זיך אַליין וואָס אויסטייטשן פון אַ ספר, וואָס איז געבליבן ליגן אויפן טיש, און דאָס אויסגעטייטשטע איבערלייגן פון איין זייט קאָפּ אין דער אַנדערער.

אונדז ביידן זעט ער נישט. די שפּאַקולן — זיך אַרויפגע־דראַפּעט אויפן שטערן און זיינע געדיכטע, שטעכנדיקע ברעמען פאַרשטעלן זיינע אויגן. די ווייסע באָרד פאַלט אַרונטער, ווי אַ „הפקר" שניי. און די שטיקלעך באַקן, וואָס שטעקן פון די פּיאות אַרוים, זיינען אויך ווייס. איינצלנע אָדערן רויטלען זיך אַרוים פון הינטער דער צאַרטער הויט, ווי אַנגעוואַרעמטע פון אויוון.

מיר האָבן מורא צוגיין צום זיידן. זיין שאָטן וויגט זיך אויפן ווייסן קאַכל. ס'דוכט זיך, דער זיידע שטייט ווייט פון אונדז, ווי מיט איין פוס אויף יענער וועלט.

— באַשקע, טו אַ קוק! — גיט מיר אַ שלעפּ דער ברודער

פֿאַרן אַרבל. — זע, אָט ליגן אויפֿן טיש די צען קאָפּיקעס!

טײַערער זיידע! אַפֿילו װעגן דערויף אַ טראַכט געטאָן! און איך האָב געמיינט, ער טראַכט גאָר װעגן גאָטס זאַכן. אָבער דער זיידע קערט נישט אָפּ זײַן קאָפּ פֿון פֿענצטער. די זון לײַכט און שײַנט אָפּ אין זײַנע אויגן, װי זיי װאָלטן אויסגעשעפּט דאָס גאַנצע ליכט פֿון הימל. אָט, דוכט זיך, בליצן זיי אויף. אויפֿן פֿענצטער הענגט דער חנוכה-לאָמפּ פֿון אַלטן, טונקעלן זילבער, מיט נאָך הוילע רערלעך אַנשטאָט ליכטלעך. אָבער דעם זיידנס אויגן צינדן אָן, װי מיט אַ שװעבעלע, די אַלע אַכט רערלעך מיט אַמאָל.

— זיידע! — האַלטן מיר ניט אויס און שטעלן זיך אָפּ, דערשראָקן פֿאַר אונדזער אייגן קול.

— האָ? װאָס איז? — כאַפּט זיך אויף דער זיידע, װי פֿון שלאָף. — אייגע, דוכט זיך, עמיצער איז אין שטוב אַריין. זײַ זיך מטריח, גיב אַ קוק!

— דאָס זײַנען דאָך אַלטעס קינדער, אַװרעמל מיט דער קליינער באַשקע! — שרײַט אים די באָבע פֿון איר חדר.

גיט אַ קער צו אונדז דער זיידע זײַן װײַסן קאָפּ. אונדז דערזען, האָט ער אַ שמייכל געטאָן. זײַן פּנים האָט זיך צונויפֿגעקאָרטשעט. און מיטן שמייכל האָט זיך דער זיידע איבערגעביטן, איז געװאָרן אַן אַנדערער. זײַן פּנים איז זיך צעגאַנגען, װי װאַרעמער װאַקס.

— און איך האָב געמיינט, — לאָזט דער זיידע פֿון זײַן שטערן די ברילן אַראָפּ און טוט אַ קוק פֿון אונטער די גלעזער אויפֿן ברודער, — איך האָב געמיינט, אַװרעמל װערט דאָך, אם-ירצה-שם, אין אַ יאָר אַרום בר-מצווה, טראַכט ער נישט מער װעגן חנוכה-געלט. אַ, אמת, אַװרעמל? — גיט דער זיידע אים לײַכט אַ קניפּ אין באַק.

— אַנו, קום אַקאָרשט אַהער, זאָל איך דיך פֿאַרהערן? זאָג מיר, — זײַן װייך קול ברעכט זיך איבער, — װאו האַלטסטו

עפּעס אין חומש? אַט, ס׳איז שוין גוטע עטלעכע זמנים, ווי דו לערנסט זיך ביים רבין.

פון טיש לויכטן די צען קאָפּיקעס. ביי אַבראַשקען פאַר־דרייט זיך דער קאָפּ. די זילבערנע מטבע שטעכט אים די אויגן. זי ליגט אַזוי נאָענט, שוין גאָר נאָענט פון אים. ער קאָן זי כמעט אַ טאָפּ טאָן, אַ גלעט טאָן מיט זיין האַנט. ער חלשט אַ קוק טאָן, וואָס איז אַנגעמאָלט אויף דער אַנדער זייט — דער זעלבער אָדלער ווי אַלע מאָל, צי נישט?

אין די אויערן הודיעט דעם זיידנס קול, אָבער ביי אַב־ראַשקען קראַצט זיך די האַנט כאַטש איין מאָל אַ קייקל צו טאָן די צען קאָפּיקעס איבערן טיש. די צעראַטע איז אַ גליטשיקע, וועט די מטבע פליען, ווי אַ רעדל. זי קאָן זיך אפילו אַראָפּ־גליטשן פון טיש אויך, און פאַרטיק! גיי זוך זי דעמאָלט אין אַלע לעכער פונעם דיל!

פון שרעק, קייקלען זיך אַבראַשקעס קיילעכדיקע אויגן שוין אַליין פון קאָפּ אַרויס.

ער, אַבראַשקע, רעדט צו זיך אַליין: ער מוז אַ כאַפּ טאָן די צען קאָפּיקעס. אַ כאַפּ טאָן, איידער דער זיידע וועט אָנהויבן אים אויספרעגן און פאַרהערן יעדן פסוק, וואָס ער האָט געלערנט און וואָס ער האָט שוין פאַרגעסן.

און ווי, אַז דעם זיידן פאַרווילט זיך נאָך אַרויסנעמען פון ספרים־אַלמער דעם חומש, און גיי הויב אָן זינגען, ווי אין חדר מיטן רבין? ס׳וועט דאָך אַזוי פאַרבייגיין דער גאַנצער טאָג! ס׳וועט דאָך ווערן פינצטער! איז וואו וועט מען קריגן אַ פורמאַן, וואו אַ פערד? ווער וועט אויף אים וואַרטן? אַלע אינגלעך פאָרן שוין אַרום, איינגעפּאַקט אין שליטלעך, און ער? . . .

ביי אַבראַשקען פאַרקוועטשט זיך דאָס האַרץ.

— ער וועט דאָ איינשלאָפן מיטן זיידן אינאיינעם, לעבן דער וואַרעמער הרובקע.

אבראַשקען וואַרפט שוין אין היץ, ווי נישט דאָס האַלץ, נאָר ער אַליין וואָלט געברענט אינעם הייסן אויוון. ס׳איז אַפילו אַ רחמנות אויף אים צו קוקן. זיינע פינגער ציטערן. דער קאָפּ — ווי אַנגעשוואָלן. אין די אויגן — פונקען, ווי די זילבערנע צען קאָפּיקעס וואָלטן שוין אַהין אַריינגעקראָכן.

— אַזעלכע צען קאָפּיקעס! — מאָלט זיך אַלץ אויס אַבראַשקען. — און ווען ער קריגט נאָך צען קאָפּיקעס פונעם טאַטן, קאָן ער דאָך אויספּאָרן די גאַנצע שטאָט! וועלכער פורמאַן וועט אים נישט מיטנעמען? ער, אַבראַשקע, דאַרף נאָר האָבן די זילבערנע מטבע אין זיין האַנט. ווען ער שטעקט אַרויס כאָטש איין עקל פונעם זילבער און ווייזט איוואַנען, דעם פורמאַן — וועלן ביי יענעם אַרויסקריכן די אויגן פון קאָפּ. ער וועט זיך גלייך צעקאָכן, דער גראָבער יונג. ער וועט אָנהויבן איינרעדן אַבראַשקען, אַז צו זיין פערדל, צו זיין שליטל איז גאָר קיין גלייכן נישטאָ. ער האָט זיי דאָך געירשנט פון אַ פּריץ!

אויף דעם שליטל ליגט דאָ, זאָגט איוואַן, אַ שוואַרצע פוטער־דעקע. מאַכט נישט, אַז ס׳זעט אויס ווי אַ געפּגרטע אַלטע ציג. מיט דעם פוטער האָבן זיך איבערגעדעקט דעם פּריצס קינדער!

און זיין פערדל — וועט איוואַן אַזש אַ פייף טאָן פון התפעלות — דאַרף מען בלויז גוט אָנבייטשן, וועט עס פליען ווי אַן אָדלער! — אַ קלייניקייט, די פּריצטע אַליין איז אויף אים אַרומגעפאָרן!

און וואָס וועסטו זאָגן פון מיינע גלעקעלעך? זיי קלינגען דאָך, ווי אַלע קלויסטערס מיט אַמאָל! נאָר זעץ זיך אַנידער, נאָר זאָל זיך דאָס פערדל אַ ריר טאָן פון אָרט...

איוואַנס דיקער קול טרובעט אין דעם ברודערס אויערן. אַבראַשקע האַלט נישט אויס, גיט זיך אַ רים פון אָרט, טוט אַ צי די מטבע...

— שאַ, כאַפּ נישט! האָב צייט! וואָס יאָגסטו זיך אַזוי? דו וואָלסט זיך אַזוי איילן אויסלערנען דיין דרשה!

אַבראַשקע הייבט אויף זיין קאָפּ.

— ווער רעדט עס? נישט איוואַן.

אויף זיינע אויפגעשפּרונגענע פינגער ליגט דעם זיידנס דאַרע האַנט.

— ברוך, גיב זיי שוין אַוועק די צען קאָפּיקעס. אַ קאָפּיטשקע פרייד פאַר די קינדער! דו זעסט דאָך — זאָגט די באָבע צום זיידן — ס׳ברענט אויף אים די הויט! דאָס אינגל זיצט דאָך נישט איין אויף איין אָרט. און די קליינע שטייט ווי אַן איינגעטשאַדעטע!

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם לויפן מיר אַרוים מיט די צען קאָפּיקעס אין די הענט, פון זיידנס אָנגעהייצטן שטיבל.

* * *

דער ברודער גיט זיך אַ יאָג איבער די גאַסן. דער שניי ברענט אַזש אונטער זיינע פיס. מיט די הענט הערט ער נישט אויף צו דרייען, ווי ער וואָלט וועלן זיי מאַכן קלינגען אין די הענטשקעס, די זילבערנע צען קאָפּיקעס.

ס׳קלאַפּט ביי אים אין קאָפּ: איז נאָך פאַראַן אַ שליטל? פאַראַן אַ פערדל?

איך שטעל זיך אָפּ אויף אַ ווייליניקע — ביי מיר האָט זיך אויסגעטאָן איין קאַלאָש.

— אַז מען הויבט אָן מיט אַ מיידל! שלים-מזלניצע! — גיט אויף מיר אַבראַשקע אַ געשריי, אָנשטאָט מיר העלפן. — ס׳ט אויפהערן צו פאַרקען זיך? אַפּריער דער זיידע, און דערנאָך דו מיט דיינע קאַלאָשן! אַלע שליטלעך וועלן דאָך זיין פאַרנומען!

— וואָס בין איך שולדיק? נייע קאַלאָשן, זיי פאַלן מיר פון די פיס אַראָפּ.

איך וויל אים אויך אַ שטאָך טאָן.

— דער זיידע איז אוודאי ברוגז אויף דיר, האסט זיך נישט געלאזט פארהערן.

— נאך וואס! וואס דורעסטו מיר דעם קאפ? זאג בעסער, מיט וועמען זאלן מיר פארן, מיט איוואנען צי מיטן קרומען בערל? ער הינקט דאך, בערל, אויף איין פוס!

— ווער זעט, אז ער הינקט? ער זיצט דאך אויף איין ארט און זיין פערדל האט דאך גלייכע פיס.

— פארוואס נישט אויסקרימען די פיס אויך דעם פערדל? אויף אים איז אלץ צו גלויבן, אזא שיסער! כא־כא־כא!....

— פאניטשאק! אוורעמל! פאניענעטשקא! — דערזעען אונדז די פורמאנעס.

זיי קענען אונדז. זיי שטייען שטענדיק אויפן עק גאס. פון קעלט, פון אומעט בלאזן זיי און פאטשן מיט די הענט.

— געקראגן ס׳חנוכה־געלט? וויפיל האט מען דיר גע־געבן? נו, וויין! נו, גוט, קריכט ארויף! קריך, מיידעלע! — די פורמאנעס שטופן אונטער איינס דעם אנדערן.

איין עלטערער פורמאן — אים איז אפנים געווען זייער קאלט — בלאזט פון זיין מויל ארויס א דיקע פארע, ווי ער זאל וועלן אן איר זיך אנווארעמען. און ווען ער רעדט, הויבט זיך זיין פארפרארן שפיציק בערדל ארויף און אראפ, ווי א האק, מיט וועלכער ער וואלט אויסגעהאקט יעדעס ווארט, וואס גייט ביי אים פון מויל ארויס.

— קום בעסער מיט מיר! נישט געדאכט זאל ער ווערן! זעסט נישט? זיין פערד איז אן אלטער סוס ווי ער אליין!

— ער וועט נאך פארשטעקן אין זיין בוזעם צען אזעלכע פערד, ווי דיינער! א מלאך־המות זאל דיך כאפן! א . . .

די פורמאנעס, רק זיי שילטן זיך.

— גיי, זיי נארן דיך אלע אוים, פאניטשאק! פארסט דאך אלע מאל מיט מיר! טו א קוק, פאניענעטשקע, ווי ס׳וועט דיר

זיין וואָרעם אונטער דעם שוואַרצן פּעלץ! — פאַרלויפט איוואַן הינטער אַלע שליטלעך און גליטשט זיך אויס צו אונדזערע פיס.

דוכט זיך, אַן אַנגעפּאַקטער, ווי אַ פולער זאַק, אָבער ער גיט זיך לייכט אַ בייג אַן אַ זייט, און גלייך מיר וואָלטן געווען זיינע פריערדיקע פּריצים, שפּיליעט ער אָפּ זיין אָפּגעקראָכענע שעפּסענע קאָלדרע און פאַרטיק... מיר זיינען שוין אין שליטל אריין.

— טפו, טשאָרט! — גיבן אַ שפּיי די אַנדערע פורמאַנעס.

— גיי, האָב צו טאָן מיט אַ טייוול!

איוואַן טוט אַ סוויסטש מיטן בייטש. נאָר אַ שמייס געטאָן אין דער לופטן, אָבער דאָס פערדל האָט גלייך אַ ציטער געגעבן, אויפגעהויבן דעם עק, ווי אַ קאַץ וואָס מע גיסט אָפּ מיט קאַלטע וואַסער.

— הו, אַלטע קליאַטשע, הו! — צעהיצט זיך איוואַן, גיט זיך אַזש אַ הויב פון געזעס.

די גלעקעלעך טוען אַ קלונג און הערן נישט אויף צו צימבלען.

— האָפּ, האָפּ!

קולות, שמיץ פליען, בריען אָפּ, ווי מיט זודיקע וואַסער דעם פערדלס קאַלטן רוקן. און דאָס צעפּאַרעטע פערדל, ווי עס וואָלט ווען אַנטלויפן פון איוואַנען, ציט זיך אויס, דרייט מיט די זייטן. זיין אייגענער עק שמייסט אים שטאַרקער פונעם בייטש. די הויכעביינער קלאַפּן זיך אָפּ פון די אָגלאָבלעס, ווי זיי וואָלטן ווען פון זיך אָפּרייסן די פעל.

אינאיינעם מיטן פערדל דרייען מיר זיך אין שליטל אום. דאָ זינקען מיר אין שניי אַריין, דאָ שפּרינגען מיר אונטער. קיין צייט איבערכאַפּן דעם אָטעם. ס׳טראָגט אונדז, ווי מיר אַליין וואָלטן האָבן אויף זיך פליגלען.

— נאָ, כאָלעריע, ננאָ! הו! האָ! האָפּ, האָפּ!

איוואַן שרייט שוין, ווי אַ משוגענער. ער פּייפט, ער קנאַקט, ער הוקעט, הייבט זיך אויף, דרייט מיטן הינטן. פון זיין רוקן פאַלט אויף אונדז אַראָפּ אַ באַרג מיט שניי. אַ וואָלקן שניי יאָגט זיך אין די זייטן, יאָגט זיך הינטער אונדז.

שניי שפּריצט דעם פערדל אין מאָרדע. זיינע אויגן רינען מיט שניי. שניי פאַרשיט אים דעם קאָפּ, דעם רוקן. שניי בלאָזט אים פון די נאָזלעכער אַרויס, גייט אַ געדיכטע פּאַרע פון מויל. דאָס פערדל, ווי אַ שיכורער, טרייסלט מיט דער גריווע, טרייסלט מיט די גלעקעלעך.

מיר שווימען הינטער אים, ווי אין לויפנדער וואַסער. פון ביידע זייטן פליט די שטאָט, איין גאַס פאַרשמירט זיך, שפּרינגט אין דער אַנדערער אַריין. אַ געדיכטער שניי דרייט זיך אין די געסלעך, ווי אויסגעשאָטענע זעק מעל. וואו זיינען מיר? אין איין אָטעם דורכגעפלויגן דעם גרויסן שטאָט-גאָרטן. אָט, ערשט איז ער געשטאַנען, פול מיט ביימער, אויפן הויכן באַרג, און מיט אַמאָל איז ער אַוועקגעפלויגן, ווי אַ שנייעלע אין דער לופטן. און וואו איז אונדזער גראָבער קלויסטער? ווער האָט אים ווען געקאָנט אַ ריר טאָן פון זיין אָרט? און דאָ, האָט ער זיך אַ גליטש געגעבן, זיך אָפּגעריסן פון דער ערד, פון זיינע ווייסע ווענט האָט אַ בלאָז געטאָן מיט שניי, זיין צלם — קוים געהאַט צייט אַ בליץ טאָן מיטן גאָלד, און זיך אַ שטאָך געטאָן אין הימל.

ס'פלאַמען, ס'בייסן מיר די באַקן. כ'צי אויס די הענט, וויל פאַרכאַפּן אַ פּאָר הייזער, גאַסן. אָבער אַלץ אַנטלויפט פון מיר. פענצטער, לאָדנס, שילדן — אַלץ טראָגט אַוועק דער ווינט, שלינגט איין דער שניי.

שוין ווייט פון שטאָט אַרויס, ווי אין דער לופט פאַרפאָרן. כ'זע גאָר נישט מער.

דער פראָסט בייסט. די אויגן פאַרקלעפּט מיט שניי. פּיקעט די ברעמען. ס'איז קאַלט אין קאָפּ. שניי פאַרקראָכן אין די האָר.

די האָר האַרט געוואָרן, כאַטש נעם און שנייד זיי מיט אַ מעסער. אין האַלדז איז נאַס. דער קאָלנער פול מיט שניי.

כ׳טופּע מיט די פיס. די פּעלצענע דעקע — שוין לאַנג זיך אויסגעוויקלט אין שניי. פון איר איז נאָך קעלטער. די פיס, ווי קלעצער האָלץ, נישט אויפצוהייבן. כ׳וויל פּאַנאַנדערשטופּן אַבראַשקען. וואָס איז מיט אים?

דער ווינט סוויסטשעט, איך הער נישט מער דעם ברודער. ערשט האָט ער דאָך געהירזשעט, ווי דאָס פערדל. פאַרוואָס גייט נישט מער אַרויס קיין פּאַרע פון אַבראַשקעס מויל? מיין צורה ברענט. ווערן מיר פאַרפראָרן? מאַמע, מאַמע! וואו איז די מאַמע? שוין-זשע אויך אין הימל אַנטלאָפן? זי וועט דאָך אויף אונדז שרייען: וואו זייט איר? וואוהין זייט איר פאַרקראָכן אויפן עק וועלט?...

— טפּררר... — דאָס שליטל גיט זיך מיט אַמאָל אַ שטעל אָפּ. שיער אונדז נית איבערגעקוליעט.

— און וואו זיינען די צען קאָפּיקעס?

איוואַנס דיקער קול וועקט אונדז אויף. זיין פּעלצענע הענטשקע, אַ גראָבע, ווי אַ פוס פון אַ בער, קריכט אונדז אין די אויגן אַריין. ער שלעפּט אַרויס די צען קאָפּיקעס פון אַב־ראַשקעס הענטשקע. די בייטש פאַרשטעקט אונטערן גאַרטל, טוט איוואַן אַ שפּיי אין איין האַנט, אין דער אַנדערער, וואַרפט צו די מטבע, ווי ער וואָלט זי אָפּוועגן, לייגט זי צו צו די ציין.

— עכט זילבער, שטאַרק ווי אייזן! — הודיעט ער מיט אַ געלעכטער.

— איוואַן, וואו זיינען מיר?

— אַהיים געקומען, מיידעלע, אַהיים!

כ׳גיב זיך אַ קער. טאַקע הינטערן רוקן שטייט, ווי אַלע מאָל, אַנטקעגן אונדז דער גראָבער קלויסטער. זיינע ווענט, דער דאַך, דער צלם — אַלץ צוריק פון הימל געקומען. און דער הימל

אַליין האָט זיך צוגעמאַכט, פאַרטריבן די וואָלקנס. אַ פאַר־בלאָנדזשעט איינציק שטערנדל לייכט פון אים אַרויס.

אויפן בערגל — איבעראַניים אויסגעוואָקסן דער גרויסער גאָרטן. שטיבלעך, קראָמען, פענצטער — אַלץ איז אַוועק־געשטעלט אויף די פיס.

מיר קריכן פון שליטל אַרויס.

פון וואַנען זיינען מיר געקומען צו פאָרן?

איוואַן האָט אונדז אָפּגעשטעלט אויף אונדזער ברייטער, גראַמער גאַס.



די קראָם

גאָר אַן אַנדער וועלט עפנט זיך פאַר מיר אויף, ווי איך גיב נאָר אַ שטופּ די גרויסע טיר, וואָס צאַמט אָפּ די קראָם פון דער דירה.

אַ טיר, אין גאַנצן באַשלאָגן מיט בלעך. אַנשטאָט אַ הענטל — אַ גרויסער שליסל, וואָס בלייבט שטענדיק שטעקן אין דעם שלאָס. אין דער פינצטערער הינטער-קראָם, וואו איך פאַל צו-

ערשט אריין, שאַר איך זיך, ווי אַ בלינדע, ביי די ווענט. גראָבע געלע פּאַפּירן שורשען אונטער די פיס.

איינגעוויקלטע וואַנטזייגערס רוען דאָרט אויף דר'ערד, ביז מען הענגט זיי אויף אויף די ווענט. זיי „גייען" נישט, די זייגערס. זיי ליגן שטיל און שטום, ווי באַגראָבענע לעבעדיקערהייט.

אָבער די פאַרשטיקטע לופט פון דעם פינצטערן קאַמער איז ווי אָנגעשוואָלן פון די קולות, וואָס טראָגן זיך פון דער קראָם אַרויס.

די קולות שטופּן, קלאַפּן זיך אָפּ אָן דער הויכער, הילצערנער וואַנט. איך שטיי הינטער איר, ווי אין אַ תפיסה, און הער זיך צו, וועגן וואָס מען רעדט. איך וויל דערקענען, וועמענס שטימע רעדט. און אַז איך כאַפּ אויף דער מאַמעס קול, בין איך צופרידן.

אָבער שאַ! איז איר קול רואיק, געלאַסן, אָדער, חלילה, בייזערדיק?

דער מאַמעס קול האָט מיר געדאַרפט אָנזאָגן, צי זאָל איך אַריין אין קראָם, צי נישט.

איר הויכע שטימע שטופּט מיך אונטער. איך טאַפּ אָן דעם פאַרהאַנג פון דעם לעצטן טירל, וואָס פירט אין דער קראָם אַריין. עס גיט מיר גלייך אַ שווינדל אין קאָפּ פון שפּיגל און גלאָז. אין די אויערן פאַרדרייען זיך אַלע זייגערס. די קראָם בלישטשעט פון אַלע זייטן. זילבער און גאָלד בלענדט, ווי פייער, שלאָגט זיך אָפּ אין די שפּיגלען, בלאַנדזשעט אין דעם גלאָז פון די שופ־לאַדן. עס פאַרבלענדט מיר די אויגן.

צוויי גרויסע גאַז־לאָמפּן ברענען הויך אין באַלקן, זשומען אַזוי שטאַרק, ווי זיי וואָלטן קרעכצן פון ווייטיק. דאָס פייער שפּריצט פון זייערע געדיכטע נעץ־קעפּלעך, וואָס האַלטן קוים איין די פונקען.

צוויי הויכע ווענט, אין גאַנצן אויסגעלייגט פון קאָפּ ביז די פיס מיט גלעזערנע אַלמערס. די אַלמערס הויבן זיך ביזן באַלקן

און זיינען אַזוי פעסט אין אים איינגעמויערט, ווי זיי זאָלן וואַקסן אין באַלקן אַריין.

זייערע גלעזערנע טירן גליטשן זיך לייכט הין און צוריק. דורכן גלאָז קאָן מע געניי זען אַלע אויסגעשטעלטע זאַכן, כמעט זיי אָנטאַפּן מיט די הענט.

אויף די פּאָליצעס — בעכערס, קעלישקעס, צוקער־קעסטלעך, אונטערגלעזער, געפּלאָכטענע קערבלעך, מילך־און־וואַסער קריגלעך, פושקעלעך פאַר אתרוגים, פרוכט־וואַזעס. אַלץ שיינט און בלישטשעט, ווי ערשט אויסגעשייערט. גיב איך זיך נאָר אַ ריר פון אָרט, איז ווי אַ שפּיגל זאָל שטיין צווישן מיר און דעם אַלמער; לויפן מיר אַלע זאַכן נאָך. דאָס פייער פון דעם לאָמפּ, דאָס ליכט פון זילבער קרייצן זיך איבער. דאָ פאַר־זינקט דאָס זילבער אין אַ בליץ פון דעם לאָמפּ, דאָ שווימט עס ווידער אַרויס מיט אַ נאָך מער שרייענדיקן גלאַנץ.

ביי דער אַנדערער וואַנט — נאָך אַ גלעזערנער אַלמער. הינטער זיינע שויבן ליגן און שטייען זאַכן, שוין נישט פון זילבער, נאָר פון ווייס מעטאַל; איז זייער גלאַנץ פיל פּשוטער און שטילער.

אין מיטן פון דער קראָם, פון אַלע דריי זייטן, וואַקסן, ווי פון דער ערד אַרויס, דריי אינעווייניקסטע ווענט, לאַנגע טישן־שופלאָדן. זיי צאַמען אָפּ די קראָם אין צווייען. אויסגעלייגט מיט גלאָז, פול מיט גאָלד־זאַכן, בלישטשען זיי, ווי פאַרכישופטע אָרונס.

שטיינדלעך פון אַלערליי קאָלירן, איינגעפאַסטע אין גאָל־דענע רינגען, אוירינגלעך, בראָשקעס, בראַסלעטן — פלאַקערן דאָרט, ווי אָנגעצונדענע שוועבעלעך.

אין דעם לופטיקן פייער האָט מען אין גאַנצן נישט געקאָנט זען, אַז דער דיל איז טונקל.

אַפילו פון פאָרנט, צו די פיס פון די קונים, לויכטן דורכן גלאָז גאַנצע זילבערנע גאַרניטורן.

פלעגן די שוואַרצע שיך פון די קונדן אויך אָנהויבן צו בלישטשען און שפּיגלען מיטן זילבער אינאיינעם. די דריטע וואַנט טונקלט זיך אַפילו בייטאָג. אַ באַוואַקסענע מיט לאַנג־הענגענדיקע וואַנטזייגערס, זעט זי אויס ווי אַ וואַלד פון פינצטערעביימער. וואַנטזייגערס פון פאַרשיידענע פאַרמאַטן. גרויסע, גראָבע קאַסטנס מיט דיקע אויסגעצויגענע קייטן, וואָס האַלטן אונטער צוויי שווערע קופּער־געוויכטן.

אַנדערע וואַנטזייגערס זיינען שמעלער, דינער אין גוף. זייערע קייטן — גרינגער, באַוועגלעכער, מיט קלענערע געוויכטן פון אונטן. פון זייערע אַלעמענס בייכער שטעקן, ווי שווערדן, אַרויס שפּיציקע אומרוען. זיי האָבן טאַקע נישט קיין רו, דרייען זיך הין און קריק.

צווישן די גרויסע וואַנטזייגערס באַהאַלטן זיך קליינע און אַפילו גאָר פּיטשינקע, פון וועלכע מען זעט נאָר די ווייסע ציפערבלאַטן — זייערע רונדע לבנה־צורות. נישטאָ קיין היל־צערנער בייכל און זייערע געקייטלטע פּיסלעך ציען זיך אין דער לופטן, פאַר אַלעמען אין די אויגן, אַרויף און אַראָפּ. די גאַנצע וואַנט מיט זייגערס זיפצט און אָטעמט שווער. פון יעדן קאַסטן רייסן זיך אַרויס פאַרשטיקטע קרעכצן, ווי מען וואָלט יעדע רגע וועמען עס איז קוילענען אויף דער פינצטערער וואַנט.

מיט אַמאָל פאַרטרייסל איך זיך. איינער פון די שווערע זייגערס כאַפּט זיך אויף, און, ווי אַן אַלטער זקן, גיט ער אַזאַ קרעכץ, אַז איך גיב שנעל אַ קוק, צי האָט זיך נישט צעשאָטן זיין גוף.

שווער שלאָגט ער אויס זיינע שעהן. מיין האַרץ קלאַפּט זיך מיט זיינס צוזאַמען. און איך בין צופרידן, ווען דער מינוט־ווייזער רוקט זיך אַ ביסל אָפּ פון דעם שעהדיקן, אַז מען זאָל קאָנען איבערכאַפּן דעם אָטעם, ביז דער אַלטער גיט ווייטער אַ קרעכץ.

אַן אַנדער זייגער שנייצט זיך ווי אויס די נאָז, אָדער, ווי אַ

הייזעריקער, צערייסט ער זיך זיין האַלדז אין אַ געבערעקלטן געלעכטער.

די קליינע זייגערס, פאַרקערט, האָבן הויכע, דינע קולכעלעך. זיי שרייען, ווי קינדער, וואָס כאַפּן זיך אויף פון שרעק אין מיטן נאַכט.

זייגערס גייען, זיפצן, שאָקלען זיך גאַנצענע טעג און נעכט. ווען רוען זיי זיך אוים?

מיט אַמאָל שלאָגן עטלעכע זייגערס צוזאַמען אין איין צייט. טוען זיי עס מיר אויף צו־להכעיס, איך זאָל נישט קאָנען הערן ווי ווער עס שרייט?

איך דריי אוים מיין קאָפּ פון איין זייגער צום אַנדערן. איך ווער צעטומלט. איך דערהער קולות, וואָס טראָגן זיך, דוכט זיך, גלייך פון דער ערד אַרוים.

דאָס כאַפּן זיך אויף, ליגנדיק אויפן דיל אין די קאַרטאָנענע שאַכטלעך, די קליינע וועקערס. זיי וועקן אויף, די שרייענדיקע שקצים, די אַלטע וואַנטזייגערס.

איך לויף פאַרדרייען זיי די קעפּלעך, זיי זאָלן אויפהערן צו שרייען. אָבער איך בלייב שטיין אין מיטן וועג. מיין האַרץ צע־גייט זיך. אין דער לופטן הויבט זיך אויף אַ מילד געזאַנג. איך ווייס שוין, דאָס זינגט אַ שפּיל־קאַסטן. איך עפן שנעל אויף זיין דעקל. דאָס געזאַנג איז אַרויסגעפלויגן, ווי אַ פויגל פון זיין נעסט. אין דעם קאַסטן שפּרודלט אַ ים מיט דראָטעלעך, שפּרינג־לעך, רעדלעך. ווי כוואַליעס הויבן זיי זיך אויף פּיטשינקע מיל־שטיינער, שפּרינגען זיי אַריבער, לויפן גיך אַראָפּ, שווימען אין געזאַנג, ווי אין פליסנדיקע וואַסערן.

יעדעס שפּרינגל, יעדעס רעדל טונקט זיך איין אין אַ קלאַנג. זיי ציען דעם ניגון, ביז זיי כאַפּט נאָר אָטעם.

איך שטעל זיך גאָר נאָענט צום שפּיל־קאַסטן, ווי אים צו פאַרזיכערן, אַז עמעצער הערט זיך צו אים צו, נאָר ער זאָל נישט אויפהערן צו שפּילן.

אָבער מיט אַמאָל שטעלן זיך די רעדלעך אָפּ. איך מאַך

נישט צו דאָס דעקל. איך וואַרט. אפשר וועט זיך זיי פאַרוועלן נאָך אַ מאָל אַ זינג טאָן.

אַזאַ וואַרעמע וועלט האָט זיך אויפגעהויבן פון דער פינצטער און איז פאַרלאָפן איבער דער גאַנצער קראָם.

אַפילו די וואַנטזייגערס האָבן איינגעהאַלטן זייער אָטעם.

*   *   *

יעדע נאַכט, פאַרן שלאָף, גייט אַ ברודער געוואויר ווערן די קראָם. די עלטערן שיקן אים אַ קוק טאָן, צי איז אַלץ אין אָרדענונג, צי איז, חלילה, אַ גנב אַהין נישט אַריין. מיר ווילט זיך אויך אַ קוק טאָן, ווי שלאָפן דאָרט ביינאַכט די אַלע אויס־געשטעלטע זאַכן.

ווי עס גיט נאָר אַ קוויטש דער גרויסער שליסל פון דער בלעכענער טיר, ציטער איך אויף. איך האָב מורא אַהין אַריינ־צוגיין, אַפילו מיט דעם ברודער.

און ווי, אַז דאָרטן האָט זיך באַהאַלטן דער מלאך־המות מיט אַלע זיינע שדים?

אַ ביסל ליכט האָבן זיי דאָך. אַ קליין טיש־לעמפל ברענט דאָרט איבער דער נאַכט. דער קנויט איז איינגעדרייט. דער רויך פון דעם פאַרשטאָפּטן פייער פאַרשלעפּט אונדזערע אייגענע שאָטנס, פאַרדרייט זיי פאַר מיינע אויגן.

אַ רויכיקער שלייער פאַרדעקט אויך די וואַנט מיט זילבער. נאָר פון דאַ, פון דאָרט, עפנט זיך אויף, ווי אַ פאַרשלאָפן אויג — אַן אויסגעקריצטע בלום, גיט אַ פינקל, גיט זיך אַ שאָקל אַן אויפ־געשוואומענער אָרנאַמענט; מיט אַמאָל קייקלט זיך אַרויס, ווי אַ לבנה פון די וואָלקנס, אַ פולער גלאַנץ פון זילבער־שיין.

צו דער וואַנט מיט די זייגערס האָב איך מורא צוגיין נענטער: אויפגעהאַנגענע אויף שוואַרצע טשוועקעס ווי אייביקע געקרייצטע, הענגען זייגערס. ס'דוכט זיך, פון דאָרטן זיפצן אָפענע קברים. קוים רוקן זיך די זייגערס. זייערע אומרוען

שלעפֿן זיך, ווי הינקענדיקע. די ווייסע ציפּערבלאַטן מיט די שוואַרצע פֿינטעלעך ווינקען מיט זייערע אויסגעקראָכענע אויגן, ווי מתים.

פֿון דערוווייטנס הער איך זיך צו און העלף זיי זיפּצן. מיר דוכט זיך, זיי רופֿן מיך, זיי שטופּן זיך הינטער מיין רוקן. מיט אַ פֿאַרקוועטשטע האַרץ פֿאַרלאָז איך זיי.

איך דערזע אין שטוב, אין אונדזער עס-צימער, הענגט אויך אַ וואַנטזייגער, אָבער פֿאַרמויערט אין אַ הויכן געשניצטן אַלמער.

מען הערט נישט קלאַפּן זיין האַרץ, מען זעט נישט זיינע אויסגעצויגענע פּיס. שטום, אָן טעם, קלינגען זיינע שעהן.

שלח־מנות

אַ ווייסער שניי, אַ בלאַסע זון. מיטן פרימאָרגן איז אָנגעקומען פּורים. אַ דינער פראָסט האָט אויסגעקריצט אויף די שויבן ווייסע פערד מיט העלדישע רייטער. אַ ווינטל האָט געבלאָזן: ס'איז יום־טוב היינט!

איך און מיין ברודער אַבראַשקע זיינען געלאָפן אים אַנטקעגן. מיר האָבן געקראָגן פּורים־געלט. די קופּערנע מטבעות האָבן געקלונגען אין אונדזערע הענט.

מיר זיינען אַנטלאָפן אין די יאַטקעס — אין מאַרק. דאָרט איז שוין געווען לעבעדיק, ווי אויף אַ יאַריד.

אויף די אַלטע, צעבראָכענע טישלעך האָבן זיך צעלייגט, ווי אָן אָנגעבלאָזענער שניי, ווייסע צעלעכערטע טישטעכער. טישן — אָנגעגרייטע ווי אויף אַ חתונה. ווייבער, קינדער האָבן געטופּעט אַרום די טישן, ווי אין שול אויף הקפות. די טישן האָבן געבלענדט, ווי פאַרכישופטע.

אַ גאַנצע וועלט פון פאַרפאַרענע צוקערנע נפשות האָבן זיך אויף זיי אויסגעשאָטן. פערדלעך, שעפּסעלעך, פייגעלעך, ליאַלקעס אין וויגעלעך האָבן געוואונקען מיט זייערע רויט־געלע פינטעלעך, ווי זיי זאָלן אונדז וועלן ווייזן, אַז זיי אָטעמען נאָך, אַז זיי זיינען נאָך נישט אינגאַנצן געשטאָרבן. גאָלדענע פידעלעך זיינען ווי אַנטשלאָפן געוואָרן מיט זייער לעצטן ניגון. רייטנדיקע מרדכים און אחשורושן האָבן זיך ווי געהויבן אויף זייערע זאָטלען.

די קאַלטע זון האָט געוואָרפן פון צייט צו צייט אירע שטראַלן אויף די אַלע פאַרחלומטע שלח־מנות און קוים געוואַרעמט זייער איינגעגריבלטן צוקער.

איך און אַבראַשקע האָבן זיך געדרייט נאָענט אַרום די טישן, ווי מיר זאָלן וועלן מיט אונדזער אייגענעם אָטעם אָפּראַטעווען זיי, די פאַרפאַרענע צאַצקעס. מיר האָבן געוואָלט זיי אַלע

נעמען מיט זיך. דאָ, אויף דער גאַס, וועלן זיי דאָך פאַרפראָרן ווערן.

— קינדער, זאָל שוין זיין ווען־עס־איז אַ סוף! קלייבט אייך אוים אייערע שלח־מנות און גייט זיך געזונטערהייט אַהיים!

— האָט די פאַרפראָרענע קרעמערקע איבערגעריסן אונדזערע חלומות. אַזוי גרינג איז עס אויסצוקלייבן! דאָס האַרץ האָט אונדז געקלאַפּט. מיר האָבן געקוקט אויף די שלח־מנות, אפשר וועלן זיי אַליין אונדז זאָגן, ווער פון זיי וויל גיין מיט אונדז און ווער וויל איבערבלייבן.

ווי קאָן מען זיי אַרויסלאָזן פון די הענט? און וואָס נעמען? אַ גרעסערן, צי אַ קלענערן פערדל? מיין חברטע זלאַטקע וועט נאָך אַוודאי מיינען, אַז מיט דעם גרעסערן פערדל וויל איך זיך אַ באַרים טאָן פאַר איר. און דאָך וועט זי פון אים מער הנאה האָבן, ווי פון דעם קלענערן.

איך האָב געטאַפּט דאָס פערדעלע פון פאָרנט, פון רוקן.

— באַשקע, וואָס טוסטו? ס'איז דאָך אַ סכנת־נפשות אים אָנצורירן! — האָט מיך געררייצט מיין ברודער.

איך האָב איבערגעלאָזט דאָס פערדעלע, ווי אין שרעק, עס זאָל מיך נישט אַ בים טאָן.

די ציין האָבן זיך געקלאַפּט, צי פון קעלט, צי פון יצר־הרע, וואָס האָט אונטערגעזאָגט, אַז די אַלע פערדלעך און פידעלעך זיינען זיסער פון אַלע נאַשערייען און ס'וואָלט געווען גאָר גוט זיי צו צעקנאַקן אין מויל לעבעדיקערהייט.

— איר ווילט, וועל איך אייך אַוועקטראָגן אייערע שלח־מנות! — האָט זיך צו אונדז צוגערוקט אַ הויך, מאָגער אינגל.

— יאָ, אַוודאי, קום מיט אונדז!

זיינע קיילעכדיקע, אומעטיקע אויגן, אויגן פון אַן אָפּגעשלאָגענעם הונט, האָבן אונדז געשלעפּט נאָך זיך. און, ווי אַ הונט, איז ער אַוועקגעלאָפן פאָראויס.

— ווי הייסטו?

— פיניע.

— פיניע? עפּעס אַ מאָדנער נאָמען, גאָר ווי פון אַ פויגל.

— קענסט פייפן?

אין דער היים, האָבן מיר פאַנאַנדערגעלייגט אונדזערע שלח־מנות אויף צוויי טעלערלעך, איין טעלערל פאַר אבראַש־קען, דאָס צווייטע — פאַר מיר.

די צוקערנע חיהלעך האָבן ווי אָפּגעלעבט אין דער וואָרע־מער לופט. זייערע בעקעלעך האָבן אָנגעהויבן בלישטשען. אַ דערשראָקענע האָב איך געבלאָזן אויף זיי, זיי זאָלן נישט צעגיין פון היץ. מער וועט אונדז ניט פעלן, אַז די שלח־מנות זאָלן זיך צעשמעלצן, צעברעקלען אויף פיצלעך. נישט איין מאָל האָבן מיר געביטן די טעלערלעך, געקליבן, סאָרטירט די שלח־מנות. באַזונדערס האָב איך נישט געקאָנט אַרויסלאָזן פון דער האַנט דאָס זיסע פידעלע. עס האָט זיך געטוליעט, געגלעט אַרום מיינע פינגער, ווי אַרום אַ שפּיל־בויגן, גלייך ווי עס האָט געוואָלט צווישן מיינע פינגער אויסשפּילן אַ ניגון.

— און ווען איך שיק דאָס פידעלע אַוועק צו מיין חברטע, וועט עס שוין אַוודאי צו מיר צוריק ניט קומען, — גיט מיר אַ קוועטש דאָס האַרץ.

אָבער פיניע, דאָס אינגל, האָט געשאַרט מיט די פיס, גע־וואַרט אויף אונדזערע שלח־מנות. טרייסלענדיקערהייט, האָבן מיר אָנגעקוקט צום לעצטן מאָל אונדזערע טעלערלעך, זיי איינ־געוויקלט אין אַ באַזונדערן נאָזטיכל, צוזאַמענגעקליבן זייערע עקלעך.

— פיניע, דו זעסט, אָט זיינען אונדזער שלח־מנות. אָבער דו דאַרפסט נישט לויפן, דו הערסט? גיין בעסער פּאַמעלעך! דו זאָלסט זיך נאָך, חלילה, נישט אויסגליטשן אויפן נאָסן שניי מיט די טעלערלעך צוזאַמען. און טאַקע, קוק זיך ניט אַרום! מען קאָן דיך אַ שטופּ טאָן! וואָס, דו שלאָפסט? וואָס קוקסטו

אונדז אָן, ווי אַ פאַרחלומטער? — האָבן מיר געטרייסלט דאָס אינגל פאַר די פּלייצעס.

פּיניע האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט און זיך גלייך געלאָזט לויפן. די טעלערלעך האָבן זיך פאַרטרייסלט אין זיינע הענט.

— יאָג זיך נישט אַזוי, פּיניע! וואָס האָסטו נישט קיין צייט? וואָס שטופּסטו זיך? זע, האַלט שטאַרק אונטער די עקלעך פון די נאַזשיכלעך! — האָבן מיר אים נאָכגעשריען.

אוי, ער וועט אַוודאי אָנטאָן צרות, דאָס אינגל! ער האָט דאָך אַזעלכע לאַנגע פיס! אונדזערע שלח־מנות וועלן נאָך אַרויספאַלן איינע אויף די אַנדערע. און ווי, אַז אויפן וועג ברעקלט זיך אָפּ אַן אויערל ביי דעם פערדעלע, צי עס שפּרינגט אָפּ דאָס קעפּעלע ביי דעם אויסגעבויגענעם פידעלע?

וואָס וועלן מיינען אונדזערע הברים? מיר האָבן זיי געשיקט צעברעקלטע שלח־מנות?

— וואו ביסטו, פּיניע?

נאָר פּיניע איז ווי פאַרפאַלן געוואָרן.

אָט איצט, האָב איך געטראַכט, האָט זיך פּיניע פאַרדרייט אויף דעם געסל, וואו ס'האָט געוואוינט מיין חברטע זלאַטקע. עס האָט זיך אויפגעהויבן פון אינעווייניק די שוואַרצע קליאַמקע און הינטער דער טיר האָט זיך באַוויזן זלאַטקע, ווי זי וואָלט שוין געוואַרט אויף דעם אינגל.

— ביידע פאַר מיר? — האָט זלאַטקע אויסגעצויגן אירע ביידע הענט.

— ניין, אָט איז איערע! — האָט מסתמא שוין פּיניע צעמישט אונדזערע טעלערלעך.

זלאַטקע האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס טעלערל פון פּיניעס הענט און איז אַנטלאָפן צו זיך אין שלאָפצימער. פּיניע איז געבליבן שטיין.

אין קיך האָט זיך אַרומגעדרייט זלאַטקעס מאַמע. מיט אַ לאַנגן אייזערנעם גאָפּל האָט זי אויפגעהויבן אַ גרויסן שוואַרצן

טאָפּ און אים געשפּאַרט אין אויוון אַריין. ביי פּיניען האָט זיך אויסגעצויגן די צונג פון מויל. אים האָט זיך פאַרוואָלט עסן. ס'האָט אַזוי גוט געשמעקט פון דעם געבראָטענעם פלייש מיט בולבעס.

— זלאַטקע, וואָס דויערט עס ביי דיר אַזוי לאַנג? וואָס ביסטו דאָרטן אַנטשלאָפן געוואָרן! אַי, אַין וואָס קינדער קאָכן זיך! ציגענע התפעלות!

— וואָס שטייסטו, נאַר? — האָט זלאַטקעס מאַמע זיך אומגעקערט מיט אַ געשריי צו פּיניען. — פאַר די זעלביקע געלט קענסטו זיך דאָך אָוועקזעצן.

זלאַטקע איז אַ ביסל אַ דיקע, מיט קורצע פיסלעך און מיט אַ לאַנגן, שווערן צאָפּ אויפן רוקן. און גיין גייט זי אַלע מאָל אַזוי לאַנגזאַם, אַז מיר דערעסט אויף איר צו קוקן. אפילו אירע גרויסע אויגן בלייבן שטיין, ווי אויסגעשטערקטע אין מיטן צורה. ביז זי וועט ווערן פאַרטיק מיט די שלח־מנות, קאָן אפילו משיח קומען. מסתמא האָט זי דאָך אַרומגעקוקט מיין טעלערל פון אַלע זייטן, אָנגעטאַפּט דאָס פערדעלע און דאָס גאָלדענע שעפּסעלע. זי האָט זיי צוגעלייגט צו איר נאָז, צו אירע אויערן.

איר לאַנגער צאָפּ האָט זיך געדרייט אויף איר רוקן, ווי ער וואָלט איר העלפן טראַכטן. זי האָט גאָרנישט געקאָנט אָפּשטעלן זיך אויף וואָס עס איז.

— און אפשר פאַרווילט זיך זלאַטקען באַהאַלטן ביי זיך דאָס גאַנצע טעלערל?

— אָך, וואָס טראַכט איך אוים פאַר אַ בלבול? — פאַרשעם איך זיך. מסתמא איז זלאַטקע אַוועקגעלאָפן צום שופלאַד, וואו ס'זיינען באַהאַלטן אירע אייגענע שלח־מנות, פאַנאַנדערגעלייגט אירע פערדלעך, אירע שעפּסעלעך און אָנגעהויבן פאַרגלייכן מיט מיינע.

— זי האָט אַרויסגענומען פון מיין טעלערל מיין זיס פידעלע! — גיט זיך מיר אַ קלאַפּ אין האַרצן.

— און וואָס וועט זי מיר אָוועקלייגן אויף זיין אָרט?

— אַך, וואָס קומט נישט דאָס אינגל צוריק? ער איז, ווי אויף אייביק, פאַרפאַלן געוואָרן! — האָב איך אָנגעהויבן זיך נאָכצופרעגן ביי אַבראַשקען.

— ווי מיינסטו, פיניע איז שוין געווען ביי דיין חבר?

אָבער מיין ברודער האָט זיך גערייצט מיט מיר. ער האָט געמיינט, אַז ער, אַן עלטערער פון מיר און נאָך אַ אינגל, קאָן ער לאַכן פון מיר. האָט ער אויסגעשפּריצט מיט אַ געלעכטער.

זאָל ער לאַכן, פּאַזשאַלוסטאַ! איך האָב דאָך סיי־ווי געוואוסט, ער וואַרט אַליין אויף פיניען, ער חלשט אַ קוק טאָן, וואָס איז איבערגעבליבן אויף זיין טעלערל און וואָס פאַר אַ שלח־מנות האָט מען אים צוגעלייגט. פאַר וועמען באַרימט ער זיך? איך האָב דאָך געזען, ער קוקט אַלץ אין פענצטער, צי גייט ניט צוריק אונדזער פיניע.

— דו ווייסט, באַשקע, פיניע וועט מסתמא קומען צוריק נאָך אין אַ שה אַרום. דו ווייסט דאָך, מיין חבר מאָטקע וואוינט אויף יענער זייט טייך. און ביז דער פאַרחלומטער פיניע וועט אַריבערגיין די בריק, קאָנען מיר זיך אויסשלאָפן. ווי זאָל ער זיך נישט אָפּשטעלן אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אויפן טייך? אפשר האָט זיך שוין צעפּלאַצט דער אייז!

— און ווי וועט זיין, אַז אַבראַשקע איז גערעכט? — פּלאַץ איך אַליין פון עגמת־נפש.

— אויף פיניען קאָן מען אַלץ גלויבן. מער דאַרף ער נישט, ווי נאָך אויסקוקן דעם גאַנצן טייך! וועט ער דאָך אפילו צו דער סעודה אויך נישט קומען צוריק!

— נאַרישער קאָפּ, אין אַלץ גלויבסטו! דאָס האָב איך דאָך אויסגעטראַכט! — האָט זיך דער ברודער שוין געקייקלט פון געלעכטער.

מיט אַמאָל האָט ער מיך אַ שטופּ געטאָן אַן אַ זייט און איז

אראָפּגעשפּרונגען, ווי אַ קאַץ, אַלע טרעפּ וואָס האָבן געפירט אין קיך.

פּיניע האָט געקלאַפּט אין טיר.

— אַך, ממזרים, וואָס ליאַרעמט איר אַזוי? — האָט זיך אויף אונדז צעשריען די גראָבע קעכין. — פּוסטאָפּאַסניקעס, גאַנצענע טעג דרייען זיי זיך דאָ אַרום, לאָזן גאָרנישט טאָן. אַרויס פון קיך!

מיר האָבן פאַרשלעפּט פּיניען אין די צימערן. אַ קוק געטאָן פריער אין זיינע אויגן, דערנאָך אין טעלערל. מסתמא האָט ער שוין געזען, וואָס פאַר אַ שלח־מנות מען האָט אונדז איבער־געביטן.

— נו, אַוודאי איז נישטאָ מיין פידעלע! — זע איך אין פּיניעס אומעטיקע אויגן. כ'האָב פאַנאַנדערגעוואָרפן דאָס נאָז־טיכל פון מיין טעלערל.

— יאָ, זי האָט טאַקע צוגענומען דאָס שיינע פידעלע! איך האָב נישט מער קיין אַנדער פידעלע, און איך דאַרף גאָרנישט איר ליאַלקע, וואָס זי האָט מיר צוגעלייגט. איך האָב שוין צוויי אַזעלכע. אַבראַשקע האָט מיר זיינע אַוועקגעגעבן. און אויף דערויף האָט זי זיך געפּאַרקעט אַ גאַנצע שעה! — פון כעס ביים איך זיך די ליפּן.

— וואָס, ער לאַכט שוין ווידער, אַבראַשקע, און אַפילו דער נאַרישער פּיניע אויך. — כ'קאָן זיי ביידן נישט מער אַנזען.

אַבראַשקען איז גוט! ער קאָן זיין פריילעך! מאַטקע האָט אים צוגעלייגט אַ גרויסן פערד. פון התפעלות האָט אַבראַשקע געהירזשעט, ווי אַן אמתער פערד.

אַ פאַרוויינטע אַנטלויף איך אין קיך.

— וואָס האָסטו אַראָפּגעלאָזן די נאָז? — וואַרפט מיר אַריין די קעכין אין מיטן האַקן ציבעלע. — וואָס, דו האָסט געקראָגן אַ שלעכטע שלח־מנות? — קנאַקט זי אַלץ מיט איר לאַנגער

צונג, ווי זי זאָל מיט דער צונג האַקן ציבעלע, און באַשפּריצט מיך מיט נאַסע ברעקלעך.

— אויך אַ צרה! הלוואַי זאָלסטו נישט האָבן קיין גרעסערע עגמת־נפש ביז דיינע הונדערט און צוואַנציק יאָר! נאַרעלע, דו וועסט עס פאַרגעסן נאָך פאַר דיין חתונה!

צי פון די ציבעלעס, צי פון אירע ווערטער, האָבן זיך אויף אַן אמת צעוויינט מיינע אויגן.

— נאַ, נאַ דיר דיין קליינעם המן־טאַש, — האָט די קעכין מיר געשפּאַרט אין די הענט אַ צעפּלאַצטן פון היץ און פון אָנגעפּאַקטן מאָן, אַ דרייעקיקן המן־טאַש.

מיינע הענט זיינען גלייך געוואָרן נאַס און וואַרעם, ווי עמעצער וואָלט זיי אַ קוש געטאָן.

— זעסט, באַשוטקע, וואָס האָסטו געדאַרפט וויינען? — האָט מיך געמוטיקט מיט איר שמייכל סאַשע. — דו ווייסט, וואַרט אָפּ אַ וויילינקע, איך וועל זיך ספּראַווען מיט מיין אַרבעט, וועל איך זיך אַרויסכאַפּן אויף אַ רגע און איבערבייטן דיין ליאַלקע אויף אַ פידעלע.

— טייערע סאַשע!

כ'בין פאַרקראָכן אין די פאַלעס פון אירע קליידלעך, אָנגעפּאַקטע פון אונטן, ווי אַ גאַנצער קליידער־אַלמער, און געווישט די טרערן אַרום איר אַרבל.

— לאָז אָפּ, באַשוטקע, גיי אַוועק! לאָז מיך אַרבעטן! באַלד איז דאָך די סעודה! וואָס דרייסטו זיך אַרום מיר, „סומאַשעדשאַיאַ" ? — האָט זי מיך ווייך אָפּגעשטופּט.

* * *

אין דער פינצטערער הינטער־קראָם האָב איך זיך אָנגעשטויסן אָן אַ האַרטער זאַך.

— אָה, אַ געפּלאָכטן קערבל! אַוודאי זיינען עס דער מאַמעס שלח־מנות, אָנגעגרייטע פאַר אונדזערע פעטערס און מומעס.

און אנגעפּאַקט קערבל, פול מיט גוטע זאַכן! ווי שיקט עס זיי די מאַמע אַזוי גרינג אַוועק?

פלאַשן מיט רויטן און ווייסן וויין, בוטלען מיט זיסע משקאות, גרויסע באַרנעס, הילצערנע שאַכטלעך פול מיט צי־גאַרן, אָנגעלייגט איינע אויף די אַנדערע, ווי פאַרברענטע קלעצ־לעך; קעסטלעך מיט שפּראָטן, מיט סאַרדינען, און צווישן דאָס אַלץ האָט זיך געקרויטלט אַ נייער טישטוך מיט אויסגעפאַרבטע בלומען.

די מאַמע איז געווען פאַרנומען אין קראָם, ווי אַלע מאָל, און האָט מסתמא פאַרגעסן אויף אירע שלח־מנות.

— שוין זשע גיט זי גאַרנישט אַ טראַכט וועגן זיי? מען וועט דאָך באַלד אַוועקטראָגן דאָס קערבל! וואַרט זי גאַרנישט אויף די שלח־מנות, וואָס זי אַליין וועט קריגן?

איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, ווי מיין גוטע מומע ראָכע וועט זיך דערפרייען מיט דער מאַמעס מתנות.

— רבונו של עולם! אַזוי פיל גוטע זאַכן! און דאָס אַלץ פאַר מיר! אַך, אַלטע, דו וועסט דאָך מיר גאָר פאַרוויינען! — פאַרקוועטשט זיך פון פרייד דער מומעס שוואַך האַרץ. די מומע גיט אַ שמעק מיט דער נאָז, און ווי זי זאָל זיך גלייך פאַרשיכורן פון די אַלע גוטע גערוכן, פאַרמאַכט זי די אויגן.

— וואָס איז דאָס? — וועקט זי זיך אויף, ווי פון אַ חלום. אָנגעטאַפּט דעם טישטוך, אים אויפגעהויבן אין דער לופטן, אַ גלעט געטאָן, ווי זי וואָלט מאַכן אַ ברכה.

— אַ דאַנק דיר, אַלטינקע! זאָל גאָט פון הימל דיר שענקען פיל געזונטע און גליקלעכע יאָרן! ווי האָסטו עס אַזוי גוט גע־טראָפן? כ'האָב טאַקע געדאַרפט האָבן אַ נייעם טישטוך צו פסח, צו דערלאַנגען כיבוד פאַר אורחים.

מיט אַמאָל דוכט זיך דער מומען, אַז אַ פינטעלע שטויב איז אַנגעלאָפן אויף דעם נייעם טישטוך. בלאָזט זי אָפּ דאָס פינטעלע און אַ דערשראָקענע, אַז דער טישטוך קאָן זיך נאָך

פאַרשמוצן ביז פּסח, וויקלט זי פּאַרזיכטיק איין דעם טישטוך אין זיינע אויסגעפּרעסטע פאַלדן.

וויפיל קערבלעך מיט שלח-מנות האָבן זיך געטראָגן איבער די גאַסן פון איין הויז צום אַנדערן! וואָס איז אין זיי נישט געווען אַנגעלייגט! די אויסגעדאַרטע טרעגערינס האָבן זיי קויב אונטערגעהאַלטן.

* * *

— איטשקע אין דערהיים? — האָב איך מיט אַמאָל דער־הערט אַ פרעמדן קול פון קיך. אין טיר איז געשטאַנען אַן איינגע־וויקלטע אין אַ גרויסער פאַטשיילע, אַ קליינינקע, אַלטע אידענע. אין אירע הענט האָט זי געהאַלטן אַ געל פאַרצוקערטן פערדעלע, ווי זי זאָל האַלטן אַן עופהלע אין אירע אָרעמס.

— באַשינקע, גוט יום-טוב! — גיט זי מיר אַ שמייכל מיט אירע דינע ליפּן.

— איטשקע איז דאָ? אָט איז אַ שלח-מנות פאַר אים! — גיט זי אַ הויב דאָס פערדעלע. געוואָלט מיר ווייזן, ווי גרויס און שיין איר שלח-מנות איז.

דאָס פערדעלע האָט טאַקע אויסגעזען כמעט גרעסער און דיקער פון איר.

אַ מאָדנע אידינע! גלייך זי וואָלט ערשט אַרויס פון אַ משוגעים-הויז. איז זי אַמאָל געווען מיין ברודער איטשקעס אַן אַם? איצט, אַ הויכער און אַ גרויסער, — ווי האָט ער געקאָנט האָבן פאַר אַן אַם די קליינע אידענע?

דער ברודער האָט שוין יאָרן-לאַנג געלעבט אין אויסלאַנד, שטודירט אויף דאָקטאָר, אָבער די אַלטע אידענע פלעגט קומען יעדן פּורים ברענגען אים שלח-מנות.

די אויסגעטריקנטע אַם האָט אַלץ געטענהט — זי וויל אַ קוק טאָן אויף איר איטשקען.

די מאַמע האָט איר אַריינגעשפּאַרט אין האַנט אַ זילבערנע מטבע און שטילערהייט איר אָנגעזאָגט, גלייך זי וואָלט מורא

געהאַט זי איבערצושרעקן, אַז איטשקע איז נישטאָ אין דער היים, און זי קאָן אַוועקטראָגן מיט זיך איר פּערדעלע, דאָס שלח־מנות וועט צונויץ קומען איבער אַ יאָר, אם־ירצה־השם.

און טאַקע — דאָס פּערדעלע פּלעגט מיט יעדן יאָר ווערן אַלץ געלער און עלטער.

איינמאָל האָט די אידענע דאָך געטראָפן איטשקען אין דער היים. אָבער ווי זי האָט דערזען אין טיר אַן אויסגעוואַקסענעם בחור, האָט זי זיך אַזוי דערשראָקן, אַז זי איז אַרויסגעלאָפן פון קיך, ווי עמעצער וואָלט זיך נאָכיאָגן נאָך איר. אַפילו פאַרגעסן אים איבערגעבן דאָס פערדעלע.

קיינער האָט זי נישט פאַרהאַלטן. און פון דעמאָלט אָן איז זי שוין מער נישט געקומען צו אונדז.

* * *

די מאַמע האָט צעטיילט שלח־מנות צו די אָנגעשטעלטע פון שטוב, פון קראָם. צווישן אירע פינגער האָט עפּעס אַ בלישטש געטאָן. אַ פּאָר גאָלדענע אויערינגלעך און אַ רינג האָבן אַרויס־געשטעקט פון זיידענעם פּאַפּיר.

מתנות פאַר די דינסטן. צו יעדן יום־טוב קריגן זיי גאָלדענע זאַכן. זיינען זיי גליקלעך, וואָס זיי קלייבן אָן צירונג, כאָטש זיי האָבן קיינמאָל נישט חתונה געהאַט.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דעם בוכהאַלטער. אַלע מאָל אַ שטילער, אַ שווייגנדיקער, האָט ער זיך איצט צערעדט. זיינע וואָנצעם האָבן זיך געטרייסלט. זייע הענט האָבן געגלעט אַ נייעם זילבערנעם זייגער.

דער אָנגעשטעלטער חנא האָט שטיל געוויקלט אַ ווייס־זיידן טיכל, וואָס די מאַמע האָט אים געשענקט פאַר זיין יונגער פרוי.

די העלפערין ראָזע האָט, פאַרקערט, פאַרשריען די קראָם מיט איר התפעלות, זיך געדרייט אַרום דעם שפּיגל, באַרימט זיך פאַר אַלעמען מיט דעם שיינעם מעדאַליאָן, איר שלח־מנות. די

קאַסירשע האָט געקראָגן געלט. כאָטש גאַנצע טעג האָט זי גע־האַט צו טאָן מיט אַ פולער קאַסע געלט, האָט דאָס אייגענע געלט איר אויסגעפּעלט.

דער זייגערמאַכער האָט באַקומען אַ פּאָר פלאַשן ווײַן. זייגערס האָט ער דאָך געגנוג געהאַט אין זײַן טישקעסטל. אַלע־מענס פּנימער האָבן געשטראַלט, גלײַך ס׳וואָלט זיך צעשפּילט אַ חתונה אין מיטן קראָם.

— מאַכט צו די קראָם! מע דאַרף באַלד גיין צו דער סעודה! — האָט זיך אַריינגעריסן דעם טאַטנס קול אין גאַנצן טומל.

די מגילה

נאָך די גרויסע פרעסט גיט זיך דער ווינטער מיט אַמאָל אַ רוק צוריק. דער שניי פאַלט איין. דאָס אייז פאַרלירט זיין גלאַנץ. ווינטן לויפן אָן מיט נייע ווייטע ריחות און פאַרטרייבן די קעלט.

מיט די ווינטן שטופּט זיך צו דער פורים. ער קלאַפט אונדז אָן אין טיר.

איין אָוונט קומט אַריין און שטעלט זיך אַוועק אויפן שוועל פון קיך, ווי אַן איינגעמאַטערטער, ווייטער שליח, אַ הויכער דאַרער איד. זיין פנים — פאַרשאָטן מיט האָר. די שוואַרצע באָרד — פאַרפלאָנטערט. אירע געדיכטע קודלעם האָט, אַוודאי, קיין ווינט נישט געקאָנט דורכבלאָזן.

די פאות, ווי צעפלעך, ציען זיך פון אונטערן היטל, ביז זיי פאַלן אין באָרד אַריין. ברעמען געדיכטע, שטעכנדיקע, דעקן איבער, ווי מיט אַ שפּיציק דעכל, די טיף־איינגעפאַלענע קליינע אויגן.

אַ פאַרסאָפּעטער, בלייבט דער איד שטיין אין טיר.

זיין באָרד אָטעמט אָפּ מיט אים אינאיינעם. זיין גרויסע נאָז, אויסגעבויגן ווי אַ שופר, בלאָזט אויף די וואָנצעס, אויף דער באָרד, ווי זי וואָלט וועלן כאָטש אַ ביסל זיי אויסלופטערן.

— זע, רב לייב! — גיט זיך אַ קער צו אים די קעכין. — אוי, וויי איז מיר, און ביי מיר זיינען נאָך די המן־טאַשן אין אויוון! —

זי ווישט גיך אָפּ די הענט, רייסט פון זיך אַראָפּ דעם פעטן פאַרטוך און טוט אויף זיך אָן אַ פּרוּם, יום־טובדיק פּנים.

אין טיר איז געשטאַנען ניט קיין אָרעמאַן, וואָס קומט נאָך אַ נדבה — רב לייב אַליין, דער בעל־מגילה, איז אַריין אין קיך.

יעדן פּורים קומט ער אונדז לייענען די מגילה אין שטוב. דאָס הייסט, פאַר דער מאַמען און פאַר מיר מיט דער קעכין. די קראַם איז דאָך אָפן, האָט די מאַמע נישט קיין צייט גיין הערן די מגילה אין שול.

— וואָס שטייט איר אין טיר, רב לייב? —

חוה איז גליקלעך, וואָס זי קאָן איבערכאַפּן אַ וואָרט מיט אַ פרומען אידן און זיך ווייזן פאַר אים, אַז זי איז אויך אַ פרומע.

— גייט אַריין! די באַלעבאָסטע וואָרט שוין טאַקע אויף אייך. נו, גאָט צו דאַנקען, דערלעבט פּורים! הלוואי, וואָלט דער אויבערשטער יעדן יאָר טאָן אַ נס, וואָלט ער אַזוי אונדז מציל זיין פון אַלע אונדזערע יסורים! — גיט זי פּלוצים אַ כליפּ.

דער איד, אַ פאַרשעמטער, פינטלט מיט די אויגן.

אפשר האָט ער פאַרשפּעטיקט?

חוה באַלעבט זיך נאָך מער. אויף איין רגע דוכט זיך איר אוים — דער איד איז געקומען צוליב איר, דערציילן איר אַ לאַנגע, גוטע מעשה.

— זעצט זיך צו, רב לייב! די גאַנצע צייט אויף די פיס. מע איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש... — רוקט זי אים צו אַ בענקל.

אירע אייגענע פיס זיינען שטענדיק אָנגעשוואָלן, טראַכט זי נאָר ווי זיך אָוועקצוזעצן.

דער איד בלייבט שטיין, ווי נישט אים האָט זי געמיינט. ער קוקט אפילו נישט אויף איר.

די אויגן אַראָפּגעלאָזט, האָט ער פאַרכאַפּט אין מויל אַ האָרעלע פון דער באָרד און קייט עס.

זיינע לאַנגע דאַרע פיס האָבן זיך אונטערגעבויגן. שטייט

דער איד, אָנגעשפּאַרט אויף זיי, ווי אויף אַ שטעקן. אַ גאַנץ יאָר זעט מען אים נישט. ערב־פּורים זעט ער אוים אַזוי אויסגע־מאַטערט, אַז ס׳דוכט זיך, פון פּורים צו פּורים האַלט ער אין איין שפּאַנען איבער דער וועלט.

צי דערציילט ער אַלעמען דעם נס־פּורים, צי זוכט ער אוים נייע נסים כדי צו קאָנען אונדז דערציילן זיי מיט דער מגילה אינאיינעם?

דער איד גיט אַ נעם אַ שמעק טאַבאַק, פּאַרהוסט זיך, שלעפּט אַרוים זיין גרוים רויט נאָזטיכל פון דער קעשענע, טוט אַ וויש דאָס מויל, און ווי ער וואָלט אים אָפּשליסן, נעמט ער אים ענדלעך פּאַנאַנדער.

— קיין עין־הרע, באַשענקע, — גיט ער צו מיר אַ וואונק, — פאַר דעם יאָר ביסטו היפּש אויסגעוואַקסן! האָסט דיין קאַלע־קאַטקע? היי־יאָר וועסטו שוין האָבן כוח גאַנץ אַליין פאַרשרייען המנען, אַ? —

מיט יעדן וואָרט שפּרינגען אונטער זיינע וואָנצעס און לאַנגע געלע ציין שטעקן אַרוים פון זיין מויל, ווי געלע ביינדלעך פון אַן אַלטן קלאַוויר.

איך לויף צו דער מאַמען אין קראָם אַריין.

— מאַמע, מאַמע, קום גיכער, דער איד איז געקומען אונדז לייענען די מגילה!

— טאַקע? ס׳איז שוין אַזוי שפּעט?

זי לאָזט תיכף איבער דעם גאַנצן האַק און פּאַק פון קראָם.

— קינדער, איר וועט דאָ אויפפּאַסן אויף די פאַנאַנדער־געוואָרפענע סחורה! כ׳קום באַלד צוריק. חנא, זע, לאָז נישט אַרוים קיין קונד פון קראָם, דו הערסט? — וואַרפט זי אין איילע־ניש צו די אָנגעשטעלטע און גייט גיך אַרוים.

איך לויף איר נאָך.

— מאַמע, ווייסט נישט, וואו איז די קאַלעקאַטקע? דער איד בעט זי. כ׳דאַרף פאַרשרייען המנען!

— אי, לאז צורו! אלעמאל שטייסטו צו מיט קשיות. ס'נישט האבן די קאלעקאטקע, וועסטו טופען מיט די פיס.

דער איד, ווי ער דערזעט די מאמע, גיט זיך א רוק פון ארט.

— גוטן אוונט, גוטן אוונט, אלטע! — צעשאקלט זיך זיין קאפ.

— גוטן אוונט, גוטן אוונט, גייט אריין, רב לייב! ס'איז דאך, אוודאי, שפעט? אין שול האט מען שוין אפגעלייענט, א?

אנשטאט אן ענטפער, גיט ער שעמעוודיק א שמייכל אין בארד אריין און גייט דורך פארביי אונדז מיט צעקרימטע פלייצעס, חס־ושלום אונדז נישט אנצורירן.

נאר דורכגעגאנגען, האט ער זיך א לאז געטאן מיט גרויסע טריט איבער דער שטוב, ווי איבער די גאסן.

— באשענקע, אט איז דיר דיין קאלעקאטקע! — סאפעט מיר חוה אין אויער און שפארט מיר אין האנט אריין א הילצער־נעם המן־קלאפער.

— ס'איז דאך א פאראיאריקער. עס טויג נישט. ער קלאפט נישט מער!

— זאלן אלע מיינע שונאים קריגן אזעלכע קלעפ, ווי דו קאנסט מיט אים פארשרייען המנען! שא, ס'ט זען, ר' לייב וועט דיר דאס זעלבע זאגן.

דער איד האט זיך אפגעשטעלט ביים ספרים־אלמער. ער עפנט ברייט פאנאנדער זיינע ביידע טירן און שטעקט אהין אריין זיין האנט — לאנג, ווי א לאפעטע. נישט קוקנדיק, טאפט ער אן, ערגעץ־וואו אין א ווינקל, די מגילה וואס ער האט פאראיארן דארט פארשטעקט.

דער שטילער ספרים־אלמער טוט זיך א שאקל. עטלעכע ספרים צעווארפן זיך אן א זייט. ווי פון כעס, הויבט זיך פון זיי אויף א ווינטל שטויב.

ר' לייב גיט א כאפ די מגילה און טראגט זי, ווי אן אוצר. דאס ווייס זיידענע מגילה־מענטעלע, זיינע אויסגענייטע גילדענע

אותיות, זיינע קרוינען־קעפּלעך וואַרפן אָפּ אַ זונען־שיין אויף דעם אידנס שוואַרצן פּנים.

אַפילו זיין באָרד ווערט דורכזיכטיק.

אַן אויפגעלעבטער, אַ פריילעכער, גייט ער צום טיש. אויף אונדז גיט ער אַפילו נישט אַ קוק.

ער נעמט אַראָפּ זיין היטל. די שוואַרץ־סאַמעטענע יאַר־מעלקע גיט אים צו נאָך מער גלאַנץ. אויף זיינע פּלייצעס לייגט זיך אוים, ווי אַ פּאָר ווייסע פליגלען, זיין קורצער טלית.

— שאַ! — גיט ער אַ קלאַפּ מיטן האַנט.

ער מיינט, אַוודאי, ער איז אַרויף אויף דער בינע פון אַן אָנגעפּאַקטער שול.

— שאַ! — נאָך אַמאָל אַ קלאַפּ געטאָן איבערן טיש, כאָטש מיר אַלע דריי שטייען שטיל.

ער קלייבט זיך אָן מיט כוחות. ער האָט זיך אַ בוק געטאָן צו דער מגילה. זי אַ קוש געגעבן, אַראָפּגענומען איר מענטעלע. און ווי שמשון־הגיבור, וואָס שטופּט פאַנאַנדער די טויערן, שפּאַרט ער זיך אָן אָן די ענטעלעך פון דער מגילה און וויקלט זי פאַנאַנדער.

פון דעם געלן, ברייט־אויסגעשפּרייטן פּאַרמעט גיט אַ בלאָז אַן אַלטער ריח.

אַ בערגל שוואַרצע שורות, אויסגעמאָסטענע אין גלייכע רייען ווי טרעפּ, גיט זיך אַ שטעל אויפן טיש.

דער איד גיט אַ הויב דעם קאָפּ, ציט אוים אין דער הויך זיין געגדזענעם האַלדז.

— האַ - האַ! אַה! - אַה! — גאָרגלט ער און לופטערט דורך זיין קול.

דער ענגלאָמפּ האָט אים אַ לייכט געטאָן אין צורה. דער איד טוט אַ קוק אויפן פייער, ווי ער וואָלט זיך אַנגעמען מיטן ברען פון לאָמפּ, צעפלאַמט זיך זיין פּנים. אַ שאָקל אין איין

זיט, אין דער אַנדערער, און מיט אַ ניגון הויך אויפן קול, זינגט ער אוים די ערשטע ברכות פון דער מגילה.

מיר אַלע, זאַלבעדריט, הזרן זיי איבער אויפן קול.

דער איד, איינמאָל אויפגעציטערט, שטעלט זיך שוין מער נישט אָפּ. צוגעשפּאַנט צום טיש, אַנגעשפּאַרט אָן דער מגילה, שאָקלט ער זיך, ווי אַן אונטערגעשטופּטער.

דער האַרטער פּאַרמעט שורשעט אין זיינע הענט.

עס ווערט אַ געריש אַרום אים.

עס דוכט זיך מיר, דער גאַנצער באַרג מיט די מגילה־שורות האָט זיך אַ רוק געטאָן פון אָרט און זיי פּאַרדרייען זיך, ווי אין אַ ראָד.

אָט נידערט פון זיין שלאָס דער מלך אחשורוש. אַ גאַנצע מחנה זעלנער שטופּט זיך נאָך אים, רייטן אויף די שורות אַרויף, צעטרעטן די אותיות, ווי שטיינדלעך אונטער די פים.

דער איד איילט זיך, לייענט גיך. מיט איין אָטעם פאַר־כאַפּט ער אין זיין מויל אַ גאַנצע קופּע ווערטער, ווי עס וואָלטן זיך יאָגן נאָך אים אחשורוש מיט די זעלנער. אַ וואָרט—אַ טראָט.

דער איד קנייטשט די בויגנס, פאַרשלעפּט די שורות און וואַרפט זיי הויך אַרויף אויף זיין ציטערדיקן קול. יעדע שורה ציט זיך מיט דעם ניגון, ווי אויף אַ שנירל אַרויף. דאָ פאַרשלעפּט דער איד אים אין דער הויך, דאָרטן גיט ער אים אַ טרייסל און אַן אויסגעקרייזלטן פירט ער אים צוריק. גיט ווייטער אַ שלונג אַ פּאָר שורות און ווייטער דער זעלבער ניגון שלעפּט זיי אַרויף און אַראָפּ. פאַרשלייערט ער די גאַנצע מגילה, ווי אין אַ ציטערנדיקן וואָלקן.

בלויז פון צייט צו צייט גיט דער איד אַ קוועטש זיין קול, ווי עס וואָלט אים געלינגען אַ שטופּ טאָן אחשורושן אַליין.

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם הערן מיר זיך צו. איך סטאַרע זיך דערקענען, וואו פאָרט פאַרביי דער מלך און ווען קומט אָן מרדכי אויף זיין ווייסן פערד.

די מאַמע האַלט איר טייטש-חומש אין האַנט, און ווי זי וואַלט פאַרהערן דעם אידן, שאָקלט זי אַלץ צו מיטן קאָפּ. די קעכין, חוה, פאַררוקט אין דער טיר, זיפצט און קנאַקט אויס אירע פינגער.

— אַלץ איז אמת, וואָס דער איד זאָגט, אַלץ אמת! — שעפּטשען אירע ליפּן.

איך קוק דעם אידן אין מויל אַריין. איך קאָן זיך נישט נאָכיאָגן נאָך זיין טרייסלענדיקער צונג, וואָס קלאַפּט זיך אָפּ, ווי אַ העמערל, אָן זיינע ציין. איך קאָן נישט אָנכאַפּן דאָס אָרט, וואו דער איד האַלט.

אָט איז ער אויף ד ע ר זייט בלאַט, און אָט — וויקלט זיך שוין דאָס בלאַט איין און דעם אידנס אויגן שפּרינגען שוין אויף אַן אַנדער בלאַט אַרויף.

איך קאָן זיך נישט דערוואַרטן, ווען קומט שוין אָן המן! הלילה אים נישט פאַרפעלן! איך אַליין דאַרף דאָך אים פאַר־שרייען!

די קאַלעקאַטקע שוויצט אין מיינע הענט. גאָט ווייסט, צי זי וועט זיך נאָך אַ טרייסל טאָן.

איך שטעל זיך נעענטער צו דער מגילה. כ'טאַפּ אָן אירע זילבערנע הענטעלעך. זיי צאַמען אָפּ דעם געלן פאַרמעט, ווי מיט צוויי גרויסע זיילן.

אָט אַזעלכע זיילן — טראַכט איך — שטייען אַוודאי ביי דעם אַריינגאַנג פון דעם מלכס שלאָס. זיי וועלן אויפלויכטן דעם וועג אסתרן. אָט, באַלד וועט זי אַרויסגיין אין איר לאַנג קלייד און מיט אירע לאַנגע גאָלדענע האָר. אָט ווערן טאַקע די שורות שיטערער. עס לויכט אויף אַ גראָמער פלאַץ. אָט שטראַלט אויף איר פּנים...

מיט אַמאָל גיט מיך דער איד אַ שטופּ.

אַוודאי וויל ער מיך אָפּשטופּן פונעם וועג פון דער מלכּה. גיב איך אויף אים בייז אַ קוק.

אַבער זיין האַלדז איז פאַרריסן ביז דעם סאַמע באַלקן. ווי א דונער האָט אַ טראַסק געטאָן זיין קול:

— המן, המן בן המדתא! —

די מאַמע מיט חוהן טופּען מיט די פּיס.

דווקא איצט האָב איך זיך געדאַרפט פאַרחלומען מיט מיין אסתר! קוים געהאַט צייט אַ טרייסל טאָן דעם המן־קלאַפּער.

פון כעס גיב איך אים אַ קלאַפּ איבערן טיש.

דער איד כאַפּט איבער דעם אָטעם און טוט זיך ווייטער אַ לאָז איבער דער מגילה.

איך לאָז אים נישט מער אַרויס פון די אויגן.

— המן! המן! — ווינקט מיר דער איד צו מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט וועלן מיר ווייזן, אַז אָט איז המן אַרויסגעלאָפן פון דער מגילה, איך זאָל אים שלאָגן, אים הרגענען אויפן אָרט.

איך קלאַפּ מיטן המן־קלאַפּער איבערן טיש, איך טופּע מיט די פּיס, איך שריי אונטער. אויב המן גנבעט זיך פון מיר אַרויס, זאָל אים כאַפּן די מאַמע, צי חוה.

— המן! המן! — שרייט שוין דער איד אויף יעדע רגע, ווי נישט נאָר איין המן, נאָר טויזנט המנס זיינען אַרויסגעקראָכן פון דער מגילה. עס ווערט מוראדיק פון אונדזערע קולות.

דער איד וויקלט די מגילה מיט ליאַרעם. עס קרעכצט אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט.

שוין זשע, וועלן מיר אים נישט דערהרגענען, דעם המן! שוין זשע וועט ער אונדז דערשטעכן מיט זיין אויפגעהויבענער שווערד?

וואו ביסטו, אסתר? קום שוין צו גיין! באַווייז דיין נס!

און טאַקע, דער איד הערט אויף צו שרייען, הערט אויף צו שאָקלען זיך, ווי עס וואָלט אים אַ שיין געטאָן אסתר אויף דעם ניי־אויסגעוויקלטן מגילה־בלאַט.

ער שטילט איין זיין קול, רינגלט אַרום דעם ניגון, ווי מיט

צאַרטע קווייטעלעך און בוקט, בוקט זיך, ווי ער וואָלט געוואָלט אַ גלעט טאָן אסתרס ריינע קלייד.

— מאַמע, גאָט צו דאַנקען, אסתר איז שוין דאָ ! — פליסטער איך דער מאַמען.

ביי אַלעמען איז אָפּגעגאַנגען דאָס האַרץ. די מאַמע גיט אַ זיפץ. ביי דער קעכין זיינען די אויגן אויפגעהויבן אין דער הויך, ווי זי זאָל לויבן גאָט, וואָס ער האָט געוויזן זיין חסד אין דער צייט.

און אונטער דעם אידנס ניגון גייט אסתר פון די שיטערע שורות, די טרעפּ אַראָפּ. איר לאַנגער שלעפּ פינקלט, ציט זיך אוים אויף דעם ליידיקן אָרט, וואו ס'איז נישטאָ קיין איינציק אות, נאָר ווייסע פּאַסן לויכטן, ווי עס וואָלטן זיך שוין אָנגעצונדן אויף דער מגילה ווייסע ליכטעלעך צוליב דעם יום-טוב !

— אמן ! אמן ! — זינגען מיר אוים אינאיינעם מיט דעם אידן.

אויסגערונען דער ניגון, איז דער איד ווי שטום געוואָרן. זיינע הענט זיינען געבליבן ליגן אויף דער מגילה.

איך שטיי און וואַרט, אפשר וועט נאָך וואָס אַרוים פון זיין פאַרמאַכטן מויל, פון זיין מיט אַמאָל פאַרשוואַרצטער באָרד. אָבער עס איז שטיל געוואָרן, ווי עפּעס וואָלט אָפּגעשטאָרבן.

דער איד גיט שטיל אַ קוש די מגילה אין אירע ביידע זייטן, ווי אין באַקן, און רוקט פעסט צונויף אירע הענטעלעך.

די מגילה ווערט אָן אַלטינקע, אָן אויסגעדאַרטע.

דער איד טראָגט זי אַוועק צו דעם ספרים-אַלמער.

מיר באַגלייטן זי מיט די אויגן. מיר וועלן זי דאָך נישט זען אַ גאַנץ יאָר.

צוריק פון דעם אַלמער, שטעלט זיך דער איד מיט אַמאָל אָפּ און גיט אויף אונדז אַ קוק מיט גרויסע אויגן :

— שוין זשע נאָר מיר דריי האָבן אים געהערט?

אים האָט זיך געדוכט, ער האָט געלייענט פאַר דער גאַנצער וועלט.

פורים־שפּילער

דעם גאַנצן טאָג פּורים האָט זיך געטומלט אין שטוב. ביז דער סאַמע סעודה האָט מען נישט אויפגעהערט צו פּאַקן און טראָגן שלח־מנות.

דאָ לייגט מען אָן אַ קערבל מיט גוטע זאַכן; דאָ וויקלט מען אויס, וואָס קרובים האָבן צוגעשיקט.

די אַלטע טרעגערקע גייט אויס פון אירע כוחות.

— איר וועט מיר גלויבן, עס האָבן זיך שוין ביי מיר אָפּ־גענומען העגט אין פּיס!

זי שטעלט אַוועק מיט אַ טיפן זיפץ דאָס מיטגעבראַכטע קערבל אויפן טיש, גיט אַ קנאַק די פינגער און זעצט זיך צו.

— דוואָשע, דו וועסט זיך אויסרוען אַ גאַנץ יאָר, — זאָגט די קעכין. — גיי, ס'איז דאָ נאָך אַ קערבל אַוועקצוטראָגן, אָבער גיכער, ס'איז דאָך באַלד די סעודה! — לאָזט די קעכין נישט איבערכאַפּן דעם אָטעם.

אין עס־צימער צינדט מען שוין אָן דעם לאָמפּ. מע טראָגט אַריין דעם סאַמאָוואַר, וואָס בלישטשעט און קאָכט מער ווי אַלע מאָל.

צוגעמאַכט די קראָם, לויפט די מאַמע אין שטוב אַריין.

— וואו איז דוואָשע? — דערמאָנט זי זיך מיט אַמאָל. — ס'ט אַלעמען אַוועקגעטראָגן די שלח־מנות? און דער מומע

ציפע? און מיין עלטערער שוועגערין אויך אוועקגעשיקט? געדענקסטו, וואָס פאַר אַ פסק מיר האָבן געהאַט פון איר פּאַראַ־יאָרן? דערמאָן זיך, ס'ט קיינעם נישט פאַרגעסן? —

די אַלטע טרעגערין, יעדן יאָר די זעלבע, האָט שוין געקאָנט אויף אויסנווייניק דער מאַמעס קרובים.

— מיט גאָטס הילף, אַלטע, אַלעמען אוועקגעטראָגן. אַלע זיינען געווען זייער צופרידן מיט אייערע שלח־מנות און אָנגע־ווינטשט אייך נאָך מער, ווי זיי האָבן אַגעלייגט אין די קערבלעך!

— נו, גוט, דוואַשע! נאַ, אָט איז דיר דיין שלח־מנות. האָב אַ גוטן יום־טוב! — שפּאַרט איר די מאַמע עטלעכע מטבעות אין האַנט אַריין.

— אַ דאַנק, אַלטינקע! האָט אייך אַלע אַ גוטן און אַ פריי־לעכן יום־טוב. מיר זאָלן דערלעבן אין געזונט און הצלחה איבער אַ יאָר פורים, אם ירצה השם!

דער טאַטע זיצט ביים טיש אין זיין זיידענער קאַפּאָטע. די באָרד אויסגעבאַרשט. יעדעס האָרעלע צעבלאָזן. ס'פּנים לויכט אונטער דעם שפּריצנדיקן הענגלאָמפּ־פייער.

פונעם פלאַם צעלויפן זיך איבער דעם טישטוך קייקעלעך ליכט. וואו נאָר זיי גיבן אַ שפּרונג, צינדט זיך אָן אַ שטיקל טיש.

אָן אַ זייט צעברענען זיך דער מאַמעס הויכע ליכט. דער יום־טובדיקער טיש גרייט זיך צו דער סעודה.

עס גייט אַריין אין שטוב דער שמש. ס'גייט אַריין דער גבאי פון שול, דער שכן פון הויף. זיי קומען זאָגן דעם טאַטן אַ גוט יום־טוב. דער טאַטע רופט זיי אַלעמען צום טיש:

— זעצט זיך צו, ר' אפרים! זעצט זיך צו, ר' דוד! ביז דער סעודה, נעמט דערווייל אַ גלעזל טיי!

זיצן זיי און טרינקען טיי, ווי זיי וואָלטן געטרונקען וויין. מיט יעדן גלאָז ווערן זיי לעבעדיקער און נאָך יעדן גלעזל צעגייען זיי זיך פון היץ און פאַרגעניגן.

אויפן טיש, לעבן דעם טאַטן, ליגט צוגעגרייט אַ בערגל זילבערנע און קופּערנע מטבעות. פאַר יעדן אָרעמאַן, וואָס גייט אין שטוב אַריין, שאַרט דער טאַטע אַן אַ הויפטל קליינגעלט.

— אַ פרייליכן יום־טוב אייך, ר׳ שמואל־נח! . אַ גוטן יום־טוב, באַלעבאָסטע! — שאָקלט איטלעכער באַזונדער מיטן קאָפּ.

די טיר מאַכט זיך נישט צו. ס׳דוכט זיך, מיר זיצן אויפן גאַס און פאַרביי אונדז גייען דורך מענטשן. די גאַנצע שטאָט מיט אָרעמע לייט גייען דורך די שטוב.

אָט שטעלט זיך אַנידער לעבן טאַטן אַ הויכער איד מיט אַ שוואַרצער באָרד. מיין איך, עס איז געקומען דער מלך אחשורוש אַליין; באַלד וועלן אַלע אויפשטיין, אַפילו דער טאַטע, און אים לאָזן דעם אויבן־אָן.

אָבער דער איד גייט זיך אַוועק, גאָרנישט ווי אַ מלך, נאָר מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

די קופּקע געלט ווערט אַלץ מאַגערער. ווער דאַרף נאָך קומען? אויף וועמען וואַרט דער טאַטע?

פלוצים ציטערן אויף די גלעזער אויפן טיש. עס דערהערט זיך אַ געראַויש פון קיך, ווי מען וואָלט זיך דאָרטן שלאָגן, ווי טעלער מיט געשיר וואָלטן זיך דאָרטן צעפאַלן אויפן דיל.

אַ שטופּעריי, אַ געלעכטער. עס טופּען פיס. מע פייפט. מע לאַכט.

דער טאַטע מיט די אורחים קוקן זיך איבער.

— דאָס זיינען אַוודאי פּורים־שפּילער! — שעפּטשעט דער שמש.

די טיר פראַלט זיך מיט אַ ליאַרעם פאַנאַנדער און עס פאַלט אַריין אַ גאַנצע חברה. הויכע, קליינע, דיקע, דאַרע. ס׳האָט זיך געדוכט, זיי שטופּן זיך נישט נאָר אין דער טיר, זיי קריכן פון די ווענט אַרויס, פון יעדן ווינקל, זיי האָבן אויפגעריסן אַלע טירן און פענצטער.

פון אומעטום שטעקן מענטשן ארויס. ביי איינעם א מורא־דיקע נאָז, ביים אַנדערן אַ פּאָר געשוואָלענע באַקן. אַ קאָפּ, ווי אַ בלוי צוקער־היטל... און פּיס זעט מען נישט...

וואו זיינען זייערע פּיס? זיי שטייען גאָר נישט אין אויף איין אָרט. איינער קריכט אויף דעם צווייטן אַרויף. גיט אים אַ זעץ אָן אַ זייט, שטעלט אים אונטער אַ פּיסל, פאַלט אַליין אַנידער, פאַרשלעפּט מיט זיך דעם אַנדערן, און ביידע קוליען זיך איבער. מע צעגייט פון געלעכטער.

— שאַ! — קריכט אַרויס פון דעם הו־האַ אַ הויכער איד מיט אַ רויטער קאַרטאָנענער נאָז, וואָס ער האַלט אין האַנט און וויל זי צוקלעפּן צו זיין צורה.

אַוודאי, זיין אייגענע נאָז איז נאָך מיאוסער, וואָס ער באַהאַלט זי!

— גוט יום־טוב, יהודים! גוט יום־טוב, באַלעבאַטים! אָט גייט דער פריילעכער פּורים, די רויטע נאָז! — פייפט ער מיט אַמאָל אויס פון זיינע גרויסע נאָזלעכער. דער טאַטע מיט די אורחים שאָקלען צו מיטן קאָפּ.

— גוט יום־טוב!... — חזרן איבער אַלע פּורים־שפּילער מיט אַ ניגון אויפן קול. די רויטע נאָז צעהיצט זיך.

— חברה קלעזמער! — קאָמאַנדעוועט ער. — וואָס האָט איר זיך אָפּגעשטעלט? לאָמיר אַלע הוליען, טאַנצן! — און ער הויבט אָן דער ערשטער זינגען, טופּען מיט די פּיס, פּליעסקען מיט די הענט. זיינע שטיוול קלאַפּן, ווי אַ האַמער, אָן דעם דיל.

זיי אַלע דרייען זיך איבערן צימער. יעדערער ווערט ווי שיכור, פאַלט פון די פּיס, קוליעט זיך איבער אויפן קאָפּ. יעדערער וויל זיך אויסצייכענען, באַווייזן וואָס מער קונץ.

— וואו ביסטו, מענדל באַראַבאַן! — שרייט אַלעמען איבער אַ הויך קול.

רוקט זיך אַרויס אַ גראָב־אָנגעשטאָפּטער באַראַבאַן. ווי אָן

פיס איז ער. הינטער אים שפּרינגען אונטער נישט זיינע פיס, אַ לאַנגע האַנט ציט זיך אַרויס פון אַ זייט און גיט אַ קלאַפּ דעם באַראַבאַן אין בויך; פון הינטער זיינע אויערן קריכן אַרויס אַ פּאָר מעשענע טעצלעך און צעטראַסקען זיך איבער זיין קאָפּ, ווי זיי וואָלטן אים פּאַטשן אין די באַקן.

— דאָ — גיט אַ פּאַמפּ אַ טרובע, דאָ — בלאָזט אויס אַ שופר, דאָ — טוט אַ סוויסטש אַ פייפל, שיסט אין זיי אַלעמען אויס.

זיי דרייען זיך אַלע, ווי איבער מיין אייגענעם קאָפּ. איך ווייס שוין נישט אויף וועמען פריער צו קוקן.

מיר דוכט, זיי שרייען פון כעס אויף דעם אידן מיט דער רויטער נאָז. ער שטופּט אָפּ אַלעמען, לאָזט קיינעם נישט אַ שפּיל טאָן.

— שאַ! — טוט ער אַ געשריי, — אָט, גייט דער מלך אחשורוש! — און ער אַליין גיט אַ טראַט פאַרויס, קלעפּט אָפּ זיין רויטע נאָז און טוט זיך אָן אויפן קאָפּ אַ גילדענע קרוין.

אַלץ ער!

— שוין זשע וועט ער אויך שפּילן אסתר, מיט זיינע גרויסע שטיוואַלעס? — ברומען די אַנדערע.

איינער פון דער חברה פאַרלויפט אים דעם וועג. ער רייט אַריין אויף אַ ווייסן שטעקן.

— ער איז מרדכי! — שרייט ער, און דאָ גיט אָן אַנדערער שפּיציקער בלעכערנער קאָפּ אַ טרייסל מיט די גלעקעלעך, וואָס זיינען אָנגעטשעפּעט אויף זיין היטל, און פאַרקלינגען אַלעמען די קעפּ.

ס'דוכט זיך, עס זיינען אָנגעהאַנגען גלעקלעך נישט נאָר אויף זיין היטל, אויך אויף זיינע פיס, אויף זיין גאַנצן גוף. דער טאַטע האַלט נישט אויס, פאַרשטאָפּט די אויערן און אַליין ווישט ער זיך אָפּ די אויגן פון געלעכטער.

— האַ! האַ! האַ! — לאַכט דער גראָבער גבאי און זיין בויך טרייסלט זיך אַזש אונטער.

— אַ ביסל איז ער צו פרי אַרויסגעטראָטן, האָט פאַרשריען דעם מלך, ניט המנען!

— גענוג, גענוג! — שטעלט זיי אַלעמען אָפּ דער טאַטע. — איר דאַרפט דאָך, אַוודאי, נאָך אַרומגיין די גאַנצע שטאָט! — זיין האַנט שאַרט איבערן טיש.

גיט פלינק אַ שפּרונג די רויטע נאָז — דער מלך אחשורוש, און פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע געלט, וואָס פליט פון טיש אַראָפּ. די חברה צעקאַכט זיך נאָך מער. מע שלאָגט זיך שוין אויף אַן אמת. דעם טאַטנס קול נעמט זיי פאַנאַנדער.

— אַלטע, היים געבן אַ ביסל משקה! — רופט ער אויס.

מע גיסט יעדערן אַן אַ קעלישעק בראָנפן.

אין איין אָטעם ליידיקט אים איטלעכער אויס, כמעט מיטן קעלישעק צוזאַמען.

ס׳האָט ווי אַ ברען געגעבן אויפן האַרץ, אַ הוליע, אַ טאַנץ! אויגן פינקלען, דער באַראַבאַן טראַסקעט, די פייפלעך סווישטשען, די טעצלעך פּאַטשן, די פיס טופּען, די גלעקעלעך קלינגען, קלינגען...

זיי רופן, זיי ציען, שלעפּן אונדז אַלעמען אַוועק. דער קאָפּ טראָגט דיך. כ׳גיב זיך אַ לאָז צו זיי... און מיט אַמאָל... וואָס איז דאָס?

די גלעקלעך הערן זיך אַלץ ווייניקער, אַלץ שטילער... אַלץ ווייטער, ווי איך אַליין וואָלט זיין ווייט פון זיי.

כ׳טו זיך אַ קער — נישטאָ די פּורים־שפּילער. אַלע אינאיינעם זיך אַרויסגעשטופּט פון טיר. אַלע קלאַנגען לויפן זיי נאָך. דאָ — איינער, דאָ — אַן אַנדערער. זיי רינען זיך אויס.

וואו זיינען די פּורים־שפּילער? .

ווי פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. ווי קיינמאָל ניט געווען.

אין שטוב איז שטיל, פֿיל שטילער ווי פֿריער.

בלויז דער הענגלאָמפּ שפּריצט מיט פֿייער, סטאַרעט זיך איינהאַלטן דעם יום־טוב.

מע שטעלט אָן משקה. מע גרייט דעם טיש. ס'קומען אָן נייע אורחים. איך קוק אויף דער טיר, צי קומען נישט ווייטער די פּורים־שפּילער.

— טאַטע — פֿרעג איך — וואו זיינען די פּורים־שפּילער? וואוהין זיינען זיי אַנטלאָפֿן? טאַנצן זיי וואו? שוין זשע גייען זיי איצט אַרום איבער די גאַסן, ווי אַלע מענטשן?

דער טאַטע גיט אַ קוק אַרום זיך, שמייכלט־צו, אינאיינעם מיט די אורחים.

— מע דאַרף שוין גיין צו דער סעודה, אַ? — רופֿט ער אויס.

אַלע הויבן זיך אויף. איך גיי זיי נאָך און אין די אויערן קלינגען נאָך אַלץ די גלעקעלעך.

וואַרעמעס־צייט

— מאַשע, חוה, וואָס זייט איר דאָרט אַנטשלאָפן געוואָרן אין קיך? — צעשרייט זיך ישראל פון עס־צימער. — איר הערט גאָרנישט, אַז איך בין דאָ?

שטענדיק וואָרטשעט ער, דער ברודער ישראל. ער איז אַ פאַרביסענער. ער בייזערט זיך, אַז מען פאַרפעלט אים, אַז מען גיט אַן אַנדערן דעם בעסטן חלק. זעצט ער זיך צום טיש, גיט ער אַ פאָרקע מיטן גאָפל אין זיין טעלער און רוקט אים גלייך אָפּ אַן אַ זייט.

— וואָס האָט איר מיר דאָ אָוועקגעלייגט פאַר אַ שטיקל פלייש? דאָס זיינען דאָך הוילע ביינער, נישטאָ וואָס צו עסן!

פון קיך דערהערט זיך אַ געברום, וואָס קומט אָן אַלץ נעענטער, צוזאַמען מיט די שווערע טריט פון חוהן. זי פאַלט אָן אויפן ברודער מיט אַ האַגל קולות:

— וואָס האָט איר זיך אַלע אָנגעזעצט אויף מיר? וואָס האָט איר צו מיינע יאָרן? יעדער צאַפּט פון מיר דאָס בלוט!

חנה טרייסלט זיך מיטן גאַנצן לייב. איר פּנים — רויט ווי אַ בוריק.

פאַר די־קינדער האָט זי נישט מורא. שרייט זי.

— ביסט נישט קיין בן־יחיד ביי מיר! אַ יחסן אַזאַ! בין איך שולדיק, וואָס דו קומסט שפּעטער פון אַלעמען? אַלץ חוה! חוה, — מיר אַ קאַלב־שניצל! חוה, — מיר אַ זיס־זויערע קייקעלע! חוה, — מיר געבראָטענע בולבע מיט פלוימען! דער וויל גאָר אַ פיינקוכן. דער — פליישיקס, דער — מילכיקס!...

חוה מאַכט נאָך יעדערן. ס׳פּנים אויסגעקרימט, פון מויל שפּריצט.

— און פּרוּאוו זיי נישט געבן! זיי רייסן דאָך פון די הענט,

די ממזרים! קוים מיט צרות, קאָן איך וואָס באַהאַלטן פאַר די באַלעבאַטים!

חוה כאַפּט זיך פאַרן האַרץ. איר ברוסט הויבט זיך אַרויף און אַראָפּ.

מיט אַמאָל שטעלט זי זיך אָפּ, פאַרבייסט אירע פּעטע ליפּן און גיט אַ קרים איר פּנים.

— און אפשר מיינט איר נאָך, אַז איך האָב אויפגעגעסן דאָס גאַנצע פלייש? גאָט איז מיין עדות!

חוה גיט זיך אַ כאַפּ פאַרן בויך. — וואָס איך קאָן שוין נעבעך עסן מיט מיין קראַנקן מאָגן... — זי קוועטשט אויס אַ טרער.

— אַ גאַנצע געזינד זיך אָנגעזעצט אויף מיר! האָרעווע, ווי אַ פערד! זאָל כאָטש ווער אויף מיר רחמנות האָבן!

— גוט, גוט, שוין גענוג זיך אָנגעהערט פון אייך!

דער ברודער ישראל ווערט נישט נתפּעל פון אירע טרערן.

— גייט בעסער, גיט זיך אַ פּאָרקע ביי אייך אין קיך און ברענגט מיר אַן אַנדער שטיקל פלייש. — ער שטופּט זיין טעלער אין אירע הענט אַריין. — און פאַרגעסט נישט, — שרייט ער איר נאָך, — אויך איבערבייטן די הירזשענע קאַשע מיט האָניק, די איז שוין קאַלט געוואָרן.

אין מיטן וואָך עסט יעדערער באַזונדער. פון זיצן אַליין ביים טיש ווייסט מען נישט וואָס אויסצוטראַכטן. גאַנצענע טעג דרייען זיך אַרום די ברידער ליידיק. וויל יעדערער באַווייזן פאַר די דינסטן, אַז ער איז אויך אַ שטיק באַלעבאָס, אויך אַזוי פאַר־נומען ווי דער טאַטע און די מאַמע, און האָט אויך נישט קיין צייט צו וואַרטן ביז די דינסטן גיבן זיך אַ דריי.

די מאַמע האָט טאַקע נישט קיין צייט צו עסן.

פון אין דער פרי אָן אין געשעפט, וואַרט זי נאָך אָפּ, ביז דער טאַטע און אַלע אָנגעשטעלטע קומען צוריק פון וואַרמעס,

און ווען ס'ווערט א ביסל שטילער אין קראָם, כאַפּט זי זיך אויף א רגע אַרויס אין שטוב וואָס איבערצוביישן.

עס האָט געדאַרפט אויספאַלן א געבענטשטער טאָג, א טאָג אָן עגמת-נפש, אַז די מאַמע זאָל זיך פאַרגינען אָפּעסן אין דער צייט. מייסטנס א פאַרזאָרגטע, א פאַרהאָרעוועטע, קומט זי שפּעט אין שטוב אַריין. דעמאָלט — בעסער צו איר ניט צושטיין.

שנעל לויפט זי דורך די הינטער-קראָם, וואו ס'זיצט דער בוכהאַלטער. זי גיט אויף אים אַפילו נישט א קוק, ווי זי וואָלט זיך שעמען, וואָס אין מיטן העלן טאָג גייט זי זיך זעצן צום טיש.

— סאָשע, ס'איז דאָ וואָס צו עסן? — שרייט זי נאָך פון וויטן. — גיך, גיך, שטעל מיר אַלץ אַוועק אויפן טיש! אָבער גיך, כ'האָב קיין צייט נישט.

די צעטומלטע דינסט רייניקט שנעל אָפּ פאַר דער מאַמען א שטיקל טיש, רוקט איר צו ברויט, זאַלץ, א לעפל און גאָפּל.

ביזוואַנען די מאַמע וואַשט און טריקנט אָפּ אירע הענט, יאָגט זי נאָך אונטער די דינסט.

— גאָט מיינער, וואָס דויערט עס ביי אייך אַזוי לאַנג? סאָשע, וואו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן? אַלע קינדער שוין אָפּגעגעסן? באַשקע האָט וואָס געגעסן? — דערמאָנט זי זיך מיט אַמאָל אויף מיר.

ווען די אינגלעך איז זי געווען זיכער, אַז זיי וועלן זיך שוין נישט לאָזן אָפּנאַרן פון דער קעכין. אָבער איך, איך — שטענדיק א בלאַסע מיידעלע, און דערצו נאָך איר מיזינקע, — האָט זי געמיינט, מיך דאַרף מען אַנשטאָפּן מיט גוואַלד.

אַלץ שטייט שוין אויפן טיש און סאָשע רוקט צו דער מאַמען איר טעלער זופּ.

— א שאָד, באַרינקע, — עסט זיך אָפּ דאָס האַרץ סאָשע, —

דאָס פֿלייש וועט דאָך ווערן קאַלט, ביז וואַנען איר עסט אָפּ די זופּ!

די מאַמע זיצט אויפֿן ברעג שטול און הערט זיך צו צו די ווייטע קולות, וואָס טראָגן זיך פֿון דער קראָם.

— דורע מיר נישט אַ קאָפּ! מיין מוח פּלאַצט אָן דיר. זיי שטיל אַ ווײַלע, כ'הער עמעצער איז אין קראָם אַריין. — די מאַמע איז שוין גרייט צו אַנטלויפֿן און פֿאַרשלינגט שנעל דעם ביסן, וואָס זי האָט געהאַט אין מויל.

— באַלעבאָסטע, דער באַלעבאָס רופֿט אײַך! — לויפֿט אַריין אַ פֿאַרסאָפּעטער דער קראָם־אינגל.

די מאַמע האָט זיך גלייך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט. די דינסט קוקט זי אומעטיק אָן.

— זאָל איך אײַך, באַרינקע, אַריינטראָגן דאָס עסן אין קראָם?

* * *

איך בין אַליין ביים טיש. נישטאָ קיינער, ווער זאָל קאָנען מסרן דער מאַמען, אַז איך עס נישט. גיב איך אַ וואָרף דער דינסט, וואָס האַלט אין איין אָנשטעלן דעם טיש מיט איין מאכל נאָך אַן אַנדערן:

— סאַשע, מיר ווילט זיך מער נישט עסן!

— באַשוטקע, גאָט איז מיט דיר! וואָס רעדסטו? ס'איז דאָך אַזוי געשמאַק! הערסט דעם ריח? פּרואוו, וועסטו זען ווי ס'וועט דיר צעגיין אין אַלע אברים! באַשענקע, וואָס איז מיט דיר? ביסט, חלילה, נישט קראַנק? אָט, וואַרט, איך וועל רופֿן חוהן.

זי ווייס — פֿאַר חוהן האָב איך מער מורא, ווי פֿאַר איר.

טראָגט זיך אַריין די קעכין, פון וועלכער ס'שמעקט שטענדיק מיט ציבעלע.

— וואָס עפּעס ווילסטו נישט עסן? — פאַלט זי גלייך אויף מיר אָן. — אַך, פּאַזשאַלויסטע, מאַך נישט קיין העוויות! ווען וועסטו שוין זיין אַ מענטש און עסן, ווי אַלע מענטשן עסן? דו עסט נישט, ביסטו טאַקע דערפאַר אַזאַ בלאַסע. און גיי, די מאַמע וועט נאָך ווייטער ביי מיר מאָנען, וואָס איך גיב דיר נישט גענוג עסן!

— אָבער גוט, גוט, כ'וועל שוין עסן, נאָר טשעפּעט זיך פון מיר אָפּ!

איך ביים אָפּ אַ שטיקל פלייש, נאָר זי זאָל אַוועקגיין, די קעכין. איך קאָן נישט אַריבערטראָגן איר ריח פון ציבעלע און געוואַשענע געפעס.

— אוי, רבונו של עולם! אפילו אַ פּיצל קינד האָט אויך צו מיר טענות! — לאָזט אַראָפּ חוה די פּלייצעס, ווישט אויס מיטן פעטן פאַרטוך אירע שטענדיק-פייכטע אויגן און לאָזט זיך צוריק אין קיך.

בלייב איך ווייטער זיצן אַליין. גיב אַ שלונג אַ ביסן, קוק אויף דער טיר, זאָל כאָטש ווער אין שטוב אַריין... רעכן איך אויס וויפיל בלייבט נאָך ביזן שבת...

אָט, שבת, וועלן זיך די אַלע ליידיקע שטולן צורוקן צום טיש און אויף זיי וועלן זיך צעזעצן דער טאַטע, די מאַמע, די ברידער . . .

מיט אַמאָל עפנט זיך פאַנאַנדער די טיר און אַבראַשקע פליט אַריין, ווי אַ ווינט.

— גלאָמפּ איינע, וואָס זיצסטו דאָ, ווי אַ פאַרשלאָפענע עין-הרע? זע, אָט איז דאָך דער מאַראָזשניק! — שטופּט ער מיך צו צום פענצטער.

מיר בלייבן ווי פאַרשטיינערטע אויפן אָרט.

איבערן הויף גייט אַרום, ווי אַ לעבעדיקער ווייסער באַרג, אַ הויכער גוי. ער איז ווי פאַרשאָטן מיט שניי. אַ ווייסע ברייטע העמדל. אויף זיין קאָפּ וויגט זיך, ווי נאָך אַ קאָפּ, אַ הויכע קאַדעשקע, איינגעוויקלט אין ווייסע טיכער. דעם גוים פּנים זעט מען נישט. דוכט זיך, אַז זיין אייגענער קאָפּ איז איינגע־בונדן אין קאַלטע טיכער, ווי ער וואָלט אים ווייטאָן.

דער גוי טרעט מיט זיינע לאַנגע שטאַרקע פיס, טאָפּטשעט איין דעם שניי. ער מאַכט אַ טראָט. זיינע שוואַרץ־גלאַנצנדיקע שטיוול טאַנצן אונטער מיט דער קאַדעשקע אינאיינעם.

פלוצים זיך אַ שטעל געגעבן אַנטקעגן אונדזער פענצטער,
— מסתמא אונדז דערזען, — פאַרריסן דעם האַלדז און אַ געקריי געטאָן, ווי אַ האָן פאַרן רעגן:

— סאַכאַר־מאָראָז, סאַכאַר—מאָראָז! — אַזש די פענצטער אויפגעטרייסלט.

אַבראַשקע שפּרינגט אָפּ פונעם פענצטער צו דער טיר און צוריק, וואַרפט זיך אָן אויף מיר:

— וואָס שטייסטו? גיי בעט דער מאַמען די פינף קאָפּיקעס, דער גוי וויל מער נישט געבן אויף באַרג!

— די מאַמע איז פאַרנומען, איך האָב מורא.

— שלימזל, גיי דערקאַזשע כאָטש גלעזער...

און אַליין לויפט ער אַוועק אין קיך, פאַלט אָן פון הינטן אויף דער קעכין און שטופט זי צו צום פענצטער, זי זאָל אַליין זען, אַז דער מאָראָזשניק איז דאָ.

— חוה, — הערט ער נישט אויף זי צו טרייסלען, — איר מוזט אונדז געבן פינף קאָפּיקעס. איר זעט, דער מאָראָזשניק איז געקומען.

— אוי, רבונו של עולם! ער הרגעט דאָך מיך אַוועק, דער גזלן! — שטופט זי אָפּ דעם ברודער. — ביסט משוגע, צי חסר־דעה? קדחת וועל איך דיר געבן... סטייטש, עסן איצט מאַ־

ראַזשנע, טרייפּניאַק דו איינער! ביסט דאָך ערשט נאָך וואַרמעס!

— אַ, וואָס איז דאָס פאַר אַ פליייש געווען? לאַנג פאַר־געסן...

חוה, ווי אַ פליג זאָל זי אַ בים טאָן:

— וואָס נאָך? נעבעך, אָפּגעקומענע קינדער, ס'אַ צער־בעלי־חיים אויף אייך! איר שטאַרבט ביי מיר פון הונגער! זיך אָנגעשטאָפּט מיט דריי קאָטלעטן און . . .

— אוי, גענוג צו טרובען אַ טערק! איר וועט זיך דאָך נישט אָפּשטעלן ביז מאָרגן! דער מאָראָזשניק וועט אַוועקגיין...

— אַ גרויסער שררה, דיין מאָראָזשניק! נישט געדאַכט זאָל ער ווערן! ברענגט אַראָפּ פון וועג אידישע קינדער... וואו איז דער רבי? דיין גליק, וואָס ער איז דאָ נישטאָ, ער וואָלט דיר שוין אַריינגעקלאַפּט אַ פּאָר שמיץ, ס'גאַנצע טרייפענע אייז וואָלט זיך צעגיין...

— סאַכאַר—מאָראָז, סאַכאַר—מאָראָז! — שרייט דער גוי פון הויף. אַבראַשקע גיט זיך אַ דריי אויפן אָרט, ער ווייס נישט מער וואָס אויסצוטראַכטן:

— ביי דעם גוי איז דאָס מאָראָזשנע נישט מילכיק!

ער פּרוּווט נעמען חוהן מיט גוטן:

— חוה, איך וועל אייך העלפן מישן דעם טייג פון ברויט, איר וועט מיך נישט דאַרפן בעטן, איך וועל אייך אַריינטראָגן פון קעלער די אוגערקעס, די קרויט . . .

— כ'בין דיר מוחל! וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צו מיר, ווי אַ קלעשטש? וואו זאָל איך דיר נעמען געלט?

אַבראַשקע פילט, חוהס קול איז ווייכער געוואָרן.

— וואָס, ביי אייך איז נישט איבערגעבליבן פינף קאָפּיקעס פון מאַרק? וואָס זשאַלעוועט איר דער מאַמעס געלט?

— וואָס, דער מאַמעס געלט איז מיסט? מען דאַרף עס

אַרויסוואַרפן אויף דעם גוי? און ווי וועל איך איר ביינאַכט אָפּ־געבן דעם חשבון?

— סאַכאַר—מאָראָז, סאַכאַר—מאָראָז! — קריכט דעם מאָ־ראָזשניקס קול דורכן פענצטער אין קיך אַריין. חוה צעטומלט זיך, ווי מען וואָלט זי טרייסלען פון אַלע זייטן.

— אַי, וואָס איז דאָס פאַר אַ משומד דער אינגל? ווי קאָן מען פון אים פטור ווערן? מען בלייבט דאָך פון אים אָן כוחות! נאַ, גנבֿ... — בורטשעט זי און קריכט אונטער איר קליידל אַרויסשלעפן פון דאָרטן איר בייטל געלט.

— עסן חלבֿ, הוילע חלבֿ!

בודק חמץ

דער ערב-פסח קומט אַלץ נעענטער. אין שטוב קאָכט און זידט. די לופט אַליין טראָגט זיך מיט אַ ציטער.

— ס'ט אויסגעוואַשן דאָ? און אין יענעם ווינקל? זע, רייב אָפּ גוט די פּאָליצעס. נאָ דיר פּסחדיקע האַנטיכער!

חוה יאָגט אונטער יעדערן, ווען מען זי כאַפּט נאָר אָן.

— דו, סאָשע, — שרייט זי צו דער קריסטלעכער דינסט, — גיי מיט דיין חמץ צו אַלדי שווארצע יאָר! טראָג עס אַוועק אין קעלער אַריין, וועסט עסן דאָרטן מיט איוואַנען!

חוה שלעפּט די לעצטע חמצדיקע כלים, שטופּט זיי אַלע מיטאַמאָל אין אַ פינצטערן אַלמער אַריין. די אַלע זאַכן נוצט זי אַ גאַנץ יאָר, און איצט וויל זי זיי גאָר נישט אָנקוקן, שטופּט זיי שיער ניט מיט די פיס. אָט שטעלט זי זיך אָפּ אַ פּאַר־ציטערטע. עס האָט איר אַ שימער געטאָן אַ שאָטן מעל פון דער שווארצער בלעך, וואו זי האָט געבאַקן פלאָדן און פלעצלעך.

— וואו איז דער טאַטע? ער וואָלט קומען, וואָלט ער שוין אויך דעם שאָטן מעל פאַרברענען... — זי שטופּט אַריין די בלעך אין אַלמער, זי זאָל איר מער ניט שטעכן די אויגן.

דאָ צעדראַפּעט זי זיך די הענט. זי גיט אַ קוק: פּיצלעך געלע רעטעכלעך — קריכן נישט אַרויס פון דעם ריבאייזן.

— אַן אָנשיקעניש מיט דעם חמץ! נישט אַרויסקריכן פון אים! קינדער, דער רבי האָט דאָך אייך געהייסן אויסדרייען די קעשענעס. איז וואָס וואַרט איר? אָט קומט באַלד דער טאַטע פאַרברענען דעם חמץ.

חוה קריכט אַליין אַריין אין די קעשענעס.

— אוי, קיצלט מיך נישט! איר וועט מיר אָפּרייסן די גאַנצע קעשענע מיט אייער בודק-חמץ!

ס'איז ניט גרינג אויסצורייניקן אין איין רגע זייערע קעשענעס. פאַרן גאַנצן יאָר האָט מען געהאַלטן אין איין פאַר־שטעקן אַהין, וואָס נאָר מען קען געפינען סיי אין שטוב, סיי

אויף דער גאַס. קוקן צו איצט די ברידער — ביי וועמען האָט זיך אָנגעקליבן מער ברעקעלעך אין די ווינקלעך.

— שאַ, דער טאַטע גייט! — די קעשענעס דרייען זיך גיך צוריק אַריין.

דער טאַטע קומט פאַרברענען דעם חמץ. ס'גייט אָפּ ביי חוהן דאָס האַרץ. דעם טאַטנס פּנים — ערנסט, ווי אין שטוב איז וואָס פאַרלאָרן געגאַנגען און ער דאַרף עס אויפזוכן.

פון זיין שוואַרצן הוט פאַלט אויף אים אַ שאָטן. מען דער־לאַנגט אים אַן אָנגעצונדענע ליכט. דאָס פייערל לויכט אויף זיין בלאַסן פּנים.

— איר האָט אַ פלעדערוויש? — גיט ער שטיל אַ זאָג.

אַלע קינדער גייען אים נאָך אָן אַ וואָרט. מע הערט יעדנס אָטעם. דער טאַטע מיט דעם ליכט און פעדער אין איין האַנט, מיט אַ הילצערנעם לעפל אין דער אַנדערער, שאַרט איבער אַלע אונטערפענצטער, אַלע ווינקלען, פאַליצעס, כאָטש זיי זיינען ערשט אויסגעוואַשן. ער פאַרקריכט אין ספרים־אַלמער, זוכט צווישן די גמרות, זוכט ווי מען וואָלט פון אים וואָס באַהאַלטן. מיטאַמאָל שטויסט ער זיך אָן אויף אַ ברעקל חמץ, וואָס נישט קוקנדיק אויף דער פּוצעריי, האָט זיך פאַרט ערגעץ פאַרשטעקט אין אַ ווינקל, צי חוה האָט מיט אַ כיוון אונטערגעלייגט, דער טאַטע זאָל צופיל נישט זוכן.

גיבן אַ בליץ זיינע אויגן. דאָס ליכט צעברענט זיך מיט זיי אינאיינעם, ווי ער וואָלט געפונען אַן אוצר. דער טאַטע פאַר־כאַפּט די אַלע געפונענע ברעקלעך, קלייבט זיי צונויף אין אַ קייקעלע פּאַפּיר און טראָגט זיי, ווי אַ קרבן, גלייך צום ברענענ־דיקן אויוון. דאָס פייער וואַרפט זיך אָן אויפן פּעקעלע. זיינע אויגן פלאַמען אויף מיט דעם פייער, וואָס פרעסט די ברעקעלעך חמץ.

— גאָט צו דאַנקען! — גיט חוה אַ זיפץ. — מיר וועלן האָבן אַ כשרן פּסח!

ערב פסח

די ערשטע, וואָס ווערט פֿאַרכאַפּט פון פּסחדיקן טומל, איז חוה, אונדזער גראָבע קעכין.

אויף מאָרגן נאָך פּורים, גייט זי אַרום אַ צעמישטע. דער מיטנוואָך שטאַרבט פֿאַר איר אָפּ. איין געדאַנק אין קאָפּ — אַ כשרער פּסח.

אַ צעטראָגענע פון אין דער פֿרי אָן, לויפט זי צו אונדז אין עס־צימער אַריין.

— קינדער, גענוג זיך צו פֿאַרען! עסט גיכער אָפּ אייער אָנבייסן און אַרויס פון דאַנען! די פֿאַרבערם זיינען געקומען!

— שוין די פֿאַרבערם? איר ווייסט ווען ס׳איז פּסח? ביז פּסח קאָן נאָך משיח קומען! — בורטשען די ברידער.

— איז פֿאַר משיחן דאַרף מען טאַקע אויספּאַרבן די שטוב!

— קרימט זי זיך איבער. — און אָנשטאָט צו באַלבען, וואָלט איר בעסער העלפֿן אָפּרוקן די אַלמערס.

— די אַלמערס? מער נישט ווי דאָס? איין קליניקייט! כ׳וויים, וואָס זי קאָן אויסטראַכטן, די חוה! ווער קאָן זיי אַ שטופּ טאָן פון אָרט?

אַלע איינאיינעם שפּאַרן מיר זיך אויפֿן קליידער־אַלמער. ער רירט זיך.

אין אַלמער מישן זיך אוים די שוואַרצע בגדים מיט דעם טאַטנס פוטער און מיט דער מאַמעס פוקסענע ראָטאָנדע. די הויכע האָר פון דעם פּעלץ שטעכן און רייצן די אַנדערע בגדים. מיר שטופּן דעם אַלמער, ער קוויטשעט און קרעכצט מיט יעדן רוק; די פּיסלעך קריצן און לאָזן איבער אַ ווייסן פּאַס.

— אוי, גענוג, שטעלט זיך אָפּ! — שרייט אוים אַ ברודער.

— איר זעט, חוה, וואָס איר האָט אָנגעטאָן? איין פּיסל האָט זיך שוין אונטערגעבויגן. ווי וועלן מיר איצט אוועקשטעלן דעם אַלמער?

— אוי, רבונו של עולם, וואָס ווילט איר פון מיר? מע מוז דאָך אויסקלעפּן די וואַנט!

— אפשר, חוה, וועט איר פאָרן צום רבין פרעגן אַ שאלה, צי דאַרף מען נישט אָפּרוקן דעם גאַנצן מויער? — טשעפּען זיך די ברידער.

— אַזאַ חכם, ווי דו, בין איך שוין לאַנג! זייט רואיק, כ'האָב מער שכל אין מיין פּיאַטע, ווי איר אין אייערע אַלעמענס קעפּ!

— צינדט זיך אָן חוה. — אויסגעטראַכט פאָרן צום רבין! איך וואָלט טאַקע געדאַרפט ביי אים פרעגן, ווי קומען עס אַזעלכע אַפּיקורסים אין אַ אידיש הויז!

— פאַרטיק, חוה איז שוין ברוגז!... קומט! — שלעפּן די ברידער איינס דעם אַנדערן פאַרן אַרבל, — קומט, מיר וועלן בעסער גיין אַ קוק טאָן, ווי מע באַקט מצה אין שטאָט!

מיטאַמאָל גיט זיך חוה אַ קער צו דער אָפענער טיר און שרייט אויס:

— ר' יודל, ר' נחמן, קומט אַריין! איר וועט אָנהויבן פון דעם קליינעם חדרל, וואָס איז הינטער דעם עס-צימער.

עס גייען אַרויס, ווי פון אַ נעפּל, צוויי ווייסע שאָטנס, ווי זיי וואָלטן נאָר געוואָרט אויף חוהס רוף. צוויי פאַרבערס אין ווייסן פון קאָפּ ביז די פיס. זייערע שיך, האָר, באַקן און ברעמען — אַלץ פאַרשפּריצט מיט ווייסע פינטעלעך, ווי מיט שנייעלעך. ביי איינעם הענגט אַ ליטער אויפן פּלייצע, אין האַנט — אַ פולער עמער פאַרב. דער אַנדערער האַלט קוים אונטער מיט ביידע הענט, ווי איינגעוויקלטע מגילות — אַ פּאַק לאַנגע פּאַפּיר-ראָלן.

די פאַרבערס, ווי נאָר אַריבער דעם שוועל, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער די צימערן.

מיר שטופּן אָפּ די טישן, שטולן, מאַכן אַ וועג, ווי ס'וואָלט מיט זיי אַריינמאַרשירט אַ ראָטע סאָלדאַטן. באַלד פאַרכאַפּן זיי די גאַנצע שטוב.

איינער קלעטערט אויפן לייטער, קראַצט די קאַרניזן, דער אַנדערער קריכט אויפן טיש, פוצט דעם באַלקן מיט אַ גראָב בערשטל. שטיקלעך קאַלך פאַלן אויף אים אַראָפּ.

— מיידעלע, ווילסט פאַרזוכן אַ ביסל וואַפנע? — שמייכלט צו מיר פון לייטער דער אינגערער פאַרבער.

זיין קורץ בערדל, איינגעטונקט אין וואַפנע, איז ווי צוגעקלעפּט צו זיינע ווייסע ליפּן. ס׳איז פריילעך מיט זיי. דאָ איינער, דאָ אַן אַנדערער, שיסט אויס אין אַ געלעכטער. זיי זינגען, פייפן, מישן די עמערס, טונקען די פּינזלען, פאַרב פליוכעט, שפּריצט.

פלוצים גיט איינער אַ שמיר דעם באַלקן, אַהין, אַהער. דער צווייטער לויפט אונטער און ביידע טוקען זיי מיט די פּינזלען איבערן באַלקן, ווי פויגלען מיט זייערע שנאָבלען.

די פאַרבערס נעמען זיך פאַר די ווענט, ווילן ווי אַפּרייסן זיי פונעם מויער. ס׳אַלטע וואַנט־פּאַפּיר פאַלט מיט גערויש אַרונטער, שלעפּט נאָך זיך פאַרטריקנטע שטיקער וואַפנע. די אָפּגעשיילטע ווענט בלייבן נאַקעט, צעקראַצט און מיאוס. פאַרב אַרום די פּיס. וואַלגערן זיך די אָפּגעריסענע פּאַפּירן, נעצן זיך זייערע אויסגעמאָלטע בלימעלעך. די פאַרבערס שפּרינגען זיי אַריבער, שערן, שמירן אָן נייע פּאַסן וואַנט־פּאַפּיר מיט נייע בלימעלעך.

ס׳פּאַפּיר גיט זיך אַ קנייטש, בלאָזט זיך אָן, וויל זיך נישט צוקלעפּן צו דער וואַנט. גיבן די פאַרבערס אַ פּאַטש מיט אַ נאַסער שמאַטקע און דאָס אָנגעבלאָזענע פּאַפּיר לייגט זיך אויס אין דער גאַנצער הויך.

דאָס קליינע חדרל, פריש אויסגעפאַרבט, אויסגעקלעפּט, שיינט ווי אַן אויסגעפּוצטע פּאָר אַ חתן־כּלה.

פאַר הוהן אָבער איז עס נאָך נישט גענוג כּשר. זי פאַרהענגט די ווענט מיט ווייסע ליילעכער, ווי זי וואָלט זיי פאַרהאַנגען מיט טליתים. אַפילו אויפן דיל שפּרייט זי אויס אַ

ליילעך. איצט, דוכט זיך איר, קאָן מען שוין אַהין אַריינטראָגן דעם אָרון-קודש אַליין.

ס'ערשטע וואָס מע טראָגט אַהין אַריין זײַנען קערב מיט מצה, צוויי הויכע, ברייטע קערב, אײַנגעהילטע אין ליילעכער.

ס'דוכט זיך — יעדע מצה באַזונדער איז אײַנגעוויקלט אין אַ ליילעך. חוה, אַ צעטומלטע, לויפט פאָרויס, ווײַזט דעם וועג.

— פּאַמעלעך, דאָ שטעלט זיך אָפּ, דאָ זײַנען אַ פּאָר טרעפּ-לעך. לאָזט שטיל אַראָפּ די קערב, פּאַוואָלינקע, די מצות זאָלן זיך חלילה נישט צעברעכן.

זי לויפט אַרום די קערב, טאַפּט זיי אָן, שעפּטשעט, ווי זי וואָלט מאַכן אַ ברכה.

— נו, מיט די מצות איז דאָך שוין אַ שטיקל פּסח אין שטוב אַריין.

אַ דריטער איד, מיט אַ לאַנגער, שיינער באָרד, טראָגט אַריין פאַרן טאַטן אַ קערבל שמורה-מצה. ער האָט דאָס מצה-קערבל אַרומגענומען מיט ביידע הענט, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ ספר-תורה.

דער איד זאָגט קיין וואָרט ניט. ער קוקט זיך אַרום, דער-זעט אויפן באַלקן אַ הענגל פּאַר אַ לאָמפּ — הענגט ער אַרויף דאָס קערבל. קיינער זאָל נישט קאָנען אָן אָטעם טאָן אויף דער מצה-שמורה מיט אַ חמצדיקן מויל. דאָס קערבל איז אַזוי איינ-געוויקלט אין ווײַסן, אַז פון קיין זײַט זעט זיך נישט דאָס אוים-געפלאָכטענע שטרוי.

פון איצט אָן האָט קיינער נישט געטאָרט אַריינגיין אין דעם חדרל. נאָר חוה פלעגט זיך דאָרט אַרומשאַרן אין אירע וואָליקענע שיך.

זי ווערט די הערשערין פונעם צימערל און אַלע שטוביקע גיבן זיך אונטער אָן אַ וואָרט.

ווען חוה, אַרומגעבונדן מיט אַ ווײַסן פאַרטוך, מיט אַ ווײַס טיכל אויפן קאָפּ, גייט דורך די שטוב, ווייסט מען, זי גייט אין

דעם חדרל אַריין. איר פּנים אָנגעשטרענגט, ווי זי וואָלט זיך גרייטן דאָרטן איבערקערן וועלטן.

מיר גנבענען זיך אונטער. אָבער זי פאַרשפּאַרט זיך פון אינעווייניק. פאַר אונדזער נאָז גיט זיך די קליאַמקע אַ קלאַפּ-צו. מיר צעזעצן זיך אויף די פּאָר טרעפּלעך, וואָס פירן אין צימער אַריין, דערהערן אַ שטויס פון דער הילצערנער „סטופּקע".

— הוה! — בעטן מיר זיך ביי איר אינעם לעכל פון טירל.

— לאָזט אונדז אַריין! מיר וועלן אייך העלפן שטויסן מצה! — דער שטויסל קלאַפּט און קלאַפּט, ווי זי וואָלט וועלן אונדז קלאַפּן איבערן קאָפּ.

— חוה, מיר שווערן אייך, אונדזערע הענט זיינען ריין. מיר האָבן זיי ערשט אויסגעוואַשן!

דער שטויסל קלאַפּט נאָך האַסטיקער. אפשר הערט זי אונדז נישט? קלאַפּן מיר צו צו יעדן שטויס פון סטופּקע מיט דער קליאַמקע פון טיר.

— חוה, וואָס אַרט אייך, ווען מיר וועלן אויך איינמאָל אַ שטויס טאָן די סטופּקע?

פּלוצים עפנט זיך די טיר פאַנאַנדער. מיר שטופּן זיך אָפּ קריק, קייקלען זיך אַזש פון די טרעפּלעך אַרונטער. אויפן שוועל וואַקסט אויס, ווי אַן אָנגעלאָפּענער וואָלקן, די צעבייזערטע קעכין. מע קאָן זי נישט דערקענען. ווי ערשט פון מיל אַרויס, אַ פאַרשאָטענע מיט מעל.

— וואָס זייט איר אַלע צו מיר צוגעשטאַנען? טשעפּעט זיך פון מיר אָפּ, גזלנים! וואָס ווילט איר, מיר פאַרסמען דעם פּסח אויך, ממזרים איינע! — סאָפּעט זי מיט איר ווייסן אָטעם. — אָט טאַקע לאָז איך אייך אַריין! נאָך וואָס, שטויסן מצה מיט חמצדיקע הענט? קראַנק זייט איר צו וואַרטן ביז יום-טוב אַרויס פון דאַנען!... — גיט זי אויף אונדז אַ בלאָז מיטן מעל, וואָס שפּריצט פון די נאָזלעכער אַרויס. — עס זאָל אייך נישט איינפאַלן צוצוגיין צו די קערב!

זי האָט אויסגעבלאָזן איר כעס און ווייטער זיך אַריינ־געכאַפּט אין צימערל. די קליאַמקע לאָזט זיך אַרונטער מיט אַ ליאַרעם. ווייטער קלעפּן מיר זיך צו צום טירל, לייגן צו די אויערן צום סאַמע לאָך פון שלאָס.

עס הערט זיך איצט פון דאָרטן, ווי אַ פּליעסק פון אַ שטילן וואַסערפאַל, וואָס שלעפּט נאָך זיך אַ באַרג מיט זאַמד אַראָפּ.

— חוה, גיט אונדז אויך אַ ביסל דורכזיפּן דאָס מצה־מעל, חוה . . .

זי שטעקט איר קאָפּ אַרויס, און ווי אַן אַנגעצונדענע גיט זי זיך אַ רים פון אָרט.

— איר וועט אויפהערן, צי ניין? איר וועט אַפּלאָזן דאָס טירל? — שרייט זי.

אַ גרויסע זיפּ, פול מיט ברעקלעך נישט־צעמאָלענע מצה, וויגט זיך אויף איר בויך. ס׳מעל שיט זיך פון דער זיפּ אין אַ שיטער רעגנדל אַראָפּ. דוכט זיך, עס שיט זיך מעל פון חוהס בויך אַרויס.

אַ ברודער קערט איבער די רעשטע מיטן קאָפּ אַראָפּ.

— אוי, משומד איינער! — צעפּלאַמט זיך חוה. — די הענט זאָלן דיר אָפּדאַרן! טאַטערשע נשמה דיינע!

זי הויבט שוין איר האַנט. שטעלט זיך אָפּ, דערמאָנט זיך — זי האַלט דאָך אַ פּסחדיקע זיפּ אין האַנט.

— אוי, אַ קלאָג צו מיינע יאָרן! — הויבט זי אָן צו כליפּען.

— רבונו של עולם, איך ווייס אַזוי אויך ניט וואוהין אַהינצוטאָן זיך פון אַרבעט! וואָס דרייט איר זיך דאָ אַרום? ווער האָט אייך גערופן?

— מיר ווילן דאָך אייך העלפן...

— מאַלע וואָס איר ווילט. כ׳דאַרף אייך אויף כפּרות! און וואָס זייט איר מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי אויסגעבונדן מיט מיר? גאַנצע מחותנים! לאָמיר זען ווער פון אונדז וועט דאָ אויספירן? זאָל נאָר עמעצער צוגיין צו דעם צימערל, כ׳וועל אים . . .

אַ מאָדנע אידינע! רק זי שילט זיך. אַז חוה גייט זיך פאַנאַנדער, איז בעסער זי ניט אָפּצושטעלן. מע קען פון איר קריגן אַ פּאָר אַזעלכע קלעפּ... זי קאָן נאָך אָנמסרן דעם רבין אויך...

זי ווייסט, סיי דער רבי, סיי טאַטע־מאַמע, אַלע וועלן איר צוגעבן, אַבי דער פּסח זאָל זיין כשר. לאָזן מיר חוהן צורו.

זי קילט זיך אָפּ און שלעפּט זיך קריק אין קיך אַריין. יעדער טראָט לאָזט איבער אַ ווייסן שפּור מעל, ווי פון אַ חיה אויף שנניי...

באַלד הערן מיר ווי זי טרעט צוריק. איינגעבויגן שלעפּט זי אויף זיך אַ פול פעסל מיט בורעקעס.

דאָס פעסל וויגט זיך, דער ראָסל פּליוכעט, רויטע טראָפּנס שפּריצן זיך אָן אויפן וועג.

חוה מאַטערט זיך. אירע גראָבע פיס אָנגעשוואָלן.

ווי קאָן מען איר העלפן? אַלע זיינען ביי איר טרפה. קיינער טאָר זיך צו גאָרניט צורירן.

— חוה, גיט כאָטש פאַרזוכן אַ ביסל ראָסל! ס'וועט אייך זיין גרינגער צו טראָגן — לויפן מיר איר נאָך.

זי גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ. איר פּנים גייט אַריבער פון רויט אין שוואַרץ, אירע אויגן — זעקלעך פול ווי מיט אַ נאַסן אַש. אַ קוועטש—און פאַרטיקע טרערן וועלן אַרויסקאַפּן פון זיי.

— אוי! — האַלט חוה נישט אויס, גיט נישט־ווילנדיק אַ זיפץ. — אוי, מיינע פיס, זיי הרגענען מיך אַוועק!...

נאָך נישט צוגעגאַנגען צום צימערל, לאָזט חוה פּלוצים דאָס עמערל פון די הענט אַרויס.

זי שטייט ווי אַ פאַרחלשטע, מאַכט מיט די הענט, מען זאָל נישט צוגיין צום פעסל.

— גיי, בעט זי איבער!

— ניין, גיי דו דער ערשטער, דו וועסט זי בעסער איינרעדן! — שטופּט אונטער איין ברודער דעם אַנדערן.

חוה ברעכט מיט די הענט.

— ווער ווייסט אייך דאָרטן, וואָס פאַר אַ הענט איר האָט, אַוודאי פול מיט חמץ.

— ווער, וואָס? שוין לאַנג געהאַט וואָס אין מויל! — און אַ כאַפּ דעם עמערל פון דיל אַרויף. חוה כליפּעט צו. ווען זי וואָלט קאָנען, וואָלט זי אונדז אויפן אָרט אויסכשרן אינגאַנצן.

— גאָט מיינער, די קינדער! נאָר אַ נאַש טאָן, נאָר אַ לעק טאָן!

* * *

ווערט דאָס פּסחדיקע צימערל פול מיט פריידיקע נאַשערייען — ס'רייצט און ס'ציט צו זיך.

הלמאי זאָל חוה אַליין פאַרזוכן דאָרטן פון די אַלע גוטע זאַכן? מיר קאָנען עס איר נישט פאַרגינען. אָבער חוה, ווי אַ קאַץ, הערט זיך צו — צי מע גייט נישט אַהין אַריין. מורא איבערלאָזן דעם צימערל אַליין. אפשר שלאָפט זי דאָרטן ביינאַכט?

קלייבן מיר קינדער זיך צונויף אין אַ רעדל און שעפּטשען זיך — וואַקסט גלייך לעבן אונדז אויס חוה.

— וואָס טוט איר דאָ? וואָס קלייבט איר זיך טאָן?

— גאָרנישט, מיר שטייען גלאַט אַזוי . . .

— וואָס שטייט מען עס אויף איין אָרט? איר גייט דאָך אַוודאי ערגעץ-וואו?

— ערגעץ נישט, וואוהין זאָלן מיר גיין?

זי גיט אַ בורטשע און גייט געוואָר ווערן וואָס ס'טוט זיך אין צימערל. יעדן טאָג טראָגט מען אַהין אַריין דאָ פּסחדיקן צוקער, דאָ זאַלץ, ניס, פלוימען, מאַנדלען.

אין אַלע ווינקלען שטייען לייוונטענע זעקלעך.

ס'דוכט זיך, חוה האָט הנאה אָנצוקלייבן די אַלע גוטע זאַכן, אונדז צו-להכעיס, אונדז צערייצן.

אַ מאָדנע אידענע! שוין דעם ערשטן טאָג פּסח שטאָפּט זי

אונדז אָן, אַז מיר האַלטן זיך פאַר די בייכער. און דאָ מאַטערט זי אונדז אוים די נשמה. יעדן טאָג די זעלבע מעשה.

אַבראַשקע דרייט זיך אַרום דעם טירל, לויפט צו, פליט אָפּ.

— באַשקע, ס׳דוכט זיך, מע האָט היינט אַריינגעבראַכט ראָזשינקעס!

— ניין, ס׳שמעקט עפּעס מיט פלוימען!

חוה כאַפּט אונדז אויפן אָרט.

— וואָס שמעקט איר דאָ אוים?

— אַ שמעק טאָן טאָר מען אויך נישט?

— גייט, שנייצט זיך אוים די נעז, ערגעץ וואו אָן אַ זייט. וואָס פאַר אַ גוטס קאָן שוין אַרויס, ווען מען לאָזט אייך דאָ איבער! איר וועט שוין פאַרשפאָרן אַ טרחה, וואָס אויספּרעגלען אויף יום־טוב!

זי נעמט זיך ערשט כשרן די כלים. יעדן טאָג פאַרשווינדט פון קיך איין קופּערנע פאַן נאָך אַ צווייטער. אַ גאַנץ יאָר שטייען די אַלע קופּערנע פאַנען, פענדלעך, אויסגעשטעלט אויף דער אויבערשטער פּאָליצע ווי גענעראַלן אויף אַ פּאַראַד — שיינען, גלאַנצן און וואַרפן אָפּ פייערדיקע בליקן פון זייער אויבן־אָן.

צו פּסח־צו שוין אָפּגעבליאַקעוועט, שלעפּט זיי חוה פאַר אָן עק — פאַר זייערע שוואַרצע, אָפּגעברענטע הענטלעך, פון די פּאָליצעס אַראָפּ. זי טראָגט זיי כשרן צום בלעכער. אַפילו דער אַלטער שבתדיקער ליאַק און דער אויסגענוצטער סאַמאָוואַר, אין וועלכן מע פלעגט שוין נישט מער אָנגיסן אַ טראָפּן וואַסער, כשרט זי אוים אויף דעם זעלבן אופן, ווי דער וואָס האָט געזידט און געקאָכט גאַנצע מעת־לעתן נאָכאַנאַנד.

אפשר שפּריצט פון אים אַרוים אַ פּינטל חמץ?

די אויסגעכשרטע כלים ציען זיך איבער פון אינעווייניק מיט אַ נייער הויט. טראָגט חוה זיי אין חדרל אַריין. און יעדע

באַזונדער ווילקלט זי אין אַ ליילעך אַריין. די אַלע ליילעכער בלאָזן אָן אַ ווינט פון ציטער אויף דער איבעריקער שטוב.

* * *

— באַשענקע, דו ביסט דאָך שוין אַ גרויס מיידעלע, נאַ דיר דעם שליסל, קוק איבער דעם גלעזער־אַלמער.

— ס׳דוכט זיך, פאַראַיאָרן האָט מען צעבראָכן אַ פּר כוסות.

— קאָמאַנדעוועט חוה שוין אויסער דעם חדרל. אַ באַזונדער פּסחדיקער אַלמער איז איינגעמויערט אין דער וואַנט פון עס־צימער.

אַ גאַנץ יאָר איז דער אַלמער פאַרשלאָסן. פאַרגעסט מען, אַז ס׳איז אַ לעבעדיקער אַלמער.

איך עפן זיינע טירן. ס׳גיט אַ בלאָז אָן אַלטער ריח. איינגעשפּאַרטע טעלער, בעכערס, גלעזער וועקן זיך אויף:

— וואָס פעלט אוים, אַ קעלישעק, אַ כוס?

שטעל איך זיך אויף אַ שטול. קריך מיטן קאָפּ אין די אַלע דריי פּאָליצעס אַריין. איך צייל די כוסות. ווען זיי קלעקן פאַר אַלעמען?

כ׳לייג איבער אין קאָפּ, ווי איך זאָל שוין זען זיצן ביים טיש, יעדן אויף זיין אָרט.

דער גלעזער־אַלמער פינקלט. פון אַלע זייטן — גלאָז, פאַרצעליי, גלאַטע, מיט גאָלד אויסגעקריצט. אַ פּאָליצע מיט כוסות. עס שווינדלט פון גלאָז. גראָבע, דינע, הויכע, קליינע, קוקן זיך אָן איינע די אַנדערע, ווי אין שפּיגלען.

אָן אַ זייט שטייען טיף פאַרטראַכט, ווי פאַרשלייערט פון זייער אייגענעם הימל, רויטע, בלויע, בעמישע בעכערס. דער ריח פון פאַראַיאָריקן ווין האָט זיך נישט אויסגעוועפּט פון זיי.

העכער מיט אַ קאָפּ פון אַלעמען האַלט זיך ווי אַ קייסער אליהו הנביאס כוס. איך טאַפּ אים פאַמעלעך אָן.

יעדן פּסח ציטער איך, ער זאָל נישט פּלאַצן פונעם פולן ווין, וואָס מע גיסט אין אים אַריין. אַפילו אַ ליידיקער שפּריצט

ער מיט רויטע פונקען, ווי מיט טראָפּנס וויין. מיר הויבט זיך אָן דוכטן: איך זיץ אויף אַ בוים, וואו רויטע, בלויע, נישט־היימישע פייגלען זינגען, פּיקן מיט זייערע שנאָבלען. די ברייטע, רויטע פלאַשן גיבן צו נאָך מער פלאַם. אין זייער רויטן גלאָז ווערט אַפילו פּשוטע וואַסער ווערן רויט ווי בלוט.

וואָס וועט זיין, ווען די אַלע פלאַשן און כוסות וועלן זיך אַרויפשטעלן אויפן סדר־טיש, פול מיט וויין?

עס וועט זיך אָנצינדן דאָס ווייסע טישטוך. ס׳וועט ברענען אַ שרפה.

מיינע אויסגעמאַטערטע אויגן קריכן אַריבער אויף אַן אַנדער פּאָליצע. דאָרט שטייט אַ ברייטע זופּן־שיסל, אויסגעמאָלט מיט רויטע בלומען. די שיסל איז שווער, נישט אויפצוהויבן זי. איצט פאַרשטיי איך, פאַרוואָס עס ברעכן זיך חוהס הענט, ווען זי טראָגט אונטער דער מאַמען די שיסל פול מיט יויך און גראָבינקע קניידלעך, וואָס וויגן זיך דערין, ווי קינדערשע בייכלעך.

לעבן שיסל שטייען טעלער, אַ גאַנצע קראָם מיט טעלער! איך קוק אויס די גאָר קליינינקע, וואו מען דערלאַנגט כיבוד פאַר די אורחים.

דערלאַנגען כיבוד איז מיין זאַך. איך דאַרף אויסרעכענען, וואו וועל איך אַנלייגן איינגעמאַכטס, וואו טייגלעך, וואו מאַנדלען. יעדעס טעלערל האָט אין זיין מיטן אַן אויסגעמאָלטן עפּל, אַ באַר. קריכן זיי אין די אויגן, פאַרשמעקן ווי אמתע פרוכטן. זיי פאַרדרייען מיר דעם חשבון.

מיטאַמאָל דערזע איך, עס שטייט שעמעוודיק אַן אַ זייט אַ מילך־קריגל מיט אַן אָפּגעריסענעם נעזל.

כ׳קוק זיך אַרום — נישטאָ קיין אַנדער קריגל.

ווען איך גיי אין קראָם אַריין און זאָג דער מאַמען, אַז מע דאַרף קויפן אַ ניי קריגל, וועט זי אויף מיר אָנפאַלן:

— וואָס דורעסטו מיר אַ מוח מיט דיין קריגל? דאָ האָרע־

וועט מען ווי אַ פערד, ביז מען פאַרדינט אַ גראָשן, און אין שטוב האַלט מען אין איין גנבענען און ברעכן.

אפשר, בעסער נישט זאָגן וועגן דעם דער מאַמען? וואו וועל איך נאָך קריגן אַזאַ בלויען קריגל, ער זאָל זיך צופּאַסן צו דער בלויער צוקער־פּושקע?

* * *

פאַל איך אַריין אין פּאָרצעליי־געשעפט, ווער איך דאָרטן פאַרפאַלן.

ס׳קלינגט פון דעם אויסגעשטעלטן גלאָז. איך זע זיך אָן אין אַלע גלעזער. אין איינעם אַ האַלבע צורה. דאָ — מיין נאָז — אויסגעצויגן, דאָרטן — צעפּלאַטשט. לעבן מיר דער באַלע־באָס, אַ הויכער, דיקער איד. דורך זיין שוואַרצן בגד זעט מען נישט קיין גלאָז. דרייט ער זיך גרינג אַרום די גלעזער, טאַפּט זיי אָן מיט זיינע אויגן. פון צייט צו צייט גיט ער אַ קנאַק מיטן פינגער אַ גלעזל. טוט ער עס — געוואָר צו ווערן צי זיין סחורה איז גאַנץ, אָדער צו באַוואונדערן, ווייזן מיר אַ קונץ?

דאָס אָנגערירטע גלעזל גיט אַ קלונג, ווי אַ געשריי אין דער לופטן. דער קלונג לויפט אַריבער איבער דער גאַנצער קראָם. אַלע אויסגעשטעלטע כלים ציטערן אויף.

נעמט אָפּ דער באַלעבאָס דעם פינגער. פאַרשטעקט זיך דער קלאַנג ערגעץ־וואו אין אַ ווינקל און ס׳ווערט ווייטער שטיל. עס הערן זיך נאָר אונדזערע ביידנס טריט.

איך פאַרגעס וואָס איך דאַרף קויפן. חוה האָט וואָס געבעטן ברענגען פאַר דער קיך.

— קוק אָן! — פליסטערט מיר אין אויער דער באַלעבאָס פון קראָם. — זע די נייאינקע קעלישקעס! ערשט אָנגעקומען. אמת, שיינע? — וואַרפט ער מיר צופעליק אַריין און מיין קאָפּ פאַרדרייט זיך נאָך מער.

די פיינע קעלישקעס ווינקען צו מיר, ווי צאַרטע בלימעלעך.

איין בלאָז פון אַ ווינט קאָן זיי אָראָפּגליטשן פון דער פּאָליצע. זיי רייצן מיט זייער שאַרפן גלאָז. עס ווילט זיך צולייגן זיי צו די באַקן, צו דעם מויל.

אין די אויערן זשומעט חוהס קול:

— ווייטער קעלישקעס? צוליב וואָס, צוליב וועמען? ס'איז דאָך אַפילו נישטאָ וואו זיי אַוועקצושטעלן. אַט פאַר מיר האָסטו פאַרגעסן קויפן אַ פּאָר פּראָסטע טעלער. אויף וואָס טויג אַזאַ גלעזל? — וועט חוה אויפהויבן דעם קעלישעק אויפן ליכט. — גיב אַ קוק, ער וועט זיך צעגיין אין וואַסער! וויפיל שוין אַזעלכע קעלישקעס זיינען געבליבן אין האַנט צווישן די גראָבע האַנטיכער?

— אָבער זיי זיינען אַזעלכע שיינע! איך האָב נישט געהאַט קיין האַרץ זיי איבערלאָזן אין קראָם.

זאָל מען אויף מיר שרייען!

וויניק איז דאָ אין שטוב איבעריקע זאַכן?

דער סדר

פון דער פרי אָן לערן איך מה נשתנה. איך בין די מיזינקע, דאַרף איך פרעגן ביים טאַטן די פיר קשיות.

— אַי! יעדן יאָר זאָגסטו די זעלבע גרייזן, — בייזערט זיך אויף מיר אַ ברודער.

— און פאַרוואָס זיינען יעדן יאָר די זעלבע קשיות?

ס'איז אַן אָפּקומעניש פאַר אים איבערחזרן מיט מיר מה נשתנה. ביי מיר אין מוח שטופּן זיך נישט פיר, נאָר פערציק קשיות. נאָר גיי פרעג ביים טאַטן קשיות!

— פרא אָדם, וואָס פרעגסטו אַלץ קשיות? — שרייט מען דאָך אויף מיר אַ גאַנצן יאָר.

אָבער דער טאַטע איז דאָ נישטאָ, קען איך דאָך ביי אים פרעגן:

— טאַטע, פאַרוואָס ווערסטו מיט אַמאָל צום סדר אַ קייסער? פאַרוואָס שוין אין ערשטן טאָג חול-המועד ווערסטו אוים מלך און אונדזער גאַנצע מלוכה איז אוים? טאַטע, פאַר־וואָס זיצט נישט אליהו הנביא ביים סדר לעבן דיר? ער, אַוודאי, האָט דאָך געקאָנט זיין אַ קייסער. זיין כוס איז דאָך דער גרעסטער, דער שענסטער.

— פאַרוואָס, טאַטע, בלייבט שטיין זיין כוס נישט אָנגערירט אין מיטן טיש? פאַרוואָס קומט ער נישט כאָטש אָפּגיסן די

מכות? פאַרוואָס עסט ער נישט מיט אונדז אינאיינעם און נאָר נאָך דער וועטשערע גייען מיר עפענען די טיר, אים רופן?

— טאַטע, פאַרוואָס זאָגט ער אונדז צו: „לשנה הבאה בירושלים" יעדן יאָר דעם זעלבן צוזאָג און אַליין באַהאַלט ער זיך אין דער פינצטער פון דער נאַכט? פאַרוואָס, פאַרוואָס?...

— וואָס טאַפּטשעסטו זיך אויף איין אָרט, פאַרשלאָפּענע עין-הרע? — פאַלט אָן דער ברודער. — אָט איז דאָך דיין שורה. זאָג מיר נאָך.

נאָך אַ מאָל, פון אויבן ביזן סוף, חזר איך איבער די פיר קשיות אויפן קול.

ס'טומלט זיך אין שטוב. איך גיי אַרום פאַמעלעך, ווי איך וואָלט טראָגן אויף מיין קאָפּ אַ פולן קרוג מיט קשיות. איך שעפּטשע זיי שטילערהייט. האָב מורא, זיי זאָלן זיך נישט אויס-פלעשקען פון מיין זכרון.

דער טאָג פאַרגייט. ס'שמעקן פסחדיקע מאכלים. זיי טראָגן זיך אַרויס, אַריין.

חוה טראָגט זיך ווי אַ ווינט פון קיך אין עס-צימער און קריק. יעדע רגע שטעלט זי זיך אָפּ. האַלט אין ציילן אויף די פינגער:

— חרוסת... — פאַרבייגט זי איין פינגער.

— העלדזלעך... — פאַרבייגט זי נאָך אַ פינגער.

— אייער אָפּגעקאָכט... וואָס נאָך? וואו איז סאַשע? — גיט זי מיט אַמאָל אַ געשריי. — אָט אַז מען דאַרף זי, איז זי נישטאָ. סדר, נישט סדר, אַלץ איינס פאַר איר...

— באַשענקע, גיי רוף זי. אַוודאי איז זי אַראָפּ אין קעלער מיט איוואַנען. ביי זיי איז דאָך זייער וועטשערע שוין פאַרטיק, — גיט חוה אַ שפּיי אָן אַ זייט, ווי איר וואָלט געוואָרן שפּל פון זייער חמץ.

איך לויף אַרויס און דערקען נישט אונדזער קעלער. ער לויכט מיט זיינע שוואַרצע ווענט. סאַשע האָט אים אַזוי אויס-

געליידיקט, איז ער געוואָרן גרויס און גראָם. קיין בלאַטע. עס שמעקט ניט מער מיט נאַפט, מיט שימל פון זויער־קרויט און אוגערקעס. פעסלעך פאַרשטעקט הינטער דעם האָלץ. אין מיטן קעלער אויסגעראַמט אַ שטיקל עס־צימער פאַר דער פסחדיקער וואָך. זיצט זיך דאָ סאַשע אויף אַ קלאָץ, זיצט ווי אַ באַלעבאָסטע און לעבן איר אויף אַן אַנדער קלאָץ — דער שומר איוואַן. איבער זייערע קעפּ לייכט אַ קליין בלעכן לעמפּל. עס שטייט אַ ביסל אָפּ פון דער וואַנט. די וואַנט — נאַס, נאָר דאָס גלעזל אַזוי אויסגעפּוצט, אַז דאָס פייערל איז פריש און פריילעך. גיט זיך אַ בייג אָן אַ זייט, וואַרפט אַ בליק אויף סאַשעס ווייסן קלייד, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער הוילער ערד. איר טישל — פול מיט עסן. זי שטאָפּט אָן די באַקן און הערט נישט אויף צו לאַכן. איוואַן, אַ שוואַרץ־בערדיקער, ווי אַ בער אין זיין שעפּסענעם טולופּ, ווישט אַלץ אָפּ זיינע נאַסע וואָנצעס.

— אַ, באַשוטקע, ווילסט אַ שטיקל חמץ? — לאַכט ער גראָב אונטער.

— סאַשע! — גיב איך זיך אַ קער צו אים מיטן רוקן. — חוה רופט דיך, אַלע זיינען שוין דאָ, באַלד איז דאָך דער סדר!

איך שלעפּ זי פאַרן אַרבל, זי זאָל נישט זיין דאָ אַליין אין קעלער מיט דעם שיכורן איוואַן. זי טוט אַ הייב אירע קליידלעך, גיט אַ נעם זיי אין האַנט, שפּריצט אויס אַ לעצטן געלעכטער איוואַנען אין צורה אַריין און לויפט מיט מיר פון קעלער אַרויס.

— טאַקע אמת, באַשוטקע, אַלע דאָ? אי, אי, אי... קום גיכער... — בויגן זיך די טרעפּ אונטער סאַשעס פיס.

אויבן אין עס־צימער בלאָזט דער יום־טוב מיט אַלע כחות. דער טיש אויסגעצויגן פון איין וואַנט ביז דער אַנדערער. אַ ווייסער סדר־טיש אין שטומער ליכט פון רויטע כוסות. אַ גלאַנציקער טישטוך שטעכט די אויגן. לייכטער שיינען. הויכע, ווייסע ליכט, נאָך נישט אָנגעצונדענע, ציטערן אין דער לופטן. אַפילו דער באַלקן לויכט מיט די אויסגעשייערטע קייטן פונעם

הענגלאָמפּ. בערגלעך שמורה־מצה איינגעהילט אין סערוועטן, ווי אין אַ טלית־קטן. גרויסע ווייסע קישנס קריכן שעמעוודיק אַרויס, בלאָזן אויף די מצות. די פּייערלעכע טאָוועלעך פון די הגדות פינקלען מיט זייערע גאָלדענע אותיות.

די ערשטע גייט אַריין די מאַמע, אָנגעטאָן אין איר יום־טובדיקן קלייד. ס'פּנים שיינט. די האָר אויפגעבלאָזן, זעט זי אויס העכער. ס'קלייד ברייט, לאַנג, אָנגעפּיקעוועט מיט שפּיצן, קנעפּלעך, בענדלעך, ציט זיך איבערן דיל, שורשעט, פּילט אָן מיט רויש דעם גאַנצן חדר. זי גייט צו די ליכט צו, צינדט זיי אָן, נעמט זיי ברייט אַרום מיט אירע ביידע הענט, ווי זי וואָלט מיט די ליכט אינאיינעם בענטשן דעם גאַנצן טיש.

ס'ווערט ווארעם און ליכטיק, ווי נישט נאָר דער מאַמעס זיבן ליכט האָבן זיך אָנגעצונדן — הונדערטער ליכט מיט אַמאָל. זיי נעמען אַרום מיט זייער ווארעמען פייער דעם קאַלטן גלאַנץ פון טישטוך, ווי ערשט זיינען זיי אַליין געווען אַרומגענומען פון דער מאַמעס ווארעמע הענט.

ביי די שכנים פון הויף האָבן זיך אויך אָנגעצונדן ליכט. עס צעקרייצט זיך דער פייער פון אַלעמענס ליכט. ער שפּריצט ווי מיט גליענדיקן גאָלד, שיינט אָפּ אין די פענצטער, צעלויכט זיך איבערן טיש, שפּילט זיך, ברענט אויף די אויסגעשטיקטע קוויטלעך פון דעם טישטוך, בלאָזט אויף די פלאַשן וויין, וואָס שטייען און ווארטן, רויטלט די רויטע כוסות.

אַ פּלעמל נאָך אַ פּלעמל לעקט דעם ווייסן טיש. ער איז נאָך נישט אין גאַנצן פאַרטיק. מען גרייט אים. מע פרעגט זיך גאָר נישט, צי וועט ער אויסהאַלטן, דער טיש, די אַלע אָנגעשטעלטע זאַכן...

— חוה, האָסט אָפּגעשיילט די אייער? וואו איז זאַלץ־וואַסער? — די מאַמע דרייט זיך אַרום דעם טיש. וויל אַרומנעמען מיט די אויגן זיין גאַנצע לענג. צי פעלט נישט וואָס, און וואָס צולייגן.

— גיב אהער נאָך אַ קישן. גאָר פאַרגעסן, ס'וועט זיין נאָך אַן אורח. צי איבער נייע ציכלעך.

בעטן זיך אוים נאָך אַ פּאָר ווייסע קישנס. שטולן, ווי טראַגעדיקע, קריכן מיט די בייכער אין דער הויך.

— מאַמע, ווער וועט קומען? וויפיל וועלן מיר זיין צום סדר?

— אַ, — מאַכט זי מיט דער האַנט, — ווער ציילט עס, נאָך אין אַ יום-טוב?

— שאַ, אַט גייט מען שוין פון שול.

מע הערט זשומען אַ פרעמדן קול. ס'גייט אריין אַן אורח.

— גוט יום-טוב!

— גוט יום-טוב! וואָס מאַכט איר?

— דאָס זיינען אייערע אינגלעך? שוין געווען בר-מצווה?

— קריגט יעדערער אַ קניפּ אין באַק.

דער ערשער אורח, דעם טאַטנס אַ ווייטער קרוב, אַ הענדלער אין אַרומיקע שטעטלעך. ער ווייסט — ביים טאַטן אַ קרוב איז הייליק. האָט ער זיך אַליין אַנגערופן צום סדר. האַלט זיך ווי ביי זיך אין דער היים. ברומט אונטער אַ ניגון, גייט אַרום, שנייצט הויך אוים די נאָז, מוסרט, גיט עצות.

צו יעדן נייעם אורח, וואָס גייט אַריין, גיט ער דער ערשטער אַ ברייטן שלום-עליכם.

ס'טומלט זיך פון עולם. אַלע וואַרטן אויפן טאַטן. מען דערציילט דערוויילע מעשיות. מע וואַרפט זיך מיט גלייכ-ווערטלעך.

— וואָס לערנסטו איצט, באַשענקע? קאָנסט שוין גוט רוסיש?

— האָסט גוטע „אַטמעטקעס"? — שטייען פלוצים צו די אַנגעפּאַרענע ברידער און שוועסטער.

איך קוק זיי אָן, ווי זיי אויך וואָלטן געווען פרעמדע געסט. אַ גאַנץ יאָר זעט מען זיי נישט. דער לערנט זיך אין אויסלאַנד...

די שוועסטער לעבט אין אַן אַנדער שטאָט. היי־יאָר קומט זי מיט אירע צוויי קינדערלעך. זיי קריכן אַלעמען אויף די פּיס, באַזונדער ווער ס'האָט אַ לאַנגע פּוס, בעטן זיי זיך מע זאָל זיי אַ וויג טאָן.

אַלע פרייען זיך. נאָר ביי איין אַלטן בחור זיינען די אייגן טרויעריק, פאַרטראַכט. ער קוקט אויף די אינגלעך, וואָס שפּילן זיך. ער דערמאָנט זיך, אַז ער האָט אויך אַמאָל געהאַט אַ טאַטע־מאַמע, אַן אייגענע היים. פאַררוקט ער זיך אין אַ ווינקל, ווי אַ קליינער אינגל...

— גוט יום־טוב! — גייען אַריין און שטעלן זיך אַוועק אין איין ריי דריי סאָלדאַטיקעס, אויסגעפּוצטע לכּבֿוד פּסח. דער רויש פון צימער שלעפּט זיי אין מיטן אַריין.

— שאַ, דער טאַטע גייט!

דער טומל האַקט זיך אָפּ.

נישט גלייך דערקענט דעם טאַטן. אַ נייער טאַטע! אין טיר שטעלט זיך אוים אַ ווייסער מלך, איינגעהילט אין ווייסן פון קאָפּ ביז די פּיס. פאַרלירט זיך אין זיין ברייטן ווייס־זיידענעם קיטל. דער ווייסער זייד שימערט, לויפט אָן אין פאַלדן. דער גראָבער גאַרטל האַלט זיי אונטער. די אַרבל, ווי פליגלען הענגען אַראָפּ, לאַנג און ברייט, פאַרדעקן די הענט מיט די פינגער. אַ ווייס־זיידענע יאַרמעלקע בלישטשעט אויף זיינע ווייסע האָר. פון דער ווייסקייט זעט ער אויס נאָך ברייטער און דיקער. ס'פּנים שטראַלט נאָך מער. פון אים גייט ווי אַ ווייסער ריח. זאָל דער טאַטע נאָר אַ פאָכע טאָן — וועלן די אַרבל אים אויפהויבן, ווי אויף פליגלען. איך קוק אים אין פּנים אַריין. ער איז דאָך היינט אַ קייסער.

— גוט יום־טוב!

— גוט יום־טוב!

דער סדר הויבט זיך אָן.

* * *

דער טאַטע פאַרנעמט דעם גאַנצן אויבן-אָן. לעבן זיינע צוויי אָנגעבלאָזענע קישנס זיצט ער טאַקע ווי אַ קייסער אויפן טראָן-שטול. נאָך אים גיט זיך אַ שאַר צום טיש דער גאַנצער עולם. מען שטופּט זיך, מען רוקט די שטולן, מען קוועטשט זיך אין טיש אַריין. אַנדערע אויף אַרומיקע קישנס זיצן ווי אויפגעהויבן אין דער הויך. דער טאַטע, דער ערשטער, לייגט אָפּ די סערוועט פון זיין סדר, גיט אויף איר אַ וואָרף אַ שאַרפן בליק.. דער מאַמעס אויגן שטעלן זיך אָפּ: — שוין זשע וואָס פאַרגעסן? — פון זיינע גלעזערנע „שמורות" שטעקן אַרויס ווי שטיקער מאַך פון אַן אַלטן דאַך — צווייגלעך געווירצן, אַ קופּקע מרור, אַ געבראָטענע העלדזל, אַ האַרטע איי. ס'עפענען זיך די אַנדערע סדרים, אויך אָנגעלייגטע ווי ביים טאַטן.

— אַרקע! דו וועסט מיר אָוועקגעבן דיין גאַנצן מרור, אַ?

— גיט פלוצים אַ געשריי אַבראַשקע איבערן טיש צו דעם עלטערן ברודער.

— אַך, גראָבער יונג דו איינער! ביסט נאָר פאַרקאָכט אין איין זאַך! יום-טוב, נישט יום-טוב, נאָר די אכילה ליגט דיר אין זינען.

— און דו, וואָס בילסטו יום-טוב ווי אַ הונט? איך בעט דאָך מרור!...

— ביסט גרייט זיך איבערעסן אַפילו מיט ביטערן כריין! וואָס, מען קען דיך נישט? כאַ, כאַ...

— שאַ! — שטעלט זיי אָפּ דער טאַטע. — וואָס איז דאָרטן ביי אייך פאַר אַ יאַריד?

— גיסט אָן די כוסות! דערלאַנגט וויין די אורחים!

בוטלען וויין גייען איבער פון איין האַנט אין דער אַנדערער. מען רייסט זיי פון די הענט. דער וויין בולקעט, באַשפּריצט דעם טישטוך.

— טאַקע גוטער וויין! נישט אמת? — האָט עמעצער

שוין אריינגעכאפּט אַ טראָפּן. — כ׳זאָל האָבן אַזאַ גליק, ווי ער איז זים!

— אַה, אַה! אליהו הנביאס כוס!

דער טאַטע שאָקלט מיטן קאָפּ. די מאַמע וואַרפט צו:

— נעמט אָפּ פון דער פלאַש וויין, ס׳איז אַ בעסערער! — גיט זיך אַ בויג אַ בוטל איבערן טיש. דער הויכער, רויטער אליהו הנביאס כוס, וואָס איז ערשט געשטאַנען אַ שטילער, אַ פאַרטראַכטער, גיסט זיך אָן ביזן סאַמע ברעג.

דער וויין הויבט אָן שוימען. ס׳שווינדלט אין קאָפּ פונעם שטאַרקן וויין־ריח, וואָס טראָגט זיך פון די כוסות. מיט אַמאָל, ווי אַ ווינט וואָלט אַ בלאָז געטאָן, פון די אויפגעעפנטע הגדות, פון די אויפגעמישטע בלעטלעך. אַלעמענס קעפּ אַריבערגעבויגן. ס׳שרייען זיך אויס די ערשטע ברכות.

איך זיץ פאַרקוועטשט אין מיין ווינקל ווי אַלע מאָל צווישן טאַטן און מאַמען. פון דעם טאַטנס קישנס איז מיין ווינקל נאָך ענגער. פון זיי בלאָזט אַ היץ. עס שטיקט מיר אין האַרצן. דער קאָפּ — שווער פון וויין. די קישנס ציען צו זיך — אָנלייגן דעם קאָפּ אויף זייערע ווייכע פעדערן. אָבער איך ווייס — באַלד, נאָך אַ פּאָר ברכות און צו מיר וועט זיך אַ בייג טאָן דער טאַטע, ווי נישט איך ביי אים, נאָר ער ביי מיר, וועט פרעגן די פיר קשיות.

אָט טוט ער שוין אַ וואונק אין מיין זייט...

— נו, נו... מה־נשתנה!...

ווערט מיט אַמאָל שטיל. אַלע קוקן אויף מיר. איך פאַרשטעק מיין קאָפּ אין דער הגדה. דער קאָפּ קוליעט זיך איבער מיט די אותיות אינאיינעם. כ׳פיר מיטן פינגער, וויל אויסגלייכן די שורות. טו אַ שלונג דעם אָטעם, ציטער אויף פון מיין אייגן קול:

— מה נשתנה . . .

דער טאַטע זאָגט שטיל אונטער. מיר דוכט זיך: אויף דעם אַנדער עק טיש שטיקט מען זיך פון געלעכטער. פאַרפלאָנטער

איך זיך נאָך מער. איך קריך פון איין שורה אויף דער אַנדערער. צעמיש מיינע קשיות... איך האָב זיי דאָך אַלע אַזוי גוט געקענט אויף אויסנווייניק. געהאַט אַזוי פיל וואָס צו פרעגן... קוים דערזאָגט דאָס לעצטע וואָרט — ברעכט אויס אַ געשריי... אויס־געלייזטע האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטאָן צו דער הגדה.

דער לאַנגער טיש — ווי אויף רעדער אַוועקגעפאָרן. יעדערער זאָגט פאַר זיך. וויל איבעריאָגן דעם אַנדערן. איינער איילט זיך נאָכן צווייטן, פאַררופט אים, שטופּט אונטער מיט זיין קול.

די קולות הילכן אָפּ אין די פענצטער, דראַפּען זיך אויף די ווענט, וועקן אויף דאָס בילד פונעם אַלטן רבי שניאורסאָן, וואָס הענגט ביי אונדז יאָרן־לאַנג. מיט זיינע גרינע אויגן קוקט ער אַרום און הערט זיך צו צו יעדן קול, ווי ער וואָלט וועלן יעדערן פאַרהערן. אויף דער אַנדער וואַנט קאָן אויך מער נישט רואיק הענגען דער אַלטיטשקער רבי מענדעלע. אַ פּאָרטראַכטער, איינ־געהילט אין זיין וויסן קיטל, אין זיין לאַנגער, ווייסער באָרד — גייט ער אַראָפּ פון בילד, ווי מע וואָלט אים אַרויסרופן פון דער הגדה. די הוילע ווענט האָבן אָנגעשטעלט זייערע אויערן. דער באַלקן אַראָפּגענידערט, הערט זיך צו צו דער הגדה, גלייך ער וואָלט דאַרפן יעדעס וואָרט פאַרטראָגן אין דער הויך.

אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל. ווערטער שיטן זיך ווי זאַמד פון מדבר. כ׳בין מיד פון קוקן אַליין אויף אַלעמען.

— וואו האַלט מען?

די ברידער, ווי איינגעשפּאַנט, לויפן פאָראויס.

— באַנדער דו איינער, וואו ביסטו פאַרקראָכן? — דער־הערט זיך מיט אַמאָל נישט אַ לשון־קודשדיק וואָרט. — דו האָסט דאָך איבערגעהיפּט אַ פּאָר זייטלעך! — דאָס שרייט מענדל אויף אַבראַשקען.

— וועמען וועט ער אויסנאַרן, און וואוהין לויפט מען עס? בערגלעך אותיות, שורות הויבן זיך, לויפן ווי אויף טרעפּ

אַרויף, אַראָפּ. איך פאַרבלאָנדזשע אין מיין הגדה. כ'טאַפּ אירע געלע זייטלעך. וואו אַ פליאַמע פון וויין, וואו פאַרשטעקט אַ שטיקל פאַראיאָריקע מצה. מיט אַמאָל בלעטל איך אויף אַן אָנגעמאָלט בילדל: אַ סדר־טיש מיט אויסגעדאַרטע פנימער.

עס טוט אַ קוועטש אין האַרצן. אָט זיינען זיי, אונדזערע זיידעס, באָבעס טייערינקע. ווי אויסגעמאַטערט, ווי אויסגעטריקנט זיי זיינען! איך גלעט, בלעטער ווייטער, מיש אַ זייטל נאָך אַ זייטל. איך זוך זיי אומעטום. דאָס שטיקל מצה צעברעקלט זיך, צעשיט זיך איבער דער הגדה. ווי דאָס זאַמד פון מצרים וואָלט אַ שאָרך געטאָן אונטער די פיס.

איך מורמל: — „קנעכט זיינען מיר געווען״...

די פולע זייטלעך הייבן אָן שטיקן. אין די אויערן בלאָזט דער מדבר־ווינט. די בלאַסע שאָטנס פונעם אויסגעמאָלטן בילד קומען אָן נעענטער. זיי אָטעמען אין מויל אַריין. נאָר אָנגערירט זיי מיט אַ וואָרט — לייגן זיי שוין אויס זייער האַרץ, זייערע ליידן, ווי זיי האָבן געשפּאַנט פון גלות איבערן מדבר, זיך אָפּגעשטעלט און ווייטער געשפּאַנט. טעג, נעכט, יאָרן אָן וואַסער, אָן ברויט. עס נעמט אַרום די נשמה ווי מיט אַ שפּין־ראָד. איך הער זייערע טריט. זיי שוויצן, טאָפּטשען. רוקנס איינגעבויגענע.

מיינע אייגענע פּלייצעס לייגן זיך אויף מיר אָן, ווי איך אַליין וואָלט זיך געשלעפּט איבערן טיפן זאַמד. ס'ווערט טרוקן אין מויל. שווער אויסרעדן די ווערטער. ווי מיט שטיקער ליים פאַרקלעפּן זיי די ליפּן. איך שעפּטשע, בויג זיך איבער. וויל אַריינקריכן אין דער הגדה, אַרויסגיין אויפן לאַנגן וועג. גיין מיט אַלעמען אינאיינעם, זאָגן זיי אַ וואָרט, העלפן וואָס טראָגן...

פּלוצים טוט אַ קלאַפּ אין קאָפּ: שוין זשע זיינען מיט זיי אויך געגאַנגען קינדער? זיי האָבן דאָך געוויינט, געפּישטשעט...

— וואו האַלט מען?

מיר דוכט זיך, אַלע האָבן זיך פאַרבלאָנדזשעט. איך וועל זיי קיין מאָל ניט דעריאָגן.

— וואו האַלט דער טאַטע? בעסער צוהערן זיך צו אים. זיין קול איז געלאַסן. יעדעס וואָרט ווי אַ טראַט נאָך אַ טראַט, קלאַפּט זיך אָפּ אָן דעם טיש. ער גייט ווי אויף אַן אויסגעגלייכטן וועג. איך וואָלט וועלן גיין מיט אים פוס צו פוס. גאָט צו דאַנקען, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע, איבערגעכאַפּט דעם אָטעם.

— נו, מכות... — ווייזט ער מיט דער האַנט, מע זאָל וואָס דערלאַנגען וואו אָפּצוגיסן די מכות.

— דם... צפרדע...

עס קלינגט ביים טאַטן ווי אַ גלאָק. יעדע מכה שטופּט זיך אָפּ, פאַרגיסט זיך מיט אַ לאַנגן טראָפּן וויין. ווי דער טאַטע וואָלט וועלן יעדע בייזע אַנשיקעניש וואָס וויטער אָפּשטופּן פון זיך. אויסגעגאָסן זיין גאַנצן כוס.

נעמט די מאַמע איבער דאָס טעפּעלע און גיסט אָפּ פאַמעלעך אירע מכות. שעמט זיך צו הויך אָנרופן זיי, מורא צו פאַר־שפּריצן דעם טישטוך. יעדער האַלט זיין כוס אין האַנט, ווי ער וואָלט זיך גרייטן געבן קלעפּ. כאַפּט איבער דאָס טעפּעלע צו זיך, גיסט אָפּ, ווי ער וואָלט פאַרשפּייען דעם שונא זיין פּנים. יעדער צילט זיך טרעפן אינעם מיטן פונעם טעפּעלע, אַריינ־וואַרפן די קללות גלייך אין האַרץ אַריין. פאַלן זיי, ווי אויס־געשאָסענע קוילן, אויפן גרונט טעפּעלע אַנידער.

איך קריג דאָס טעפּעלע די לעצטע. אין אים בולקען שוין אַזויפיל מכות, ווי שפּייעכץ זיינען זיי דאָרט געדיכט געוואָרן.

דם.... צפרדע... כינים... ערוב... נאַ דיר...

נאַ דיר... — איך וואַרף זיך ווי מיט שטיינער. איך גיס אויס, איך גיס איבער.

איך קאָן נישט איינהאַלטן די האַנט. דאָס ליימענע טעפּעלע וואַקסט אויס אין אַ ליימענעם קאָפּ פונעם בייזן פּרעה. איך וואָלט וועלן אויף אים אויסגיסן אַלע מכות מיט אַמאָל, צעברעכן אָן אים דעם כוס, פאַרבלוטיקן אים מיט רויטן וויין...

— ארבה... חושך... אָט איז דיר פאַר מיינע פאַר־

פייניקטע זיידעס, באָבעס . . . מכות בכורים . . . אָט איז דיר פאַר די פאַרמוטשעטע עופהלעך . . .

איך דערשרעק זיך אַליין פון די קללות, פון די רויטע פליאַמעס אויף דעם טישטוך. איך גיס גיכער אוים מיין גאַנצן וויין.

אליהו הנביא

אויסגעמאַטערטע פון עסן, פון הגדה זאָגן, קייען מיר דעם שטיקל הארטן אַפיקומן.

נאָר דער טאַטע האַלט זיך, ווי עס פּאַסט פאַר אַ קייסער. זיך אָנגעלייגט אָן זיינע קישנס, קייט ער דעם אַפיקומן מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי ער וואָלט טראַכטן: וואוהין דאַרף ער אונדז ווייטער פירן?

מיטאַמאָל עפנט ער אויף די אויגן, טוט אַ קוק אויף דער מאַמען. זי רוקט זיך אָפּ פון אָרט, מישט אויף די הגדה, כאַפּט אַרויס פון אַ לייכטער אַ האַלב-אָפּגעברענטע ליכט און גיט זיך אַ קער צו מיר.

— קום, באַשענקע, נעם מיט זיך דיין הגדה.

איך גיב זיך אַ ריס ווי אָן אונטערגעצונדענע. ס'פאַרכאַפּט מיר דאָס האַרץ — אי מוראַדיק, אי אויפגעהויבן, וואָס נאָר איך מיט דער מאַמען גייען אַנטקעגן אליהו הנביא, אים עפענען די טיר.

די אָפענע הגדה אין איין האַנט, דאָס ברענענדיקע ליכטל אין דער אַנדערער — גייען מיר שטיל פון עס-צימער אַרויס. דער טיש מיט מאַנצבילן בלייבט זיצן. קיינער גיט זיך ניט אַ רוק. יעדערער קוקט אויף אונדז. באַגלייט אונדז מיט די אויגן, ווי זיי וואָלטן אונדז בענטשן, ווי שליחים.

גיך גייען מיר דורך דעם פינצטערן זאַל. חלילה נישט פאַר־שפּעטיקן. מער פעלט נישט — אליהו הנביא זאָל דורכלויפן אונדזער שטוב און געפינען די טיר פאַרמאַכט. דאָס פּייערל, ווי פאַרשוויצט פון אונדזער אייַלעניש, באַלייכט קוים אונדז דעם וועג. דאָס ליכטל קאַפּעט מיט טרערן, ווי עס וואָלט זיך אַליין שרעקן פאַר דער אַרומיקער פינצטערקייט. מיר קומען אַריין אינעם קליינעם פאָרנט-צימער. ס'האַרץ קלאַפּט נאָך מער, קריכט

פון אינעווייניק ארויס, פארלויפט אין די הימלען און פאלט פון שרעק אויפן פינצטערן דיל אראפ.

— זע, האלט צו דאס ליכטל! — גיט מיר די מאמע אין איילעניש א זאג און שטופט אפ די טיר פון גאס. די שווארצע נאכט גיט א שפאר אין טיר אריין. אנגעלאפן ווי א ווינט, א בלאז געטאן אין צורה, אין די קליידלעך, שיער נישט פארלאשן דאס ליכטל, אונדז א שאקל געטאן.

— אט, — טראכט איך, — אליהו הנביא איז גאר נאענט. אט קומט ער מסתמא אן. דאס פלאטערט די לופט פון זיין פליענדיקן וואגן, דאס פאכעט ער מיט זיינע פליגלען. זיינע לוסטיקע פערד יאגן אן א וואלקן.

איך האב מורא ארויסצוקוקן פון טיר, פארטשעפען וואס. פון אונטער די פיס פארלויפן שאטנס. איך זע נאר א שטיקל הימל. ער בלישטשעט ווי שווארצער סאמעט. פון אים איז שווארץ די גאס. אויפן שווארצן הימל פלעשטשעט ווי א פיש אין וואסער און שפריצט מיט ליכט א קליין שטערנדל. ער קוקט מיט אמאל אין טיר אריין. זיך אפגעשטעלט גלייך איבער אונדזערע קעפ.

דער מאמעס אויגן אראפגעלאזן. זי זעט גאר נישט. און ווי אז דאס שטערנדל פליט אין טיר אריין און מיט איין שפרונג שטעלט זיך אנידער הינטער אונדז אליהו, צי משיח אליין?

כ׳ציטער אויף, הער זיך צו. אומעטום שטיל. א שטילקייט הענגט פון הימל אראפ, הענגט איבער דער גאס, איבער די הייזער. מע הערט נישט קיין טריט. אין די לאמטערנעס — אן אויסגעדארטער פייערל.

אין הויז אנטקעגן, דורך די פענצטער, בלאנדזשעט א שיין פון א ברענענדיקער ליכט.

איז אין יעדער הויז איצט אפן א טיר?

שטייט אין יעדער טיר א מאמע מיט א מיידעלע מיט א ליכטל אין דער האנט?

מיט אַמאָל — אַ ליאַרעם הינטער אונדזערע פּלייצעס, שטולן רוקן זיך פון אָרט. אפשר איז דער גאַנצער טיש זיך צעפאַלן... דאָס האָבן די מאַנצבילן דערהערט אונדז עפענען די טיר, האָבן זיי זיך אַלע אויפגעהויבן און לייענען די הגדה אויפן קול אַזוי הויך, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אויפוועקן די נאַכט אַליין.

מיר שטייען ווי פאַרוואַרפענע פון זייערע קולות. איך שטעל זיך גאָר נאָענט צו דער מאַמען. וויל זיך ווי צוקלעפּן צו איר קליידל. אַז ווען די שוואַרצע נאַכט שלעפּט אונדז אַוועק, זאָל איך כאָטש זיין מיט איר אינאיינעם.

ס׳ליכטל, אַן אויפגעציטערטס, בויגט זיך, שאָקלט זיך אין אַלע זייטן. איך נעם עס אַרום מיט ביידע הענט, פאַרשטעל עס פונעם ווינט, ס׳זאָל זיך נישט אויסלעשן. מיר זאָלן נישט חלילה פאַרבלייבן אין דער פינצטער אַנטקעגן דעם אָפענעם שוואַרצן לאָך פון דער טיר.

שטיל זאָגט די מאַמע די הגדה, ווי זי זאָל מיינען, אַז די שטילע נאַכט וועט זיך בעסער צוהערן צו אירע שטילע תפילות. אירע ליפּן באַוועגן זיך קוים, ס׳פּנים צעקנייטשט, אירע שפּאַקולן גליטשן זיך פון נאָז אַראָפּ. ס׳ליכטל גייט אוים...

מיר דוכט זיך — מיר שטייען דאָ פאַרגעסענע.

איך שטעל אונטער מיין קאָפּ אונטער דער הגדה, אונטער דער מאַמעס הענט — זאָלן אויף מיר פאַלן אירע הייסע ברכות — וועל איך מער נישט מורא האָבן.

— אליהו הנביא, — בעט איך, — האָב רחמנות! קום גיכער אַראָפּ! ס׳איז קאַלט און פינצטער. קום אין שטוב אַריין. אַלע וואַרטן אויף דיר. דיר וועט אויך זיין וואַרעמער. הערסט ווי דער טאַטע בעט? ער שרייט דאָך קיינמאָל נישט, און היינט בעט ער אַזוי הויך. קום-זשע, אליהו הנביא, קום!

אַ פּאַס פון אַ שיין גייט אַריבער די טיר, שניידט דורך די לופט.

כ׳וויל אויפהויבן דעם קאָפּ, אַ קוק טאָן וואָס טוט די מאַמע, וואָס טוט זיך אויפן הימל? די אויגן אָנגעזאַפּט מיט פינצטער-

קיט, נישט צו עפענען זיי. ווי איך וואָלט נישט געקאָנט אַריבערטראָגן דאָס ליכט, וואָס האָט פאַרזשמורעט מיר די אויגן.

— לשנה הבאה בירושלים! — רייסט זיך אַרויס אַ לעצטער געשריי פון עם־צימער.

האָבן זיך די שטולן ווייטער צוגערוקט צום טיש און עס איז שטיל געוואָרן.

— מאַמע, ס׳איז שוין אַריין אליהו הנביא אין שטוב?

— לשנה הבאה בירושלים! — וואַרפט זי אַריין ווי אַן ענטפער אין דער אָפענער טיר.

איך קוק אַרויס אויפן גאַס. דער ווינט האָט זיך איינגעשטילט. דער הימל אָנגעפּיקעוועט מיט שטערן, גרויסע, קליינע אָנגעלאָפן פון אַלע עקן וועלט. הענגען זיי ווי אָנגעצונדענע ליכטעלעך מיטן קאָפּ אַראָפּ. איינס צעקרייצט זיך, שטעכט דעם אַנדערן און אַלע וויגן זיך אין אַ חופה, ווי אַ באַלדאַכין אונטער וועלכן ס׳וועט זיך באַלד אונטערשטעלן די ווייסע לבנה, ווי אַ כלה אין איר גאַנצער שיין.

די הגדה צוגעמאַכט — מאַכט די מאַמע מיט די הענט, ווי זי וואָלט וועלן אַ גלעט טאָן די לופט, וואָס אַראָפּברענגען פון הימל.

אפשר . . . אפשר . . . זי וויל נישט אַוועקגיין פון דער אָפענער טיר. גיט אַ לעצטן גלעט, ווי אַ קוש, און מאַכט זי צו.

שטיל קערן מיר זיך צוריק. די קילע נאַכט בלאָזט אונדז אין רוקן, ווי זי וואָלט אונדז אָננעמען פאַר די פּלייצעס מיט אירע לופטיקע הענט.

אין עם־צימער — ליכטיק און וואַרעם. אַלע זיצן מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן, זשומען די הגדה. קיינער גיט אויף אונדז אפילו נישט אַ קוק. די מאַמע זעצט זיך שטיל אַנידער. די זשומענדיקע לופט וויקלט מיך איין, נעמט מיך אַרום מיט די אַלטע הגדה־זייטלעך.

איך דריי דעם קאָפּ אַהין—אַהער — געווען אליהו הנביא? עס לעשט זיך אויס מיין אויפגעוועקט האַרץ.

דער אַפּיקומן

— פּאַשע! — רופט די מאַמע די קריסטלעכע דינסט. — נאַ, דו וועסט איבערגעבן דאָס טעפּעלע איוואַנען.

— „ספּאַסיבאַ“, — הערט מען פון ווייטן דעם דיקן קול פון אונדזער שומר, וואָס דאַרף אונדז אָפּהיטן פון גנבים און גזלנים.

— שוין-זשע טרינקט אוים איוואַן דאָס גאַנצע טעפּעלע ווייַן, און נאָך מיט די מכות צוזאַמען? — טראַכט איך מורא־דיקערהייט.

— גיסט אָן די כוסות, — רופט אוים דער טאַטע.

מען הויבט ווייטער אָן זאָגן די הגדה. אַ שטימע הויבט זיך אויף און לעשט זיך אוים, ווי אַריינגעפאַלן אין אַ ברונעם. איינער זשומעט שטילערהייט אונטערן נאָז. דער און יענער איילט זיך, וויל אוודאי עסן.

דער טאַטע שטייט אויף דער ערשטער. גייט וואַשן די הענט. די קינדער צעמישן אַלע הגדות. מען שטופּט זיך צום וואַש-טיש. מען רייסט פון די הענט די קוואָרט, דעם נאַסן האַנטוך. מען וואַרפט זיך ווייטער אָן אויפן טיש. מען כאַפּט שטיקלעך שמורה, וואָס דער טאַטע צעטיילט אויף המוציא. די האַרטע שטיקלעך שפּרינגען איבערן טיש, ביז עמעצער שטעלט זיי נישט אָפּ און פאַרכאַפּט אין זיינע הענט.

— נאַ, באַשקע, דו האָסט דאָך האַלט מרור? — גיט מיר דער טאַטע שוין צום צווייטן מאָל.

איך לייג עס אָן געדיכט צווישן צוויי שטיקלעך מצה און קיי ווי ביטערע נאַשעריי. אייער-געלכלעך צעקריכן זיך אונטער דער מאַמעס גאָפּל און מאַכן געל דאָס זאַלץ-וואַסער.

מיט אַ פאַרקרימטער נאָז זופּט יעדערער אוים זיין לעפל.

כ׳פאַרגעם דערווײַלע צוקוקן זיך: וואו באַהאַלט דער טאַטע דעם אַפּיקומן. זײַן קישן — פול מיט פעדערן ווי אַן אָנגעשטאָפּטער בויך. גיי זוך אים! מען דערלאַנגט שוין די פיש. דער מאַמעס האַנט ציט זיך איבערן טיש. יעדערער האַלט אין דער לופטן זײַן טעלער.

ס׳קומען קניידלעך; שלינגען זיך לײַכט אַראָפּ מיט געלער יויך צוזאַמען.

— ווער האָט אַן איבעריקן קניידל? גיב מיר, גיב מיר! — בעטן זיך קינדער איינער בײַ די אַנדערע.

— מאַך דאָס אַ ביסל גיכער מיטן עסן. עס וועט דאָך זײַן שפּעט מיט דעם אַפּיקומן! — אײַלט זיך דער טאַטע, וואָס רוט זיך שוין אָפּ פון זײַן עסן. זאָט און מיד — חלשן מיר שלאָפן. קוקן אויף דעם טאַטן. ער דרייט זיך עפּעס אויף זײַן אָרט. דרייט איבער זײַנע קישנס, זוכט דעם אַפּיקומן.

— אַך, שקצים, פאַרט אַרויסגעגנבעט! — שמייכלט ער. כ׳בלײַב זיצן ווי אַן אָפּגענאַרטע. נישט איך האָב געזען, וואו ער האָט אים באַהאַלטן, און נישט ווער ס׳האָט אים געגנבעט. מיט פאַרדרוס קוק איך אויף דעם, אויף יענעם.

— אַהאַ! איך האָב פאַרט אַרויסגעגנבעט! — שרייט אויס אַבראַשקע. האַלט הויך אין האַנט דעם אַפּיקומן. זײַנע אויגן בלישטשען.

— נו גוט, גוט, זאָל מען הערן אַ וואָרט, וואָס ווילסטו פאַר אים? — פרעגט דער טאַטע.

— אַ, איך גיב אים ניט אַוועק ביז, ביז . . .

דאָ הויבט אַבראַשקע אָן פון גרויסע התפעלות אויסטראַכטן עפּעס גאָר אַ גרויסע מתנה. איך קוק אים אָן אַ דערשראָקענע. כמעט צופרידן, וואָס נישט איך האָב געגנבעט. סיי־ווי־סיי וואָלט איך אויסגעבעטן אַ נאַרישקייט. אַזאַ חוצפה... אין מיטן יאָר עפנט זיך בײַ קיינעם נישט דאָס מויל צו בעטן אַפילו אַ

קלייניקייט. אָבער דער טאַטע, ווי אַן אמתער קייסער, טראַכט נישט פון דינגען זיך.

— נו, מילא! דו ביסט טאַקע נישט קיין נאַר. וועסט שוין קריגן. אָבער גיב גיכער אָפּ דעם אַפּיקומן. עס איז שוין שפּעט.

אַלע צעלויכטן זיך. דער טאַטע — דער ערשטער. ער דאַרף נאָך אַ שטיקל אַפּיקומן באַהאַלטן אין זיין שופלאָד. דאָרטן ליגן פון יאָרן-לאַנג אויסגעטריקנטע שטיקלעך שמורה, וואָס קלייבן זיך אָן צוזאַמען מיט דעם רבינס בריוועלעך.

פריילעכע פאַרבייסן מיר דעם שטיקל האַרטן אַפּיקומן...

תשעה־באב

איך בין כמעט אַ גאַנצן זומער אין דאָרף. מחנות פליגן זשומען. דורך גרינע צווייגן קריכט די זון אין קליינע ליכטיקע רעדעלעך. מען קאָן זיי גאָרנישט אָנכאַפּן, די קליינע לבנהלעך. זיי רייסן זיך אַרויס פון די הענט, פון אונטער די פיס, לאָזן זיך נישט צעטרעטן. דאָ אין דאָרף פאַרגעס איך די שטאָט. ס׳דאַכט זיך מיר — כ׳בין אַליין אַ גראָז, אַ פלאַנץ.

איך גיי אַרום באָרוועס. פון מיר הייבט אָן שמעקן מיט ערד, מיט רעגנוואַסער. איך וואַלגער זיך ווי אַ רויטע יאַגעדע אויפן ברעג פעלד. בלויע בלימעלעך, ווי בלויע היטעלעך, ציען מיך צו זיך, ווינקען צווישן די אָנגעפילטע קעפלעך קאָרן.

איך פאַרקריך אין וואַלד, קריך איבער די צעפלאָכטענע וואָרצלען פון די אָפּגעהאַקטע ביימער. איך זוך שוואַרצע

יאַגעדעס. איך קלייב זיי אין אַ קערבעלע. איך קוק אויף מיינע נאַקעטע פיס. זיי ווערן לענגער, דיקער. איך זופּ זיך אָן מיט זון און לופט. כ׳זע נישט ווי ס׳פאַרלויפן טעג און נעכט, ווי די זון פאַרלויפט ערגעץ וואו אַלץ ווייטער און טיפער און לאָזט אַראָפּ מיט יעדן אָוונט אַ לענגערן שאָטן אויף דער ערד.

* * *

— באַשקע, קום צוריק, מאָרגן איז תשעה־באב, — זאָגט מיר אָן די מאַמע פון שטאָט.

איך פריי זיך. שוין לאַנג ניט געווען אין דער היים.

— אוי, ווי דו ביסט אויסגעוואָקסן! — וועט סאַשע אַ געשריי טאָן.

די מאַמע, מיט באַהאַלטענער פרייד, וועט נאָר אַ קוק טאָן אויף מיר — חלילה נישט קיין עין־הרע געבן...

אַ פריילעכע גיי איך אַריין אין שטוב און בלייב שטיין אין מיטן טיר.

איז ווער געשטאָרבן? פאַרוואָס וויינט מען? פאַרוואָס האָט די מאַמע מיך גערופן אַהיים? איך בין אַראָפּגעפאַלן פון אַ ליכטיקן הימל אין אַ פינצטערן גרוב.

איך שטיי און קוק אויף דער מאַמען, וואָס זיצט און לייענט אַ תחינה מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. זי וויינט שטיל, גיט אויף מיר נישט קיין קוק. דאָס ווייסע לאַנגע טישטוך אויסגעצויגן ווי אַ מת איבער דעם ליידיקן טיש. אין די לייכטער שמעלצן זיך אָפּגעברענטע ליכט. אַ פּאָר ספרים וואַלגערן זיך לעבן זיי.

דער טאַטע שטייט אָן אַ זייט. ס׳וואַרפן זיך אין די אויגן זיינע ווייסע זאָקן. ס׳האַרץ טוט וויי.

גאָט מיינער, פאַרוואָס איז אַלץ אַזוי גרוי און שוואַרץ? דרויסן איז דאָך זומער. די זון שיינט. קריסטלעכע דערוואַקסענע און קינדער לויפן, לאַכן. און דאָ?

אויף נידעריקע בענקלעך, ווי אויף שטיינער, זיצן „שבעה"
דער טאַטע, די מאַמע. — — —

ווי שטיינער זיינען זיי פאַרשטיינערט. מיט זאַמד און שטויב איז באַדעקט דער דיל. נאָר טרערן גיסן זיך פון זייערע אויגן, ווי זיי זאָלן וועלן ווייך מאַכן דעם שטיין אַליין.

וואָס פאַר אַ זינד האָבן די עלטערן געזינדיקט, אַז זיי דאַרפן אַזוי בעטן גאָט? וואָס פאַר אַ צרה באַקלאָגן זיי?

מיין ברודער מענדל זאָגט צו מיר טרויעריק:

— מיר האָבן פאַרלאָרן אונדזער בית־המקדש. ער איז פאַרברענט געוואָרן. ס'לאַנד איז חרוב געוואָרן. ס'איז תשעה־באב.

* * *

מיר ווערט אומעטיק.

אין מיינע אויגן בליען נאָך די רויטע בלויע בלימעלעך. מיט איין אָטעם האָט זיך צעבלאָזן מיין וואַרעמער זומער.

אַבראַשקע לויפט אַריין און שלעפט מיך פאַרן אַרבל.

— וואָס שטייסטו דאָ? קום אויפן הויף, מיר וועלן זיך וואַרפן מיט שישקעס. — מיר איז אַלץ איינס. איך לאָז זיך שלעפן. אַבראַשקע האָט שוין אָנגעריסן אַ באַרג שישקעס.

אויב די אַלע שישקעס שטעכן זיך אַריין אין מיר — וועל איך דאָך זיין צעבלוטיקט. איך מאַך צו די אויגן מיט מיינע הענט. אַבראַשקע שיסט שוין שישקעס, ווי פון אַ ביקס. זיי פאַרקריכן אין מיינע האָר, קלעפן זיך איין אין מיין קליידל. מיר איז שווער זיך אַ ריר צו טאָן.

— אַבראַשקע, גענוג! לאָז מיך אויך אַ ביסל וואַרפן! — וויין איך כמעט.

איך פאַרכאַפּ אַ הויפן שישקעס.

— נאַ, נאַ דיר! אַט וועסטו אויך קריגן!

איך רייס אָפּ פון זיך די שטעכעדיקע שישקעס און וואַרף

זיי אויף אַבראַשקעס. איך וואַרף, איך וואַרף. איך זע גאָרנישט וואָס דער ברודער טוט.

און ער? ער קלייבט זיי גאָר רואיק צונויף און קלעפּט זיי אַרויף ווי קנעפּלעך אויף זיך. ער שטעקט אַריין אַ שישקע ווי אַ קנעפּל אין זיין היטל. זיין גאַנצע ברוסט איז אויסגעלייגט מיט שישקעס...

פון די אָפענע פענצטער טראָגט זיך אַ פאַרשטיקט געוויין:

— איכה ישבה — — — — וועט קיין מאָל נישט אויפלעבן אַ פרייד פאַר אונדז? — — —

אַ חתונה

פאַרנאַכט. אין שטוב איז שטענדיק אומעטיק. אַלע זיינען אין קראָם ביז שפּעט ביינאַכט. אַלע האָבן שוין לאַנג אָפּגעטרונקען טיי. דער אָפּגעקילטער סאַמאָוואַר שטייט ווי מיט אַן אויסגעלאָשענער נשמה. דער ענגלאָמפּ זשוזשעט. פון אים ציען זיך איבערן טיש לאַנגע שאָטנס. דעם גאַנצן טאָג איז דער עסצימער פול געווען מיט טומל. איצט איז ער ווי אַ פינצטערער תהום, וואוהין איך האָב מורא אַריינצופאַלן.

מיר דאַכט זיך: בלייב איך אַזוי זיצן — וועט דער ענגלאָמפּ פון כעס מיך פאַרשלעפּן צו זיך. און אַז איך וועל אַ געשריי טאָן, ווער וועט מיך הערן? אַפילו די איבערגעבליבענע גלעזער וועלן זיך נישט אַ ריר טאָן פון אָרט.

האָב איך שוין מורא פאַר דעם לאָמפּ און פאַר דעם קאַלטן סאַמאָוואַר. איך האָב מורא אַ קוק צו טאָן אין זיין מעשענעם בויך. אין אים דרייט זיך אַרום מיין בלייך פּנים.

— זאָל כאָטש עמעצער אַריינגיין! וואו זיינען די ברידער? וואוהין לויפן זיי אַרום יעדן פאַרנאַכט?

אויף דער גאַס — אַ ווינט, אַ פראָסט. אָבער זיי קומען אַהיים פריילעכע, מיט פעק פריש־אָנגעקליבענע מעשיות.

— אַבראַשקע, וואו ביסטו געווען? — וואָלט איך אַ פרעג טאָן.

— אין ערגעץ נישט, — גיט ער זיך אַ וואָרף.

— וואָס האָסטו געטאָן, אַבראַשקע?

— גאָר נישט, — לאַכט ער זיך אויס.

איך זעץ זיך צום טיש, לייג מיין קאָפּ אויף די אויסגע־שפרייטע הענט און קוק אין די אָפענע מיילער:

— כאַ, כאַ, כאַ! — רייסט איבער איין ברודער דעם אַנדערן.

— וואָס דערציילסטו מיר פאַר אַ נייעס, פערדישער קאָפּ?

— איך האָב עס דאָך געזען מיט מיינע אייגענע אויגן!

— פראַ אדם, דו מיינסט, אַז דו האָסט וואָס געזען, איז דאָס אַן אמת? איך קען דעם אידן בעסער פאַר דיר, איך — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס איז פריילעך. מיט די ברידער האָב איך קיינמאָל נישט מורא. איך פאַרגין זיי: זיי קאָנען אַרויסגיין וואוהין זיי ווילן. די מאַמע וועט אויף זיי נישט שרייען. אָבער איך? וואוהין זאָל איך זיך איצט אַהינטאָן? גיין אין קיך? מיר איז שוין דערעסן די קיך. פאַר אַ גאַנצן טאָג זאַפּט זי זיך אָן מיט אַלערליי מאכלים. אַוודאי איז דאָרטן פינצטער פון דעם קליינעם לעמפּל.

— ניין, איך וועל נישט גיין אין קיך.

— גיין אין קראָם? דאָרטן איז אַוודאי ליכטיק און פריי־

לעך. אָבער ווי איך שטעק אַרויס מיין קאָפּ פון הינטער דעם פאָרהאַנג, — ווערט מען אויף מיר אַ געשריי טאָן:

— וואָס ווילסטו? גיי אַהיים! מען האָט דאָ אָן דיר וואָס צו טאָן.

שטענדיק שטער איך. דאָס — דאַרף איך נישט טשעפּען, אַהין — נישט קריכן. לאָז איך אָפּ דעם פאָרהאַנג און שלעפּ זיך צוריק. איך פאַל אַריין אין דעם פּאָדערצימער. איך זע: אויף דער האַלב־פינצטערער וואַנט הענגט מיין מאַנטל. פון זיין אַרבל שטעקט אַרויס דער ווייסער באַשליק.

— אפשר אַרויסגיין אויף דער גאַס?

אַ האַלב־אָנגעטאָנענע — לויף איך אַראָפּ די פּאָר טרעפּלעך, וואָס פירן צום גאַניק. הינטער מיין רוקן איז אויסגעצויגן, ווי אַ שוואַרצע שלאַנג, אַ הויכע פינצטערע טרעפּ.

איך שטופּ שנעל אָפּ די גרויסע טיר. אַ ווייסער שנייאיקער וועג עפנט זיך ווי אַ הימל פאַר מיינע אויגן. די קעלט גיט אַ קיצל אין נאָז. אַ שיטערער שניי שיט אַראָפּ פרישע, לייכטע פערעלעך. איך זופּ זיך אָן מיט דער פרישער לופט ווי מיט וואַסער. עס איז שטיל אויף דער גאַס, ווי דער שניי וואָלט פאַרשאָטן אַלעמענס קולות.

אין די ווייסע פאַרשאָטענע לאַמטערנעס ברענען פאַרפראָרענע פייערלעך. די פורמאַנעס שטייען אָן אַ זייט ווי שנייאיקע בערגלעך. זייערע פערדעלעך, אונטער די נאַסע זעק, אָטעמען, דאַכט זיך, נישט. ווי נישט־לעבעדיקע זעען זיי אויס. נאָר איינצלנע מענטשן גייען דורך די גאַס. דער ווייסער שניי סקריפּעט אונטער זייערע פיס. איך לאָז זיך לויפן מיט זיי צוזאַמען.

איך לויף דורך די ברייטע גאַס. איך זע פון ווייטן אַ גרויסן ליכטיקן הויף. אין מיטן הויף — אַ צוויי־שטאָקיק הויז. דורך זיינע פענצטער זעט מען לאַנגע, אויסגעצויגענע זאַלן — חתונה־זאַלן.

יעדן אָוונט שפּילט זיך דאָ אָפּ וועמענס עס איז חתונה. דאָס הויז אַליין פון דרויסן זעט אויס ווי אַ הויכער זאַל. צוויי גרויסע קאַנדעליאַברעס הענגען, ווי צוויי לייבן, אויפגעהויבענע אין דער הויך; זיי האַלטן־צו דעם גאַניק.

היינט איז דאָ אַוודאי אויך אַ חתונה. וועמענס?

דער שניי צעשיט זיך אַרום מיר אַלץ געדיכטער. אַמאָל פאַלט אַראָפּ פון דער קאַנדעליאַברע אַ קייקל שניי, וואָס צע־שפּריצט זיך — ווי אַ טרער אונטער מיינע פיס.

איך הער טריט. ווער גייט? איך קוק זיך צו. פון אַ טויער קומען אַן מענטשן. מען שלעפּט אַ גרויסן קופּערנעם סאַמאָוואַר, וואָס האָט זיך אויסגעלייגט ווי אַ געקוילעטע חיה אויף די פּלייצעס פון אַ פּאָר אידן. זיי קומען נעענטער צו. עס גיט מיר אַ שפּריץ אין פּנים אַריין אַ שנירל זעלצער־וואַסער. איך שפּרינג אונטער. זאָל איך לאַכן, צי וויינען?

— איך טשעפּע דאָך אייך נישט, וואָס האָט איר צו מיר?

— גיב איך זיי אַ נאָס אין צורה.

— כאַ, כאַ, כאַ! אַ מאָדנע מיידל, האָט ליב חתונות און וואַשט זיך מיט זעלצער! — הירזשען זיי.

סאַרווערס קומען אָן איינער נאָכן אַנדערן. זיי טראָגן וואָס. ווער — אַן אויסגעבאַקטן ווייכן טאָרט, וואָס בלאָזט נאָך זיין וואַרעמקייט, ווער — אַ סלאַי מיט זויערע אוגערקעס, וואָס בולבלט אין די הענט, און — בעקנס מיט גרויסע לעקעכער.

מען שלעפּט טישן. ברייטע ברעטער וויגן זיך אין דער לופטן צווישן עטלעכע פּאָר פּיס.

— וואָס טראָגט איר? — וויל איך אויף אַלץ אַ קוק טאָן.

— כ׳וויים — אַלערליי מאכלים: חלות, געפילטע פיש, וואָס דו ווילסט נאָר, מיידעלע — „שאַמשען“ מיט די פאַר־טריקנטע ליפּן די פריילעכע סאַרווערס.

איך רוק זיך אָפּ אָן אַ זייט. איך לאָז זיי דורכגיין. טירן פּראַלן זיך פאַר זיי פאַנאַנדער. די אַריינגעשטופּטע טישן האָבן

צעבלאָזן די קאַלטע לופט. שטולן שטייען צעוואָרפענע ביי די ווענט. אַ ווינקל איז אָפּגעצאַמט מיט פּאַלמעס, ווי אַ קליינער גאָרטן. אונטער זייערע גרינע שאָטנס שטייט אַ הויכע שטול. זי הויבט זיך ווי אַ טראָן־שטול. ס'ליגט אַ רויטער טעפּיך. די הויכע שטול וואַרט — וואָס פאַר אַ כלה וועט זיך היינט זעצן אויף איר?

איך קוק אויף דער שטול, — אַ זקן מיט איינגעפאַלענע אויגן... פון איר איינגעדאַרט זיץ־קישעלע הענגען מאַגערע פּראַנזן.

וויפיל כלות זיינען שוין געזעסן אויפן קישעלע? יעדע כלה האָט איבערגעלאָזט אינעם קישעלע איר מורא און איר ציטער.

אַלע אַנדערע שטולן קאָנען זיך צערוקן, אָבער די הויכע טראָן־שטול מיט איר איינגעזונקען קישעלע שטייט אויף איין אָרט און וואַרט. אויף וואָס וואַרט זי? זי וואַרט, ווי אויף אַ ליכט אין דער פינצטערניש — אויף דער ווייסער כלה.

בלויז ווען די כלה וועט קומען, וועט אָפּלעבן די שטול. זי וועט אַן אָטעם טאָן, אָנפילן זיך מיט לופט און מיט ווייסקייט.

די אויסגעטאָקטע קעפּלעך פון דעם אָנלען־ווענטל וועלן זיך אַ בייג טאָן צו איר. און אַז די כלה וועט אַ זיפץ טאָן, — וועט די שטול אַ קרעכץ טאָן. פאַרגייט זיך די כלה אין אַ געוויין, נעמט די שטול זי אַרום מיט אירע אויפגעהויבענע הענט, ווייל ווי שיין, צי מיאוס די כלה זאָל נישט זיין, צעוויינט זי זיך אין אירע אָרעמס און גיסט לייכט אויס איר האַרץ.

די שטול איז גרייט. ווי די כלה טראָגט־צו ס'טיכל צו די אויגן, זאַפּט די שטול אין זיך אַריין דער כלהס וואַרעמע טרערן און באַהאַלט זיי אינעם אַלטן האַלץ.

אַ לייכטער קנייטש — אַ קליין גריבעלע קריצט זיך נאָר אויס אויף דער שטול. די כלה, וואָס וועט דאָ זיצן מאָרגן, וועט גאָר נישט וויסן פון די טרערן פון דער היינטיקער כלה. זי זעט דאָך גאָרנישט. זי גייט דאָך צום שטול, ווי אַ בלינדע מיט אַראָפּ־

געלאָזענע אויגן. זעצט זי זיך אַוועק, צעשפּרייט מען איבערן שטול איר ווייסן שלייער. און ווי אַן אויפגעהויבענע אויף צוויי פליגלען, האַלט זי זיך אין דער לופטן — גרייט צו אַנטלויפן אין אַן אַנדער וועלט.

פילט די כלה נישט די טרערן פון דער נעכטיקער שוועסטער. זי באַוויינט דעם אַלטן שטול און לאָזט איבער איר שטיקל אויס־געוויינט האַרץ.

אָבער וואו איז זי, די כלה? די הויכע שטול שטייט נאָך אַליין אַ ליידיקע. זי שעמט זיך. אַלע האָבן פאַר איר אַ ביסל מורא. מען גייט זי אַרום. ווייבער, ווי פאַרבלאָנדזשעטע, שטופּן זיך אין די זאַלן.

— זאָל שוין זיין מיט מזל די חופּה! הערט זיך עפּעס ווי פון פּעך.

— וואָס וועט איר זאָגן? אַ וואוילינקע כלה, אַ? זי איז טאַקע ווערט, אַז גאָט זאָל זי בענטשן!

— אָמן, הלוואי! זאָל זיין מיט גליק! — שעפּטשען די ווייבער און אָטעמען שווער אין זייערע איינגעפּרעסטע קליידער.

— אָבער פאַרוואָס קומט זי נישט? —

אַוודאי איז זי נאָך אין דער היים. מען טוט זי אָן אין ווייסן. מען האָט שוין אויסגעבאַרשט אירע שוואַרצע האָר. זיי פאַר־דרייט אין אַ „קופּקע". יונגע, ווייסע הענט, עלטערע הענט, צעדרייטע מיט אָדערן, פאַרען זיך אַרום אירע האָר.

— גיט אַ שפּילקע! איר האָט שפּילקע?

— נאָ, מאַניטשקע, דו ביסט דאָך אַ געבילדעטע, וועסטו בעסער אָנטשעפּען דעם שלייער אויף די האָר.

ווי זעט זי אויס, די כלה? אַ כלה איז דאָך בלויז אַ ווייס, לאַנג קלייד, וואָס ציט זיך, ווי דאָס לעבן איבער דער ערד, און נאָך איר — אַ לופטיקער שלייער. דורך אים, ווי דורך אַ גלאָז, זעט אויס די כלה אַ ווייטע, ווייטע.

אפשר פאַרט זי איצט איבער די פינצטערע גאַסן? איר

שלייער פאַלט אַראָפּ פון דעם שמאָלן שליטל און גיסט זיך צונויף מיטן בלויען שניי.

איר אַלטע מאַמע פאַרט מיט איר צוזאַמען. האַלט זי שטאַרק אונטער, ווי זי וואָלט נישט וועלן אַרויסלאָזן פון אירע הענט איר אייגנס.

איז זי נישט אויך אַמאָל געווען אַ כלה אַזאַ ווייסע, אַזאַ יונגע?...

דער שליטל גליטשט זיך.

— איז דיר נישט קאַלט, מיין קינד? זע, פאַרקיל זיך נישט!

מיר איז דאָ אויך קאַלט געוואָרן. איך זע: דורך די פענצטער האָט מיט אַמאָל אַ בלאָז געטאָן, ווי עס וואָלט זיך דורכגעטראָגן אַ זיידן קלייד. שוין־זשע האָב איך פאַרפעלט די כלה?

איך קוק זיך אום. סאַרווערם שפּרייטן ברייטע, ווייסע טיש־טעכער. מיט אַ גערויש פאַלן זיי אַראָפּ אויף די לאַנגע טישן. זיי לייגן זיך אוים אין שפּאַלטן, באַהאַלטן אונטער זיך דעם שוואַרצן דיל. די סאַרווערם לאַכן, לויפן, שטופן זיך. ס׳קלימפּערן אויף די טישן טעלער־מעסער־גאָפּלס.

— לאָזט דורכגיין די געפילטע פיש! — זינגט אוים אַ דאַרער איד און דרייט זיך אוים ווי אַ פיש. פון זיין פאַלומיסעק האָט אַ בליץ געטאָן אַ גלאַנצנדיקער עק.

— און מיין געהאַקטער לעבער!

— אַ טעלער מיט „פּעטשאַ“, רוקט זיך אָפּ אַ ביסל, רוקט זיך אָפּ! — שטופן זיך די משרתים.

אַרום מיר דרייען זיך די געסט. זיי קומען אָן. די טרעפּ קרעכצן פון זייערע טריט. יעדעם ווייבל וואָס קומט אַריין, פילט אָן די לופט מיט איר פאַרסאָפּעטן אָטעם. איך קוועטש זיך צווישן זיי. איך לויף אַראָפּ אויפן גאַניק. איך וועל בעסער וואַרטן דאָ אויף דער כלה. איך וועל זען, ווי זי וועט אַראָפּשפּרינגען פון דער לופטן און אַוועקשטעלן איר פוס אויף דער ערד. איך

באַהאַלט זיך אין אַ ווינקל. פרעמדע פוטערס טרייסלען אויף מיר אַפּ זייערע קאַלנערס פול מיט שניי. ווייסע בערד ווערן שוואַרץ. פון נאַסע, וואַלענע טיכלעך שטעקן אַרויס ווייבערשע אַנגעבלאָזענע שייטלעך, ווייבלעך אָנגעפיקעוועט מיט בלימע־לעך, פערעלעך. איינצלנע שנייעלעך, ווי בריליאַנטעלעך, בלייבן בלישטשען ביי זיי אין די האָר.

שניי צעגייט אונטער מיינע פיס. עס ווערט מיר נאַס און קאַלט. אַ שליטל גליטשט זיך צו צום גאַניק.

— איז דאָס נישט די כלה?

עס קייקלען זיך פון דאָרטן אַרויס אַ פּאָר אָנגעפּאַקטע זעק,

— קליינע מיידלעך מיט רויטע פּנימלעך.

— אוּף! — בלאָזן זיי אין די הענטשקעס. זייערע פאַר־פלאָנטערטע פאַטשיילעס וויקלען זיך פאַנאַנדער. עס באַווייזן זיך הוילע פלייצעס, נאַקעטע הענט. ראָז־בלויע קליידלעך בלענדן.

דאָס זיינען אַוודאי דער כלהס שוועסטער? זיי דרייען זיך אין אַלע זייטן. זיי קוויטשען:

— ראָזע, זע, ווי שיין איז דאָ! אוי, אַזוי פיל ליכט! איך זע גאָר נישט!

—רבקה, קום גיכער אַרויף אַ קוק טאָן, וואָס טוט זיך אויבן?

— טאַקע, קינדער, גייט אַרויף אין זאַל. איר וועט זיך דאָ, חלילה, פאַרקילן, — שטופּן זיי אַפּ די עלטערע פרויען.

די פרויען דאַרפן טאַקע האָבן פּלאַץ פאַר זיך. זייערע פוקסענע ראָטאָנדעס פאַלן אַראָפּ פון זייערע פלייצעס ווי ברייט־פאַנאַנדערגעוואָרפענע טויערן. דער פעלץ גיט זיך אַ דריי, גיט אַ שמיץ מיט זיינע וואַרעמע עקלעך.

אויף מיר קוקט קיינער נישט. איך וויים, עס שטייט עפּעס אַ קליין מיידעלע, איינגעוויקלט אין אַ באַשליק, שטייט ווי אַ פרעמדע און קוקט.

איך פאַרשעם זיך, — איך קוק אויף מיין וואָכעדיק קליידל.

אַ שאָד וואָס איך האָב נישט איבערגעטאָן אַן אַנדערס. איך קוק אונטער די טרעפּ, ווי פון די אויפגעהויבענע קליידלעך שטעקן ארויס ווייסע לאַנגע זאָקן ביז די הינטנס.

— זאָלן זיי זיך פרייען, די קורצע מיידלעך, זאָלן זיי שפּרינגען מיט זייערע ווייסע פיס! — האַלט איך נישט איין מיינע טרערן.

מיך פאַדריסט, וואָס איך בין ניט אַן אייגענע אויף דער התונה. מיר וואָלט מען אויך אָנגעטאָן מיין זיידן ראָזע קליידל. סאַשע וואָלט מיר אויסגעבאַרשט מיינע לאַנגע צעפּ און נאָך אריינגעשטעקט אין זיי אַ געבלימלטן באַנד.

מיין קליידל וואָלט זיך לייכט אויפגעהויבן, ווי נאָר איך זאָל זיך שטעלן אויף די שפּיץ פון מיינע שוואַרצע לאַקירטע שיכלעך. ווען די מוזיק וואָלט אַ שפּיל געטאָן, וואָלט איך שוין שטיין אין מיטן זאַל און שאַרן מיט די פיס ווי אַ ציגעלע אין גראָז.

אַז איך פלעג זיין אַמאָל צוזאַמען מיט מיין ברודער אַבראַשקע — פלעגט מען אונדז פאַרבעטן אויסטאַנצן אַ „פּאַ־דעקאַטר".

— זייט אַזוי גוט, רוקט זיך אָפּ אַ ביסל! לאָזט די קינדער טאַנצן! אַזאַ מחיה צו קוקן אויף זיי! — פלעגן זיך אַלע צעזעצן אין אַ רעדל אַרום דעם זאַל און פאַרשליסן אים מיט זייערע אויסגעשטערקטע קליידלעך. איך בויג אונטער אַ פוס. מיין פּלייצע בויגט זיך אויך אונטער, ווי איך וואָלט אַנידערפאַלן. גיב איך אַ קוק אויף אַבראַשקען און הויב זיך גלייך אויף אויף די שפּיץ פיס און קוק אין אַן אַנדער זייט. אַבראַשקע האַלט מיך שטאַרק צו. אַ פּאָר מאָל בויגן מיר זיך אונטער און הויבן זיך אויף. דאָס פידעלע שפּילט. מיט אַמאָל צעפּויקט זיך אַ באַראַבאַן. ס'צעפייערן זיך די לאָמפּן. איך זע נישט קיין פּנימער. בלויז די וויבערשע בייכער שאָקלען זיך צו. זיי שמייכלען אונטער, ווילן צוהעלפן טאַנצן. מיר זיינען שוין ווי פאַרטראָגענע אין דער

לופטן. איך ווארף־אפּ מיינע צעוואָרפענע האָר ווי אַ שאָטן, וואָס קריכט מיר אין די אויגן.

ווערט די מוזיק שיכור און קלאַפּט אוים אַ „מאַזורקע". נישט איינהאַלטן די פּיס. אַבראַשקע טאָפּעט און שליידערט מיך אַרום אין אַלע זייטן. מיר דאַכט זיך: מיר האָבן אַריבערגעשפּרונגען דעם זאַל. מיר טאַנצן אַנדערש־וואו. די מאַזורקע האַקט זיך אָפּ מיט אַמאָל אַזוי פּלוצלינג ווי זי האָט זיך אָנגעהויבן. מיר בלייבן שטיין.

הענט שלעפּן אונדז צו זיך.

— ווי אַלט ביסטו, מיידעלע? אַ, דאָס איז דאָך אַלטע־אייגע־ברוכם מיזינקע! — גלעט מען אונדז איבער די פּלייצעס.

— אָן עין־הרע, גוטינקע קינדער! אַז אַ אינגל זאָל קאָנען אַזוי גוט טאַנצן! — קנייפּט מען אונדז די באַקן.

די מוזיק האָט זיך אָפּגעשטעלט ווי אויף אייביק. מיר איז געוואָרן קאַלט. די לופט קילט זיך ביסלעכווייז אָפּ. אַ קאַלטער ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן אין צורה. איך שטיי נאָך אַלץ ביי דער אָפּענער טיר... זי האָט זיך פּאַנאַנדערגעעפנט. דורך איר קריכט אַ באַרג מיט שניי. דער באַרג גלייכט זיך אויס און פון אים צעשיט זיך שניי ווי אַ רעגן. פון דעם ווייסן באַרג וואַקסט אויס אַ הויכער איד.

— זע, באַשקע, וואָס טוסטו דאָ? די כלה איז נאָך נישטאָ? קום, מיר וועלן אַרויפגיין אויבן. וואָס שטייסטו דאָ אין אַזאַ קעלט, אוה! — בלאָזט ער אויף זיינע פאַרפראָרענע הענט.

— וואָס, באַשענקע, דו דערקענסט מיך נישט? — וואַרט, איך וועל דיך נאָך באַלד אויך פירן צו דער חופּה!... — צעגייט ער זיך אין אַ געלעכטער.

אַלץ טרייסלט זיך אויף אים. איך קוק אויף זיין גאַרגל, וואָס שפּרינגט אונטער.

אוודאי, איך קען דאָך אים — דאָס איז דאָך דער מאַרשעליק.

איך שטיי און ווארט אויף דער כלה, און ער איז געקומען צו דער חתונה.

ער שלעפּט מיך אויף די טרעפּ. מיט זיין לאַנגער נאָז ציט ער אַריין די חתונה־לופט. זיינע אויערן טאַנצן אונטער. ער גיט אַ טרייסל דעם קאָפּ. זיין האַלדז איז אָנגעצויגן, ווי אַ פידעלע צום שפּילן.

פאַרוואָס־זשע צעוויינען זיך אַלע ווען ער, אַזאַ פריילעכער, רופט אויס „בענטשן די כלה״?

מיט זיין קול קריכט ער אַריין אין דער נשמה. ער קען אַלעמענס משפּחות. ער קען יעדע מומע, יעדעס שוועסטערקינד. ער ווייסט, צי די כלה האָט אַ טאַטן, האָט אַ מאַמע. ער ווייסט וואָס יעדער טוט אין לעבן, וואָס טוט זיך ביי אים אויפן האַרצן. ווי מיט אַ שטריקעלע ציט ער יעדערן אַרויס אין מיטן זאַל און שפּילט אויף אים ווי מיט סטרונעס. איינצלווייז רופט ער אויס אַ נאָמען וואָס דאַרף בענטשן די כלה. דער נאָמען קלינגט אָפּ לאַנג, — ביז די אויסגערופענע מומע גייט שווער אַריבער דעם זאַל. זי איז נאָך אין מיטן וועג. זי וואַקלט זיך אַ ביסל, ווי זי זאָל זיין איבערגעפּולט מיט ברכות.

גיט דער בדחן אַ קוועטש זיין קול, — צעקוועטשן זיך אַלעמענס הערצער. זיין קול פאַרציטערט זיך נאָך מער. אַלע דערשרעקן זיך, ווי די מומע זאָל צוגיין צו אַ מת.

די אָנגעצונדענע ליכט, וואָס מען האַלט אַרום דער כלה, ציטערן אין די הענט. די כלה זיצט ווי אַ דערשראָקענער ווייסער פויגל. די מומע גייט נעענטער צו, הויבט אויף די הענט, ווי אויף שבתדיקע ליכט. די כלה לאָזט אַראָפּ נאָך נידעריקער איר קאָפּ. ווי אַ בלינדע טאַפּט זי אָן איר נאָזטיכל. אָט וועט זיך צעבלאָזן איר נשמה און וועט אַ פלייץ טאָן מיט ביטערע טרערן.

די מומע האָט רחמנות אויף איר. זי רירט זי נישט אָן. זי בענטשט זי פון וויטן, ווי אַ שטערן. דער מאַרשעליק קוקט אַלע־

מען אַן, רופט אויס גיכער אַנדערע נעמען. מען כאַפּט איבער דעם אָטעם. מען שנייצט אויס די נעז.

אַלע טרייסטן די כלה. זיי קילן זי אָפּ מיט די פּעכערס. מען גלייכט אויס איר שלייער, וואָס האָט זיך אַליין אַ דריי געטאָן אויפן קאָפּ. מען בלאָזט אויף אירע הערעלעך, וואָס האָבן זיך פון שוויים צוגעקלעפּט צום שטערן.

קוועטשנדיק מיין האַנט, שלעפּט מיך דער מאַרשעליק דורך די טרעפּ.

— וואָס מאַכט איר? וואָס מאַכט איר? — קוואַקעט ער, ווי נאַר ער באַווייזט זיך אין טיר פון זאַל.

רעדלעך ווייבער צעטראָגן זיך. איך שאַר זיך ביי די ווענט.

— וואָס איז דאָס?

איך וואַרף זיך צו דער טיר צו. אַ ווייסער וואָלקן הויבט זיך אויף די טרעפּ. אַ לייכט ווינטל צעבלאָזט זיך. אַ פידעלע צעשניידט די ווייסע לופט און פאַרקרייזלט זיך אין אַ זיסן ניגון.

די טעצלעך, דער באַראַבאַן זיינען פאַרסאַפּעטע אַריינגעקראָכן.

— אָט איז זי געקומען, די ווייסע כלה, ווי אַנגעפּילט מיט לופט. מיט איר יעדן טראָט הויבט זיך איר האַרץ. די קלעזמער שפּילן פון אויבן, פון אונטן, פון די זייטן. זיי קושן אויס איר וועג. אויף דער לעצטער טרעפּ — שטעלט זי זיך אָפּ. גיין ווייטער? אַלע האָבן זיך אַ רוק געטאָן צו די ווענט. זי קאָן אַפילו זיין אַ בלינדע און צוגיין צו איר טראָן-שטול. זי קוקט אויף אירע ווייסע שיכעלעך, וואָס גליטשן זיך ווי שיפעלעך איבערן דיל.

איך שטיי אַ צוגעקלעפּטע צו אַנדערע רוקנס. מיר שטופּן איינע די אַנדערע, ווי מיר זאָלן וועלן צושטופּן די כלה צו איר הויכן ברעג.

פון ווייטן ציט זיך אויס אַ ריי מאַנסבילן, געקליידט אין שוואַרצן. פון פאָרנט, מיט ציטערנדיקע טריט, וויגט זיך אַ יונ־

גער בחור. זיין הויכער קאַפּעליוש וויגט זיך אויך אונטער אויף זיין קאָפּ. ער רוקט זיך צו דער כלהס ווייסקייט. די כלה, דאַכט זיך, האָט מורא פאַר אים און ער — פאַר דער כלה.

מיר האַלטן אין די הענט קאָלירטע אויסגעשניטענע פּאַפּיר־לעך. דער מאַרשעליק זינגט. די מאַנסבילן מיט דעם חתן קומען אָן נעענטער. דער רויטער טעפּיך איז שוין אינגאַנצן אויס־געשטעלט מיט שוואַרצע שיך. די כלה גלייכט זיך אויס און וואַרט. מיר האַלטן־צו איר רוקן. דער חתן דרייט נאָר אום זיינע הענט און וואַרפט ווי אויף זיך אַליין אַרויף איר ווייסן שלייער, ווי ער וואָלט וועלן אויפהענגען זיך מיט זיין כלה צוזאַמען.

מיר פאַרשיטן אים מיט די קאָלירטע פּאַפּירעלעך, ווי מיט שטערנדלעך פון הימל.

מיר פאַרשיטן זיך אַליין.

ווי אַן איבערגעדעקטער וואָלקן אויפן שוואַרצן דיל, — בלייבט די כלה אַליין.

מיר וואַרפן זיך צו איר צו. מען זעט נישט מער איר פּנים. מען האַלט זי אונטער פאַר די פּלייצעס, פאַר די זייטן.

אַ קליינער, רויטער הימל האָט זיך אויסגעשפּרייט אין מיטן זאַל. מען האַלט אים צו מיט גרויסע שטעקנס.

מען פירט די כלה ווי אַ געחלשטע צו דער חופּה...

אינהאַלט

זייט

ירושה (צייכענונג: ז. 6) — 7
דער הויף — 9
די באָד (צייכענונגען: ז. 20, ז. 25) — 20
שבת (צייכענונגען: ז. 43, ז. 49) — 35
דער מלמד (צייכענונג: ז. 57) — 57
ראש השנה (צייכענונגען: ז. 65, ז. 69) — 65
יום כיפור (צייכענונגען: ז. 75, ז. 83) — 75
סוכות (צייכענונגען: ז. 89, ז. 91) — 89
שמחת תורה (צייכענונג: ז. 105) — 99
דער ערשטער שניי (צייכענונג: ז. 109) — 109
אַ חנוכה־לאָמפּ — 116
דאָס פּינפּטע ליכטל (צייכענונגען: ז. 118, ז. 125) — 118
חנוכה־געלט — 129
די קראָם (צייכענונג: ז. 145) — 145
שלח מנות (צייכענונג: ז. 155) — 153
די מגילה (צייכענונג: ז. 171) — 167
פּורים־שפּילער — 179
וואָרמעס־צייט — 187
בודק חמץ (צייכענונג: ז. 197) — 195
ערב פּסח — 199
דער סדר (צייכענונג: ז. 219) — 213
אליהו הנביא (צייכענונג: ז. 229) — 226
דער אפיקומן — 233
תשעה באב (צייכענונג: ז. 237) — 237
אַ חתונה (צייכענונגען: ז. 241, ז. 253) — 241